STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08761

DI NAYSTE VERK

Moishe Nadir

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די נייסטע ווערק

פון

משה נאדיר

טינט און פּעדער

YIDBURO PUBLISHERS
Thirty-five East Twelfth Street
New York City

Copyright 1936
By
Isaac Moishe Nadir

אידביורא פארלאג
פינף־און־דרייסיק איסט 12טע גאס, ניו־יארק

אסטאריא פרעס, 61 א. 4טע סט., ניו יארק 490

באמערקונג :

מיט „פענונביקסלער“ איז געמיינט דער אוטאָר. דאָס קומט דערפון, וואָס אַ געוויסע צאָל פּאָלעמישע נאָטיצן האָבן זיך פון אָנהויב געדרוקט אין דער סעריע פעליעטאָנען מיטן נאָמען „פּ ע נ ו נ ב י ק ס“ (פען און ביקס).

צו אַ גאַסנפּויקער

אַפּן טויט פון מ. ל. האַלפּערין

ביים לעבן האָסטו זיי גערופן וואָס אין קאָרט,
ביים לעבן האָסטו זיי געהאַלטן בא דער טיר,
איצט קומען זיי צו לויכטן אין דיין שיין,
איצט שפּאַנען זיי צו דיר אין זאַל אריין,
איצט רייסן זיי די שלעסער אַף דיין וואָרט —
די לייט, די שכיינים דיינע.

ס'איז נישט אַזאַ מין ליד צו שרייען עס אין גאַס,
ס'איז נישט אַזאַ מין צאַאַר צו ווערן אויסגעהערט.
נאָר איך און דו, ווי פינגער פון איין האַנט,
צעשיידט, צעבראָכענע שוין לאַנג, שוין לאַנג.
אַן אייגן אויג אין קאָפּ האָט שיינען אויפגעהערט.
אָ, אויג, אָ, באַוווער מיינער.

דיין יוגנט איז געווען אַ פלאַמענדיקער קרעכץ.
און שפּעטער אויך געקעמפּט מיט ״ריצער„ אין
דער לופט.
נאָר ווען דער „ריצער״ לעבט און שעכט אַף
לינקס און רעכטס
פריידיגסטו אין גאַס: „באַצאָלן גוטס פאַר שלעכטס״,
ווי סאַנטשאָ ביזטו אויך צום „נאָבלעם וואָרט״
— אַ קנעכט
דו קינד, דו סאַנטשאָ-פאַנטשאָ.

ס'איז שפּעט אַצינד. ס'איז שפּעט און העלפן
קען מען ניט.
די נאַכט דעקט־צו, פאַרדעקט. די זון גייט אויף,
גייט אויף.
דיין אָנהויב האָט גערוישט און שטיל אַזוי דיין
ברעג,
אַ זשמעניע טרויער באַלייט אַ ריז צום לעצטן וועג.

עס טראָגן ארבל־קרעפּ לויט לעצטן מאָדעשניט —
די פריינט, די סאָנים דיינע.

און אָפּגעזאָגט דאָס „וואָרט", „קדיש" אָפּגעזאָגט.
אהיימצעצו עס איילן פרעמדע טריט.
דער לייב ליגט שטיל, די קאניעס רוישן איצט,
נאָר צוויי־דריי—פון דער ווייט—זיי גייען מיט דיר מיט,
זיי ווייסן ס'האָט א בליץ דיין נאָמען אויסגעקריצט
אין ווינט, אין ווינט, אָ, ברודער!

דער גאַסנפּויקער טויט; דער פּויקער ליגט אין פּראָס.
די פּויק אַליין פון הארצוויטאָג געפּלאצט.
און וואָס האָט ער דען ערגער נאָך געהאסט
ווי „סטרונעס גאָלדענע", דעם פיינעם בלומענשוואָל
דעם גאנצן פאלטשן דיכטערישן טראסק —
אָ, טויטער פּויקער מיינער!

קיין נאָטן נישט געשפּילט, כאָטש נאָטן גוט געקענט,
נאָר פונעם הארץ־ארוים ארויסגעשפּילט ס'הארץ.
און יעדער קלאַנג ווי העל! פון אייזערנעם ארץ!
און יעדער שטריך: אַף ווייס א דיק שטיק שווארץ.
עס האָט דיין אויג דאָך זיך אַליין פארברענט —
אָ, פלאַם, אָ ברודער מיינער!

נאָר ס'וועלן דיך אין גאַס גערדיינקען פּראָסטע לייט,
פּאר זידלען אַפן קאָל די „זונה־פּירערשאפט";
עס וועלן קינדער נאָך גערענקען ווי דיין ליד
האָט ווי א קויל אַף זוינע'ס קארק געגליט
און זי—מיט „מאך־דיר־הארץ"—האָט זיך „צעשטרייט"
מיט דיר, דעם גאַסנפּויקער.

צי איז אזוי „באַשערט"? דו וואָלסט געלאכט אַליין
איבער מענטשנס „מזל" אזוי בלינד און וויסט.
עס וואַקסט איעדער קינד ארוים דאָך פון זיין וויג,
און דו האָסט אין דיין וויגלבעט געוואַקסן קריג,
פון גאַסנפּויקער געוואָרן א פּליטיסט —
אָ קאַמערשפּילער, גאַסנפּויקער.

צי איז די זון שוין הינטערן בארג אוועק ?
און וואו איז „גאָלדענע פאווע"? מ'זעט זי נים!
א בערגל שטויב ליגט שטום און פאשע וואקסט
פאר פערד,
און גלייך ווי אלעמאָל, עס דרייט זיך היינט די ערד,

נאָר וואָס אויף זוינע'ס בעט עס ליגט פארשעמט דיין
שווערט —
איז ביטערער פון טויט, אָ, כאַוועך מיינער.

מיט מ. ל. האַלפּערין

(עפּיזאָד)

עס איז געווען אין א ביליקן טיי־הויז אַף דער בויערי. דאָס ערשטע געפיל מיינס, ביים ווידערבאַגעגענען זיך (נאָך עטלעכע יאָר) מיט מיין ליבסטן יוגנטפריינט איז געווען ארויסצוזאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל שטעכן ביז דער זיבעטער ריפּ, נאָר קוקנדיק אַף האַלפּערינס שטאָל־בלאָע, ליכטיקע, קינדערשע אויגן, אַף די אומבאַהאָלפענע טראָפּנס שוויים אַף זיין נאָז, האָב איך געשוויגן און מיר האָבן ביידע אָן ווערטער געמישט ד טיי — געמישט, געמישט, געמישט, ווי קלאָלעס מיט בראָכעס, ווי פּראָשיקלעך זון אין א קויטיקער שאָל וואסער, ביז ענדלעך האָט זיך משה לייב אָנגערופן, האַלב שפּאַסיק, האַלב ערנסט:

— נו, זאָג שוין, אז איך בין אזוי־און־אזוי און ס'זאָל מיר א רואך אין טאַטן אריין . . .

די שטאָל־בלאָע אויגן זענען געווען אָנגעשטעלט אַף מיר ווי פארשולדיקטע קינדער.

און ווען איך האָב נאָך אַלץ שווייגנדיק געמישט די טיי, אָנגעלענט מיט דער אַנדערער האַנט אין דער קאַלטער מירמלפּאַך פון א טישעל, וואָס איז געווען ווי דער נואַנס פון אונדזער אָפּגעקילטער פריינטשאַפט האָט משה לייב געזאָגט:

— דיר איז גוט. דו ביזט געגאַנגען פּאַוואָלי, געטאַפּט מיטן שטעקן, זיך אָנגעשלאָגן, געפאַלן. אויפגעשטאַנען, ווייטער געגאַנגען. דו האָסט דיך געלערנט גיין ווי א קינד — דורכן פאַלן און צעקלאַפּן זיך די נאָז. איך, אָבער, בין אריין מיט אַזאַ זאַמעך דורך דער טיר, אז איך בין באַלד ארויס דורכן פענצטער . . .

אַ פּראַכטפולער פּיעדעסטאַל — אַ ליידיקער

(אַ פּאָר שטריכן צו מוישע לייב האַלפּערנס שאַפונג־מעטאָד)

די טראַגעדיע פון מוישע לייב האַלפּערן: געבויעט, געבויעט, געבויעט אַזאַ הויכן, קאַפּשווינדלדיקן פּיעדעסטאַל פאַר עפּעס. טרעפּ־אַף־טרעפּ אָנגעבויעט. אַ געוואַלדאַוונע באַזע אָנגעבויעט פאַר דער פאַרהערלעכונג פון עפּעס גאָר אַ גרויסער, גאָר אַן אומצעשטערבאַר זאַך, וואָס איר האַשפּאָע וועט זיין איבער אַלע גרעניצן פון דער נודנער־נודנער־נודנער־נודנער אייביקייט.

מיט פּען און בלייפעדער און טינט־טראָפּנס, האָט ער פּיראַמידן געבויעט עפּעס־דאָרטן צו אַ גלאָרי־גלאָרי, עפּעס־דאָרטן צו אַ נאָגנדיקער טיפער בענקשאַפט וואָס דרייט זיך אַרום זיך אַליין, צעקייענדיק דאָס לעבן ווי אַ מעשוגענער הונט צעקייעט דעם אייגענעם עק. עפּעס האָט ער דאָרטן אָנגעהויפט אַ באַרג מיט קאָלירטן רויך, עפּעס האָט ער געשלעפּט פון אַלע ווינקלען וועלט שמאַיד און צירונג און גאָלד־פליטער און קאַראַרער שטיינער און נאָכדעם ווי אָט די אַלע ניט־צעגויפגערעדטע שטאָפן האָבן זיך גענומען קריגן צווישן זיך, האָט ער זיי — מיט זיין אָלימפּישן קויך — פאַראינטערטעניקט צום געבאָט פון האַרמאָניע, צום געבאָט פון אָרדענונג.

פון וואַנט צו וואַנט האָט זיך געשלאָגן דער גרויער, עלנטער קאָפּ, וואָס זינגט איך געדענק אים קימאַט איז ער גרוי און עלנט געווען. ווי אַ פענדלשטיק פון אַ זייגער האָט זיך מוישע לייבס קאָפּ געוואָרפן אַרויף און אַראָפּ מעסטנדיק מיט דעם זיין אייגן־געשאַפענע צייט, זיין אייגענע מענטשלעכע אייביקייט.

:: :: ::

האַלפּערן בא דער אַרבעט:

מיט כאַלאַט און שטעקשיך — שפּעט אינעם טאָג אַריין, — בא אַ טישל אַף וועלכן מי עסט, אין דער קיך — אויב מעגלעך צווישן 2 טעצלעך, איינס: מיט אָנגעוואָרפענע אויסגעברענטע שוועבעלעך. דאָס צווייטע: מיט קליינגעלט, פעניס, ניקלס, דיימס, זעלטן אַ קוואָדער. אַמאָל אַן אַסיגנאַציע פּריינטלעך צונויפגעלייגט (פאַר רויזעלען) אונטערן טעצעלע.

אז ער שרייבט — שרייבט ער מיט א קליין גאָלדשמיד־העמערל, ווי א פיליגראַן־קינסטלער, ווי דער קאַווקאַזער זילבער־איינלעגער אינעם האָלץ פון שפּאַצירשטעקן.

פּאַוואָלי־פּאַוואָלי־פּאַוואָלי.

דריבנע. אויסגעצייכנטע בוכשטאַבלעך, פּאַטשערקעלעך אין מערקווירדיק־גלייכע (כאָטש ניט געוווירעטע) שורעס אַף קליינע שמאָל־לאַנגע שטיקלעך פּאַפּיר.

ווי א פויגל קלייבט שפּייז: ניט דאָ, און ניט דאָרטן. עפּשער דאָרט־אָ!... אזויפיל ווערטער פאַראַנען אין דער וועלט, אזא פלאַם און מיראַזש און זומפּ פון ווערטער! אזא בלוטפּאַרפּלייצונג און לאַקריצגאַס און דונערקראַך און לאַוואַ־שפּיי פון ווערטער! און וואו דו רירסט זיך צו איז עפּעס ווי אַן אָפּנאַרעכץ. אביסעלע ווייטער, אביסעלע ווייטער. — דאָרטן, ווייזט אויס ס'גראָז צו זיין ווייכער, געדיכטער... אָט אקוראַט יענעם־און־יענעם טראָפּן אין צעשפּילטן שווענק־שטראָם פון צייט און רוים, אקוראַט אָט יענעם וואָרט־טראָפּן, וואָס ווייל אין א געוויסער פּאָזיציע צום אויסשטראַל פון א געוויסן ליכט, איז עס דאָס אויסגעטיילטע, דאָס געגאַרטסטע.

:: :: ::

קומסט אריין שטיל. ער זעט דיך ניט. דו ווילסט אים ניט שטערן. א כוצפּעדיקע פליצע מיט א גרוים אויער זיינען איינגעבויגן צום טיש, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט מיטן טיש צונויפגערעדן ביז סאַמע־אראָפּ, צום קאַלטן פוס־רעדעלע, אָדער עפּעס ארויסהאָרכן פון אים, ווי פון די פראַגעצייכן־שניטן פון א פּאַרקישעפטן פידל...

דער שטאָל־גרויער קאָפּ, נויגט זיך 1 מאָל, און צוויי מאָל.

ער פּאָטאַקעוועט אַז עס איז עפּשער־קען־געזיין גוט.

נאָר פּלוצים בלייבט ער שטיין. פאַרגליווערט. פאַרצווייפלט. נאָכאַמאָל א קוק טאָן...

די פּלייצע ווערט נידעריקער. פון דער שווערער בריל גיט עפּעס א פינקל. מוישע לייב פּויקט מיט א פינגער אין מאַנוסקריפּט און רעדט זייער ערנסט:

— דו! דו!...

אז ער דערזעט מיך, צעלאַכט ער זיך. געדענקט ניט וואָס ער דאַרף טאָן מיט דער פּען: זי אוועקלייגן, צי זי האַלטן מיט זיך.

ווי א פאַרשעמט קינד וואָס מ'האָט עס געכאַפּט אָפּטוענדיק עפּעס א שפּיצל, גיט ער א מאַך, דרייענדיק 1 האַנט איבער דער אַנ־דערער:

— מי מאָלט...

— אז מי מאַלט איז גוט...

— כ'האָב צעמאַלן דעם באַרג סיניי, וועלן מיר האָבן קאַשערע טאַביקע אַף שאַבעס־האַגאָדל...

:: :: ::

קינסטלער שטייען איינעם שטענדיק פאַר די אויגן: ענטוועדער מיט דער פּלייצע צו אייך, אָדער מיטן פּאָנים צו אייך. פון אַ טייל קינסטלער האָט איר ס'געפיל אַז זיי האַלטן אין אַוועקגיין, אין אַוועקגיין . . .

זייער ווייטערגאַנג דאָס איז אַ — ווייטעראַוועקגיין.

זייער צייטיק־ווערן איז דאָס אויסטערלישע רייף־ווערן פון אַ זאַכן וואָס געבוירט זיך בּיסלעכווייז צוריק אַריין אין דער מוטערס בויך.

פון אַ בוים, וואָס די צווייגן זיינען שוין צופיל מיט עפּל איבערגעלאָדן, הויבן די זעלביקע הענגענדיקע עפּל אָן צו וואַקסן צוריק אין דר'ערד אַריין — מיטשלעפּנדיק צווייג און שטאַם...

אויסגאַנגלאָזע רעטעניש.

אָן אָן אָפּשליסונג, אָן אָן ענטפער. דו ביזט הונגעריק זעצסטו דיך אַנידער אַף דר'ערד, באַזאָלצסט דיר אַ פּוס, און הויבסט אָן — עסן.

אַנדערע שרייבער ווידער שטייען פאַר די אויגן, שטענדיק־אָנקומענדיקע, שטענדיק נענטערע, נענטערע.

גיין גיט נאָר זיי אַליין קומען נענטער איבער דער גרויסער ווילדעניש־שטרעקע פון עמאָציע, איבער וועלכער עס שלענגלט בלויז אַ שמאָלער געדרייטער פאַס פון פאַרנונפט, נאָר אויך דאָ, דער לייענער, גייסט אים אַנטקעגן אין גלייכן ריטם, אין גלייכן טעמפּאָ. אָט־אָט־אָט און ער וועט דיך דערקענען. אָט־אָט־אָט און דו וועסט אים דערוויסן.

פאַרשטייט זיך, אַז די אַבסאָלוטע באַגעגעניש קומט פונדעסטוועגן קיינמאָל ניט פאָר. די פורכטבאַרע שטרעקע וואָס ליגט צווישן פערזענלעכקייט און פערזענלעכקייט איז ניט אַזאַ וואָס מי קען אין אַ לעבנסצייט באַזיגן...

האַלפּערנען האָט איר געזען: גיין און קומען. קומען און גיין.

אָט דאָס פּאָנים, אָט די היים־אָפּגעניקלטע אויגן אין וועלכע עס גליען הערנער! עס גייט אייך אַנטקעגן, אַנטקעגן — שנעל, שנעל, שנעלער. איבערגייענדיק פון שפּאַציר־טעמפּאָ אַף מאַרש־טעמפּאָ, אַף לויף־טעמפּאָ. ער לויפט מיט פאַרשאַפּטע, וואונדערלעך־ גליענדי־

קע אויגנהערנער אייך דוירעס־זיין; זיך דורכרייסן דורך אייך, ווי א מעסער אן א הענטל, פארפאלן־ווערן אין אייך, אייך צעבלוטיקן, מיט אייך מיט־בלוטיקן, קוילערן־זיך אין זאמד מיט אייך קעדיי די בריענ־דיקע וואונד אפצוקילן, אפצוקילן... נאר אין סאמע געשפאנטסטן אנלויף, דערמאנט ער זיך עפעס — ניין, עמיצער עפעס א ווילדס, אן אורמענטשיש — דערמאנט זיך פאר אים, גיט א צי בא א שטריקל, שניידט אים אפ דעם גאנג אזוי פלוצים, אז האלפערנס גאנצער גוף־און־גייסט גיט א מעכאנישן דראזשע. א הערעף־אייען איז ער פאר־טאיעט אין א טויטן פלעף. באלד אבער צעשמייכלען זיך די געבוי־גענע (געבראכענע) הערנער אין די אפגעניקלטע אויגן, וועלכע זיינען איצט אגרעס־ווייך און פון מיט אומזיכטבאר־גרינע הערעלעך. ער ווארפט אייך צו א בורלעסקישן טא־טא, דורך אויפהויבן א האנט ביז צום אקסל, ווי אין א פויסט, וועלכע ער מאכט אבער עטלעכע מאל אויף און צו, ווי אין א מעכאניש שפילכל און שוין זעט איר אים אוועקגיין אן אנגעבויגענעם.

אן אויער פלאמט עלנט אין דער זון, ווי א מיצרייעמדיקער קרוג, וואס מי גייט מיט אים צוריק פון דער ברונע — א ליידיקער...

די רינגעלעך אין זיין רוקנביין, ווען איר וואלט זיי געקענט אנ־טאפן, וואלט איר געפילט ווי איבער זיי דעפעשירט זיך עפעס אזוינס וואס איז טיף־ביטער, הילפלאז, פארפאלן.

האלפערן גייט אוועק, אוועק, פאוואליע, פאוואליע, פאוואליע, בייטנדיק ביסלעכווייז דעם ריטם: פון שפאציר, אף מארש, אף לויף־טעמפא, אזוילאנג ביזוואנעט עפעס־אזוינס גיט אים א כאפ אן באם שפיץ קאפ, א שטעל אפ אזוי פלינק, אז ער גיט זיך א דרענע. אלע זיינע ביינער גיבן א קנאק און א געשריי.

:: :: ::

. . . און אויפגעבויעט און אויפגעבויעט און אויפגעבויעט.

געמאכט עטלעכע טריט צוריק. צומערשט קלוימערשט אף צושטעלן א פויסט־שפאקטיוו צום אויג — א קוק צו טאן ווי זעט דער ביניען אויס פון דער ווייטן, און ביסלעכווייז אזוי אלץ ווייטער און ווייטער אין רעגרעס.

ביז זיך דערמאנט אז ער האלט אן אויסגעווארעמטן ציגל אין דער האנט.

א קוק אין דער אנדערער האנט אריין: דארטן איז די וואסער־וואג, אן וועלכער עס פינטלט דאס אייביקע אומגלייכוויכט־אויג...

האלפערן קערט זיך אום. לייגט צו נאך א ציגל און נאך א

ציגל. נאָך א וואָרט, נאָך א גערעַנק, נאָך א בילד פון קימאַט־אור־אָריגינעלען ליים געמאַכט, אין די אייגענע בלוטן אויסגעבערענט און מיט אזא קויעך צונויפגעוואָרפן, צונויפגעטראַסקעט, אז עס האַלט זיך — אָן צעמענט, אָן עפּעס וואָסער־ס'איז באוואוסטזיניק סאָציאַלע צו־נויפבאַהעפטונג, אפילו אָן דעם דינעם פּאַפּ פון זייטן־אַרט.

:: :: ::

ווערט מוישע לייב צעקאַכט אינעם אינערלעכן ווילד־געפּרעגל שילט ער די אידישע מיידלעך „וואָס שלאָפן מיט גויעשע הינט", מיט דער זעלביקער מינע ווי זיין פּאַראַכטעטער נאָווי ביאַליק ווען ער וואַרפט דעם רעקווייזיטן־טאָפּ צו דר'ערד און רופט אויס „אַט אזוי זאָלט איר צעבראָכן ווערן"...

:: :: ::

שטייען ליידיק די טויזנטער טרעפּ פונעם גוואַלדיקן פּיעדעסטאַל וואָס האַלפּערן האָט געבויעט אַף אָרויפצושטעלן — א גענעץ?

שטייט ליידיק דער גלימער און גלאַנץ, די גלאָרי און דער כאַ־לעם פון דער ריזיקער רישטעוואַניע, הינטער וועלכער עס האָבן זיך געבויעט — נאָך א מאַסע אַנדערע רישטעוואַניעס...

אמאָל מיט אידעלע גאָטישע שפּיצן. אמאָל מיט שווערער באַ־ראָק און ראָקאָקאָ צירעריי, זעלטן מיט מאָדערנער נוצלעכקייט־שיינקייט, זעלטן מיט דער גראַנדיעזיטעט פון גוירל־באַשטימונג.

גיי איך אָפּט פאַרביי מוישע לייבס אַמאָליקע וואוינונג אין דער באַשיידענער „טייווע אָפן זאַמד" אין קוני־איילאַנד. זע איך אים גייענדיק פון גראָסערי מיט א שקאַרמיץ מיט זעמל אין דער האַנט. ער זעט מיך ניט. אז ער קומט צו דער ערשטער טרעפּ דערמאַנט ער זיך עפּעס, גיט א נעם ס'לינקע שפּיזל פון זיין בריל און גיט עס א באַוועג ווי ער וואָלט וועלן זען צי ס'וועט זיך האַלטן (נאָך אזוי פיל יאָרן!), לאָזט אַרויס א גענעץ אין שאַרפן פּראָפיל, שטייט א ווײַלע פאַרלוירן מיט א פוס אַף דער ערשטער טרעפּ, נעמט דעם פוס פּאַוואָליע אוועק, כאַטשע דעם פוס, זעט אויס, גלוסט זיך ניט אוועק־צוגיין — ער איז שוין דאָ וויל ער שוין זיין! — האַלפּערן גייט אַף עטלעכע טריט, גיט ווידער א גענעץ. קערט זיך ווידער אום. נעמט פאַנאַנדער דעם שקאַרמיץ, קוקט אריין אינעווייניק ווי אין אַן אָפּ־

גרונט, נעמט ארויס א זעמעלע, ברעכט עס אויף, וויל עס פאוואליע נעמען אין מויל אריין, פארט פארביי אן אטאמאביל און גיט א פייף.
צעלאכט ער זיך און מאכט: הא־פא...

:: :: ::

. . . און באנאכט — אין כאלעם — זע איך אים אפט. איך נעם אים ארום. ער קלאפט מיר אף דער פלייצע:
— סעי, מיר די לעצטע צוויי נאבל־לייט...
און ער שטעקט זיך איין א גרינע רויז אין דער האנט־געשלייפטער פיטעלקע פון זיין עלעגאנטן איבער־ציער.
איך ווייז אים מיט א פינגער ארויף צום שפיץ פונעם פילטרע־פיקן, לוידיקן פיעדעסטאל:
— מוישע־לייב, זע נאר. האסט פארגעסן עמיצן ארויפצושטעלן — — —
איך כאפ מיך אויף אין שוויים.
א פאראנגסטיקער...

סענטימענטווארג.

איך רוף זיי ארויס אין מיר — די מעלאַ־פּאַרביקע פיגורן. פונם פאַרגאַנגענעם לעבן, פון אַ פאַרגאַנגענער וועלט. ווי פון אַ מאַיסע־ביכל ארויס, קומען זיי צוגיין. גרויסע קלומפּנס שאָטנס, אַנגעזונגענע בערג. צערונענע שטיינער, פאַרפרוירענע ווינטן.

ס'איז נעכטן, ס'איז מאַי־צייט אין מיין היימלאַנד. די גרויסע מאַי־בלעטער פון דיביימער אין גאַלעכס גאָרטן שעלעשטשן און גלעטן די אויגן, ווי אַ גרינגע, געטרייע האַנט וואָס מ'קאָן געטרויען.

דאָס שטעטל איז מיט לאַנגע זון־ליניעס פאַרוואָרפן. די לאַנגע ליכטיגקייט נאָגוועט זיך אַריין אומעטום, וואו אַ שפּאַרע איז אָפן, די שאָטנס זענען קיל און דופּטיק, און עפּעס אויך פון אַן אַנדערער פאַרב — זומערדיק־טונקל, בלאָלעך־שוואַרץ. אַנדערע שאָטנס זענען ווי פעטע פינצטערנישן, אָבער די איצטיקע שאָטנס זענען בלויז אי־בערגאַנגן, מיטנדרינענס.

:: :: ::

די לײם־בערג אַרום שטעטל זענען פאַרכידעשט פון זיך אַליין, דערקענען זיך נישט. אין אַנדערעס מאָל דאַכט זיך, אַז די בערג זענען אַזוי שווער, אַז ס'האַרץ ווערט דאַפון צעשראָקן, אָבער איצט דאַכט זיך אויס, אַז די לײם־בערג זענען פון גלימצערדיקער, האַרטער זויער־מילך, עפּעס אַזוינס, וואָס איז גרינג און שיין און — מ'קען עס אַף רינגלעך צענעמען, אַף פּלאַסטן צערוקן, ווי גרויסע צוקער־ווערפלעך, וואָס מ'האָט דאַפון אַ צוקער־כאַלעם אויפגעבויט פאַר קינדער.

...זאָל דורכגיין די פּראָצעסיע פון יענע מעלאָפּאַרביקע מענטשן, וואָס האָבן אין מיין שטעטל געלעבט! — די פּויערימלעך מיט די ברייטע קאַפּעליושן, וואָס פּאָרן אין פעלד אריין אַף דעם לאַנגן וואָגן פון דראַבינעלייטערס, אַ געזאַנג פאָרט־נאָך מיטן שטויב, אַ טרויריק־זיסע פּייפל־מוזיק בלייבט הייגען איבערן מאַרק נאָך זייער אוועק־פאָרן. דאָס פּייפל־שפּיל קײטלט זיך אַף די דעכער אַרויף, אַף די פענצטער־געזימסן, לאָזט זיך צום טאָל אַראָפּ, וואו דאָס גרינלעכע וואַסער רינט אַרויס פון אַ געשפּאָלטענעם פעלז און רינט אריין אין פרישן טייך —. ס'איז ווי עמיצער וואָלט מיט אַ מעסער עפּעס גאָר אַ טייערע זאַך אויסגעשניצט פון הוילער לופט, און עס צישן הימל־שטיבער אויפגעהאַנגען. די ליקן פאַרפילט, די גערטנער באַוואָרפן.

יונגע ווינטלעך קומען פון דער גרינער פּאַשע שוער און זאַט און פויל. זיי ליגן זיך אינאיינעם מיט די סאַמעטענע ביקלעך און לאַשעקעס אויף דעם נידריקן באַרג־צעפּוסנס, וואָס קלינגט שטיל אין זיך אַריין אַ טיפע האַנאַ פון דער וועלט, פון די גאָלדענע מינוטלעך, וואָס היפּן אַרום אויף די רענדלדיקע בלעטער־פּלעקן.

אין מיטן־מאַרק, וואָס איז איצט ליידיק, און שמעקט ווי אַ וואַלד, שטייט אַ „קאַרפּאַטניק״, (אַ באַוואוינער פון די קאַרפּאַטן־בערג). ער איז אַ האָלץ־טאַקער, גייט ער אָנגעטאָן אין זיין באַרג־קאָסטיום — לעדערנע האַלבע הויזן, אַ געשנירלטן קאַמיזויל, אַ הוט מיט אַ פּעדער. ער טראָגט אויף זיך די אַלע שיינע האָלצזאַכן: ליול־קעס, שטעקנס, ציגאַרשפּיצן, נאָדל־טעשלעך, בייטשן, ציגאַרנדאָזעס. אידישע אינגלעך רינגלען אַרום דעם „קאַרפּאַטניק״, פרעגן וויפיל ס׳קאָסט. טאַפּן־אָן ס׳געשניצטע האָלץ, וואָס איז אויסגעהאַנגען אויף דעם „גייענדיקן געוועלב״, שטעלן הונדערטער פראַגעס; אַ פּיצווייניקל מיט לאַכעדיקע אויגן, ווי צעעפנטע האָזענע־נים, הייסט זיך גיבן די לייענגסטע ליולקע, שטעלט זיך אַרויף אויף אַ שטיין, נעמט דעם ציבוק אין מויל אַריין, מאַכט „טקיא״ און וואַרפט אַוועק די ליולקע און אַנטלויפט. דער קאַרפּאַטניק לויפט אים נאָך, אָבער ער קען אים נישט כאַפּן, ווייל ער קען זיך נישט איינבויגן. די האָלצזאַכן זענען אויף אים ווי אַ פּאַנצער, מיט ווייניק גלידער־קייטלעך.—

די קינדער צעלויפן זיך מיט אַ געקוויטש, שטייען פון דער ווייטן און קוקן ווי דער קאַרפּאַטניק מוטשעט זיך אויפצוהויבן פון דר׳ערד די ליולקע און לאַכן, און וואַרפן אויף אים גרינע האַרטע פלוימען, וואָס זענען נאָך דערווייל נישט גרעסער ווי קאַרשן.—

ערגעץ עפנט זיך אַ רונד „קוקערל״ פון אַ לאַנג פענצטער — דער שטאָטישער גוויר געניצט אַרום זיין פאַרשפּעטיקטן גוטמאָרגן. אַי־בער אַ שוואַרצער באַק אַריבער. זון זאָגט „אַ גוטער אויפשטאַנד אויף אייך ר׳ גוויר לעבן״! און אַ שוואַלב מאָלט שוואַרצע פיילן אין דער לופטן, צעברעכט זיי, פליט העכער און נידריקער פון אירע אָנ־געצייכנטע ציקלען, שטעלט זיך אָפּ ברעג קלויז־דאַך, דערלאַנגט אַ שטיקל בלאָטע אין אַ יונג שוואַלבן־פּיסקל, וואָס שטעקט זיך פון אַ נעסט אַרויס. פליט ווייטער — אַרום זיך אַליין, ווי זי וואָלט זיך וועלן אַרומבויען פון אַלע זייטן, מיט איר אייגענער לופט־שינע, ווי זי וואָלט וועלן אַרומוויקלען אַרום זיך די גאַנצע ציטערדיקע לופט, דעם גאַנצן גאָלד־ציטערדיקן איצטער.

אין דער ניט־אידישער הינטערגאַס איז גרין און טונקלעך און עפּעס ווי פייכט און פעלדיש. די גאַס איז הינטערן באַרג — שמעקט

דאָרט שטענדיק רעגן און בלי־פּאַסאָליעס, און פּונגען און קאָרנשטרוי. אַ ברייטע, שאָקלדיקע ליאַכע, מיט אַסאַך ציצל־שפּיצלעך אונטער זיך, גייט אַרום און ברומט עפּעס פון גרויס טאַנעג, צו זיך אין האַלז אַריין. די נאָזלעכער זענען ווי די אויגן, סע דאַכט זיך אויס: די כאַזירטע האָט פיר קליינע אויגעלעך: דורך צוויי זעט זי. דורך צוויי מאַכט זי „קרי־קרי".

אַ געפלאָכטן טירל פון אַ פּלויט איז צוגעבונדן מיט אַ קאָרע־שטריקל. סע וויל אומפאַלן, אַז סע שטאַרבט, נאָר דאָס קאָרע־שטריקל דערלאָזט נישט. דאָס טירל איז אין קאָס. ציט זיך אויס, ווי ווייט סע קען, בויגט זיך נידריקער, נידריקער — עס רוט נישט. היינט־מאָרגן, וועט עס אויספירן זיינס, און גיבן אַ פאַל, און זיך אָפּרוען.—

אינווייניק אין דעם ליים־געקלעפּטן שטיבל פונם רייכן כאַזיר־הענדלער פעדקע איז אַ געשמאַקע דושנעקייט, אַ זיסער טשאַד פון פאַרגאָסן פעטס. אַ כעוורע כאַזירשלעגער מיט וואָנצעס ווי באַרשטן טרינקען טיי, שוויצן, ווישן זיך מיט שטיקער רויטן לייוונט, וואָס זיי האַלטן אַף די אַקסלען, ווי האַנטיכער. איינער אַן אַלטענקער, מיט געפויגלטע צוויי האַלבע, בלאָנד־ווייסע בערד, האָט שוין אָפּגע־טרונקען. האָט ער איבערגעקערט ס'גלאָז מיטן דנאָי אַרויף, אַרויפּ־געלייגט פון אויבן אַ שטיקל צוקער, פאַר אַ סימען, אַז ער וויל שוין מער נישט. סע שלאָגט אים צום האַרצן אַן אַנגענעמע נודנעקייט. ער וויל אויסשפּייען. זוכט ער אַן אָרט. צילט אַריבער איבערן טיש. איבער אַלע „געסט" — טרעפט אַפּן האָן, וואָס שטייט צוגעבונדן, יענער וויל גיבן אַ קריי, און איז זיך מעיאַשעוו אינמיטנדרינען און גיט אַ גאַגער, ווי אַ הינדל. די פּויערימלעך לאַכן, פּאַטשן זיך איינס ס'אַנדערע איבער די אָפּגעזעגטע לאַנג־האָריקע קעפּ, ווי מיט פּראַלניקעס, דערנאָך הערט זיך עפּעס אַ מענטשלעכע מוזיק, וואָס ס'איז נישט שוין צו באַשרייבן.—

:: :: ::

ס'איז אָנהויב יוני.

דער טאָג איז ווי אַ גאָלדענער פלאַסטער אַף אַ „גרינט" (אומ־ריינעם קאָפּ). דער פאַרנאַכט קומט מיט גרויסע טונקעלע גרין־בלע־טער און וויקלט איין דאָס שטעטל, ווי אַ וואַקסנדיק קעפּל קרויט וויקלט איין אַ וואָרים, דערציט אים פאַר זיך — אַ סוינע אין איינגענעם האַרץ.

די אָרימקייט האָט נישט ליב די גרינקייט, די גרינקייט לאַנג־ווײַלט זיך פון דער אָרעמקייט.

אין רעגנדיקע טעג לעבן־אויף אַלע שטעטלדיקע מענטשן, ס'איז

די אָרימקייט האָט נישט ליב די גרינקייט, די גרינקייט—.
עפּעס, ווי אַ קראַנקער דערזעט אַ קראַנקן, דער מיסער אָפּגעשליסע־נער דרויסן איז מער „הײמישער־מענטש”, ווי דער שיינער פּראַנט אין אויסגעפּוצטן גרינס— —.

לעבן שאַיע־שוסטערס שטיבל בליען זונבלומען, מיט שוואַרצע אייגעלעך. דרייען זיך אַף די אייגעלעך בינען. דינע, זיידענע בינען־פליגלען וואַיעווען אַרום די שוואַרצע בלומען־אייגעלעך, ווילן דעם האָניק אַרויסנאַשן, אָדער — עפּשער ווילן זיי אין די האַלב־צייטיקע בלומענאייגעלעך זייער ליבע־געזאַנג אַריינזינגען?

ס׳איז אָנהויב יוני.

אַ גרינע זאַטקייט פאַרמאַטערט די אָרימע מענטשן, עך, ווען סע זאָל זיין שוויים! ווען סע זאָל זיין היץ! ווען ס׳זאָל זיין טשאַד!

ניכטערקייט: אין מיטנדרינען עפּעס אַ טאָג, וואָס איז ווי יאָנטעוו און זינגען האָט מען נישט וואָס און שמייכלען שעמט מען זיך און אַרויסגיין שפּאַצירן פּאַלט נישט איין, ווי סע פּאַלט נישט אַיין אַ בלינדן פּויגל אַרויסצופליען פון זיין טעמנער נעסט. פון שניידער־געסל קומט אַרום עליע דער קייזערלעכער שניידער מייסטער. (דער „קייזערלעכער” רופט מ׳אים דאַפאַר, ווייל ער האָט אַמאָל געגייט אַ ראָק פּאַרן... זשאַנדאַר) ער איז אַ דין מענטשל, מיט אַ בערדל ווי פון ווייסן שוים, און אַ פּאָנעם־הויט פון אַ פיש, און אויגן — ווי קנעפּלעך — אַן אויסטערליש מענטשל, וואָס היפּערט באַם גיין, ווייל ער איז צו גרינג, און ער האָט נישט אין זיך קיין געוויכט. ער שמייכלט שטענדיק מיט גרויע אַרבעסדיקע ציין. דער „קייזערלע־כער שניידער מייסטער” איז נעבעך שוואַך אַף איוורי, און אַף ציי־פערן, איז ער שטענדיק אין אַ פאַרלעגנהייט. אָבער ער שעמט זיך אויסזאָגן דעם עמעס. דאַפאַר פרעגט ער קיינמאָל נישט: „וויפיל האַלט באַ מיר דער זייגער?” (ער האָט אַן אייגענעם טעשל־זייגער, מיט אַ שליסעלע, וואָס הייננט אַפן קייטל) נאָר ער נעמט אַרויס דעם זייגער, גיט אַ קנאַק־אויף די קופּערטע און זאָגט:

— אַ נו, גייז נאָר אַ קוק, איך בעט אייך, ווי גוט מיין זייגער גייט... אַ יאָ ער גייט גוט, האַ? וויפיל האַלט ער?

אַן אַנדערש מאָל דאַרף דער „קייזערלעכער שניידער־מייסטער” עפּעס צונויפרעכענען און ער קען נישט, אָבער ער שעמט זיך אויס־צוזאָגן, פרעגט ער נישט „וויפיל איז 7 מאָל 8?” נאָר:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, איר זאָלט מיר לאַנג לעבן, וויפיל איז די לעצטע צייט זיבן מאָל אַכט? כ׳האָב שוין לאַנג נישט אַריינגעקוקט אין דאָס...” — און די קנעפּל־אויגן לאַכן

און דאָס שוים־ווייס בערדל ציטערט ווי סע וואָלט געוואָלט צערונען ווערן, און די קנייטשן אַף דער פיש־הויט פון צעטריקענטן, קליינעם פּענימל, זענען ווי אַ באַהאַלטעניש פאַר די אַלע זוניקע, האַרציקע דריבנע געלעכטערלעך זיינע, וואָס זענען אַזוי קליין און שיין און אומזיניק ווי דאָס לעבן אין אונדזער שטעטל:

וואו די ליימוואַסערן רינען,
וואו די האָפּן וואַקסן,
וואו מיינע כאַלוימעס האָבן אָפּגעבליט.

ווי אַזוי איך שרייב

עטלעכע גרונט־שטריכן פון מיין ליטע־
ראַרישן באַנעם, אויפנעם און אויסדרוק

דער ציל פון אַט־דעם אויפזאַץ איז אויסצופאָרשן די אַלערליי מעכאַניזמען פון „שאַפן" און דאַדורך עפשער קומען נענטער צו אַן אַנטפּלעקונג פון די קונסט־„מיסטעריעס", וועלכע זענען אייגנטלעך בלויז די זייער פאַרשפּיצטע, קאָמפּליצירטע „טריקס אָוו דהי טרעיד" (פאַך־טריקס). דאָס קען באַהילפיק זיין סיי די יונגע שרייבער אונ־דזערע, און קען אויך — אין געוויסע פאַלן — געבן אַ שליסל צום אַנאַליז פונם שרייבערס טאַלאַנט.

לאָמיר זיך, קאָלעגן, איינס ס'אַנדערע „אויסהאָרכן ס'האַרץ" מיט אַט דעם איינפאַכן ליט־סטעטאָסקאָפּ ווי אַ מיטל צו דער ערשטער דערקענטניש פון טעמפּעראַמענט, געוואוינהייט, שולונג, עטצ.

:: :: ::

אָנגעהויבן האָב איך שרייבן — לויפנדיק, דערנאָך האָב איך געשריבן פאָרנדיק, שפּעטער — שטייענדיק און איצט שרייב איך זי־צנדיק.

איך מיין דאָס,פאַרשטייט זיך, ניט בוכשטעבלעך. איך וויל דאָ־מיט בלויז זאָגן, אַז מיין שרייב־טעמפּאָ, כאָטש עס ווערט, דאַכט זיך, ניט פאַרלאַנגזאַמט, ווערט אָבער פאַררואיקט, פאַר־געדולדיקט.

מיינע ערשטע (בעסערע אַרבעטן, צווישן פיל זייער שלעכטע) זיינען געווען פּראָדוקטן פון פאַרסאָפּעטער אומגעדולד; אַביסל שפּעטער (אינעם עלטער פון 38—30) האָב איך די בעסטע זאַכן (צווישן זיי אַ טייל גוטע, אַ טייל זייער שלעכטע, זעלטן מיטלמעסיקע) אויסגעאָטעמט אין איילעניש, און שוין דער פולם אַליין, די שטראָמיקייט פלעגט מיך דערפרייען צו אַזאַ גראַד, אַז איך האָב שוין קיין פיש אין שטראָם ניט געקענט און ניט געוואָלט זוכן...

:: :: ::

ערשט אַז איך בין די איבערראַשונג פון „טראָגן אַזוינע פיינע ברילן" איבערגעקומען, האָב איך די ברילן אויפגעהערט צו זען און אָנגעהויבן זען — צומערשטן זיך אַליין, אין דער גאַנצער באַלגאָווע־

דיקער ניט־שיינקייט, אין דער גאַנצער פּאָזע, וואָס איך האָב אינערלעך טיף פיינט געהאַט פון אַלע יאָרן, נאָר וועלכע מיין נייגונג צו טע־אַטראַלישקייט האָט אַריבערגעוואוינען.

איצט שרייב איך קאַלטער, שווערער, פּראָסטער און—איך ווייס ניט, אַף ווי פיל בעסער, ניט ווייל איך בין אַף מיין אייגענער אַרבעט קיין מיוויין ניט, ווייל שטייענדיק מיט דער נאָז אַפן שפּיגל, קאָן איך זיך אַליין ניט זען אינם נויטיקן פּערספּעקטיוו.

אין אַ שפּעטערדיקן פּעריאָד (אויב עס וועט זיין אַזאַ) וועל איך, גאָרנישט ווי קיין אַנעוו, נאָר מיט קילער פּראָסטקייט קענען זאָגן: מיין אַרבעט פון יאָר... איז געווען גוט... שלעכט... מיטלמעסיק.

צישן מיינע געוואוינהייטן (שלעכטע) איז צו שטעלן פּינטעלעך קימאַט בא אַלע סאָף־פּאַראַגראַפן, כאָטש איך האָב בעטעווע פיינט פּינטעלעך.

איך שרייב אַף יעדן סאָרט פּאַפּיר, אַמאָל געווירעט, אַמאָל ניט געווירעט, שטענדיק קרום, מייסטנס מיט אַ שלעכטער איילנדיקער האַנט־שריפט. אָפט איז מיין היינטיקע שריפט ניט ענלעך צו דער נעכטיקער און בא מיר ליגן מאַנוסקריפּטן אַלטע, וועלכע איך קען קוים דערקאָנען צי זיי זיינען מיט מיין האַנט געשריבן.

:: :: ::

סטיליסטיש בין איך איצט ווייניקער „מפונעק" ווי אַמאָל—כאָטש מיין וואָקאַבולאַר, מיין שפּראַך־אינוועטאַר, איז איצט, מיין איך, רייכער און קאָלירפולער.

זעצערס האָבן מיין האַנטשריפט ניט ליב און די וואָס זעצן בי־כער דערשרעקן זיך, אַז זיי הערן, אַז דאָס בוך איז מיינס. אַפילע ווען עס באַשטייט פון אַלטע אויסשניטן, האָב איך די פאַרשאָלטענע, פאַרשווענדערישע טעווע — אַנשטאָט אַפן מאַנוסקריפּט — צו אַרבעטן אויף די אויפגעזעצטע „גאַלים" (די ערשטע אָפּצוגן פון די לינאָטי־פּירטע שורעס) און שפּעטער אַף די געשלאָסענע בלעטער.

דאָס נעמט זיך דאָפון, וואָס אינערלעך בין איך צום סאָף ניט צוגעבונדן, טראַכט פון זיך קיינמאָל ניט, ווי פון אַ שרייבער. עס דאַכט זיך מיר שטענדיק, אַז שרייבן איז אַ קליינקייט און יעדער מענטש דאַרף דאָס קענען. איך בין אויך איבערצייגט שוין זייער לאַנג, אַז פון „רויען" טראַכטן ביז דעם אויסגעראַפינירטן געדאַנק איז אַ גרוי־סער מאַהאַלעך און אַז אַפן וועג ווערט דאָס ווערטפולע, דאָס וואָס גראַבלט זיך מיט ציין־און־נעגל צום לעבן — פאַרלוירן אין פּראָצעס

פון אַנקלאַפּן אין אַלע בלוט־טראָפּנס פון די געדאַנקען און עמאָציעס, ביז עס ווערט וואו־ניט־וואו אין אַ בלאַסער פאָרם אויפגענומען, פעסטגעהאַלטן, ארומגעטאַפּט מיט אַלע אינערלעכע כושים. פונם פעסט־געהאַלטענעם געדאַנק ביז צום אויסדרוק גייט אויך אַ שפּאַר ביסל פאַרלוירן אַזוי, אַז דאָס וואָס קומט צום אויסדרוק, איז דאָס אומבאהאָלפנסטע.

דאָס זענען — טײלווײז — סאָפּיסטישע גריבלערייען, װעלכע שטערן מיט פרייד אויפצונעמען דאָס וואָס דער גייסט פּראָדוצירט. עס וואָלט עפשער געווען לאָגישער צו באַטראַכטן די פאַרפּלאָנטערט־קייט אין אייגן שרייבן ווי אַן איבערפּראָדוקציע פון שטאָפן, אָן אָנ־געגרייטע לאַגער־ערטער, וואו די שטאָפן אהינצוטון.

טראַכטן — טראַכט איך שטענדיק שטויסנווייז (ווי מע רופט עס אין דער פיזיק) און ניט פלוסווייז.

דערפאַר פעלט אין מיינע גרעסערע אַרבעטן אָפט דער העמשעך, די אַרכיטעקטורישע אויסמעסטונג, ווײַוואויל עס פעלן (אָפט) נישט די אַלע נויטיקע מאַטעריאַלן.

דער לייענער דאַרף זיך פאָרשטעלן אומגעפער: איך ברענג פענצטער, טירן, ציגל, שינדלען, ברעטער, שלעסער, צעמענט, וואַפּנע, פאַרבן — אַלע נויטיקע בוי־מאַטעריאַלן. איך נעם זיך די מי יעדער שויב אָפּצופּאָלירן, יעדן ציגל אָפּצופאַרבן, יעדן שטיין אַרומצושלייפן, נאָר פאַר דער וואַסערמאָס — פאַר גלייכקייט פון סטרוקטור — האָב איך קיין געדולד נישט. פּילייכט אויך ניט די פייאיגקייט (צוליב מיין פעלערהאַפטן זיקאָרן) צו נוצן ווי פּאַכלייט נוצן עס.

מיר איז גרינגער צו שרייבן עטלעכע זאַכן מיטאַמאָל, אָדער איין זאַך (אָדער מער) יעדן איינציקן טאָג, ווי צו שרייבן בלויז אַביסל אין לאַנגע העפּסאָקעס (אינטערליודס). יעדער געדאַנק געבירט אַ צווייטן, אַ דריטן.

לעש איך מיך אויס, פאַרגעס איך אינגאַנצן אַז איך בין אַ שרייבער, לאָז איך אַלע געדאַנקען גיין פאַרלוירן,—טרייב זיי קימאַט אַרוים פון מויעך מיט געוואַלט און לאָז אַריין אַ גרינגע לופט צו דער־פרישן מיין פאַרמאַטערטן געהירן.

דאָס שרייבן אַליין איז מיר זעלטן שווער, נאָר — דער נאָכ־קלאַנג!

נאָך יעדער אָנגעשריבענער זאַך קומען ווידערקלאַנגען, לאַנג־לאַנג, ציטערן־נאָך, מאַטערן און אַנגסטיקייט. איך בין אינגאַנצן פאַר־קלונגען ווי אַ פּוסטער טורעם, אין וועלכן עמיצער האָט אַלע גלע־

קער געלאָזט אַרבעטן. עס איז ווי די אָנגעטראַכטע שטאָפן וואָלטן עפּעס משונהדיק אויסלויכטונגען קלינגענדע אַרויסגעגעבן, וואָס זענען אַסאַך העלער, אַסאַך בלענדיקער ווי די שטאָפן אַליין.

דער בעסטער מיטל אין אַזאַ פאַל איז: זיך זעצן שרייבן. מיטן אָנשטרענג צו דערטאַפּן באַ זיך אין דער טיף עפּעס נייעם פאַרגעס איך דאָס שרעקלעכע נאָכקלינגען. נאָר באַלד, ווי עס איז צו דער־וואַרטן, קומט אָן אַנדערש אַף זיין אָרט, ביז איך שטעל אינגאַנצן דאָס שווערע ראָד אָפּ, פאַרגעס אַלדינגס, ראַטעווע מיך דורך ניט לאָזן קיין געדאַנק זיך פעסטהאַלטן אין מיינע — לאָמיר זאָגן — גע־הירנצעלן.

:: :: ::

איך האָב קיין שום „געמבלערישע" נייגונגען ניט. דאָס נעמט זיך, גלויב איך, דערפון, וואָס באַ מיר איז דאָס שרייבן אַליין אַ סאָרט „הויכער שפּיל", אָן אַזאַרט: איך ווייס זעלטן מיט 10 מינוטן פריער וואָס איך וועל שרייבן, כאָטש אָפט איז מיר קלאָר, אַז שרייבן וועל איך עס אַזוי און אַזוי.

יעדע אָנגעשריבענע זאַך איז פאַר מיר אַן איבעראַשונג.

אַמאָל פלעג איך היסטעריש־מעלאַנכאָליש לאַכן, לעזנדיק אין מאַנוסקריפּט מיינע הומאָרעסקעס (און אַפילו אין אַ בוך אויך). היינט קוק איך אַף מיינע הומאָריסטישע אַרבעטן קימאַט מיט גלייכגילט, לאַך זעלטן דאַביי. נאָך ווינציקער — איבער „פּראָפעסיאָנעלן הו־מאָר", וועלכן איך האַלט פאַר אַן אומבאַהאָלפענער און נידריגער מאַדרייגע.

איך קען ניט געדענקען איך זאָל אין די לעצטע יאָרן האָבן ווען עס איז געלאַכט אָדער געשמייכלט לייענענדיק אַ בוך. מיט דער אויס־נאַם פון געוויסע שטעלן אין קולבאַק'ס „זעלמעניאַנער", וואָס האָבן מיט זייער ברוטאַלער סאַטירע אַפן שטיינער־לעבן (אָבער ניט איבער מענטשן) אַרויסגערופן אַ טיף־האַנאָעדיקן שמייכל.

:: :: ::

ווען איך לייען אַנדערע שרייבער, שטוים איך מיך שטענדיק אָן אַף שטעלן, וועלכע איך באַוואונדער דורכאויס און אַפילו באַ די קלענסטע ליטעראַטן, באַ די ערגסטע דילעטאַנטן טרעף איך אָפט די פּאָשוטסטע אויסדרוקן, אַף וועלכע איך בין זיי שטאַרק מעקאַנע, ווייל אַקוראַט אַזוינע אויסדרוקן, אָדער ווערטער, אָדער געדאַנק־קאָמ־

בינאַציעס וועלן צו מיר קיינמאָל נישט קומען (עס קאָן געזיין, אַז ווען זיי קומען — נעם איך זיי ניט אויף. מיר אָבער איז עס, אין העלן, אויבערשטן באַוואוסטזיין, ניט באַקאַנט).

:: :: ::

איך שרייב קיינמאָל ניט קיין שום זאַך סיידן איך האָב צומערשטן אַ נאָמען דערפאַר.

דער נאָמען מוז זיין אַזאַ, וואָס האָט „אַן אייגן פּנים" (אויב דאָס איז ניט קיין אַנשטעלערישער זאַג), וואָס געדענקט זיך צוליב אָריגינעלער קורצקייט אָדער לאַנגקייט, אָדער נאַנטקייט („מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן ס'דאַזיקע בלוט", „פון מענטש צו מענטש", „ווילדע רויזן", „אַ וועלט מיט אַרבעט", „פּויסטן און פּאָנען", עטצ.).

די נעמען פון מיינע העלדן"—דאָרטן וואו עס זענען דאָ באַ מיר אַזעלכע — זענען קימאַט שטענדיק אויסגעטראַכטע. עפּעס אַ געפיל האַלט מיך קריק פון „אָפּנאַרן" דעם לייענער פון זאָגן אים: דער מענטש הייסט אַזוי און אַזוי. סיידן ווען איך שרייב ביאָגראַפיע: דעמאָלט גיב איך אָפּט דעם עסענציוועסטן „עמעס", אינאיינעם מיט מיין... וואונטש-עמעס.

:: :: ::

אין אַלע יאָרן פון מיין שרייבערישער באַשעפטיגונג (איך האָב גע־האַט אָנגעשריבן „מיין שרייבערישער קאַריערע" און האָב עס אויסגע־שטראָכן, איך האָב פאַר דעם וואָרט „קאַריערע" מוירע!) אין אַלע מיינע, לאָמיר זאָגן, 30 יאָר, וואָס איך בין באַם שרייב-פּאַך, קען איך מיך ניט דערמאָנען איך זאָל האָבן — מיט דער פען — אַ העלד „דערהאַרגעט". סיידן אין די ערשטע, אומגעצאַמטע, וואויל־יונגע־רישע הומאָרעסקן — אַף אַ שפּאַס, נאַטירלעך.

געגנשטאַנדן פינטלען שטענדיק פאַר מיינע אויגן. דעריבער האָבן זיי דעם פלאַטער־גלאַנץ וואָס זיי האָבן — ניט דעם גלאַנץ „פונם מילעכוועג" פון די שטערן, נאָר פון מיין אייגענער אומ־זיכערקייט.

:: :: ::

איך האַלט — איך פלעג האַלטן (היינט ניט), אַז די עמעסע פאַכמאַנשאַפט. ווערט דערגרייכט ערשט נאָך יאָרן־לאַנגער אַרבעט, אָבער אַז טאַלאַנט איז יוגנט, אַז דער ערשטער פּעריאָד אין מענטש־

לעבן לעבן איז אלץ וואָס דער מענטש לעבט: אַ מענטש קען פיר, פינף, זעקס מאָל איבערלעבן די ערשטע 15 יאָר פון זיין לעבן, אָבער ווייטער ווי די ערשטע 15 יאָר לעבט ער ניט...

:: :: ::

עטלעכע מאָסן פאַר מייסטערשאַפט:

1. אַף וויפיל קענסטו זיך אַלס קינד?

2. אַף וויפיל דער שרייבער, ווי דער מאָלער, קען די אַנאַטאָמיע פון זיין געגנשטאַנד.

דער מייסטער פון דער נאָוועלע, פון דער גרויסער פּאָעמע, איז דער וואָס קאָן שרייבן פון אַלע זייטן, פון אַלע אַנאַטאָמישע פּונקטן אויס און דערנאָך צונויפפירן, צונויפהעפטן, אַן אָטעם אַריינבלאָזן, עס לעבעדיק מאַכן.

לעבעדיק באַשאַפן אַ בוך פון גראַדן אָנהויב ביזן רעגולירטן סאָף — דאָס, גלויב איך, גיט זיך קיין שרייבער ניט איין.

.1935

קאַליא טעפּער

קאַליא טעפּער — זיין פעדערנאָמען איז געווען „ד׳אברוצי", זיין נאָמען איז באַקאַנט געוואָרן דורך די טערפּקע פעליעטאָנען, „זיגזאַגן", וואָס האָבן זיך („אין זייער צייט") געדרוקט אין דער פ. א. ש.

פּאָרטרעט קאַליא טעפּער: נידעריק־רירעוודיק. קליידער הענגען אַף אים ווי אַף אַ געשטעל. ס׳פּאָנים איז לויטער רירעוודיקע נערוון און ס׳שטייט נישט אַף קיין אָרט. עס דאַכט זיך: לויטער אויגן, לויטער נערוון. אַ בינטל ברענענדיקע נערוון ארויסגעוואָרפן אַפן ווינט.

קוועקזילבעריש־גיך. האַסטיק ווי שוים פון אַ פריש־געעפנטער פלאַש מיט שאַמפּאַן — פאַרנעמט ער זיך ברייט, רינט־אַריבער, צע־קלעקט זיך אין זידנדיקע פלעקן.

קען אַסאַך לעשוינעס, געדענקט ביבליאָטעקן אַף אויסנווייניק, זעצט ער זיך אַנידער קעגן שפּיגל, מעסט־זיך אָן איין טאַלאַנט, נאָך איינעם, קלייבט זיך אויס דעם בעסטן און... לייגט זיך אין אים שלאָפן.

אַ שריפטשטעלער — פאַר שריפטשטעלער. איינער וואָס קען דאָס פאַך מיט אַלע זיינע סוידעס, זיינע טעכניקן, אַ גוואַלדיקער מייסטער אַף . . . קאַליע צו מאַכן די פיינסטע זייגערלעך.

אָדער אַף אַרויסצונעמען די „וועריק" פון די קופּערטעס, אַראָפּ־רייסן די ווייזערס, אַריינלייגן די „מעכאַנישע אינגעווייד" צו זיך אין קעשענקעלע און . . . ס׳זאָל נאָך פונדעסן אַביסל קלאַפּן.

אַ „קישעף־מאַכער", וואָס ווייזט ווי די „קונצן" ווערן געמאַכט. און אין דעם ווייזן אַליין שטעקט מער קונץ, ווי אין אַסאַך קונצן...

:: :: ::

טעפּער איז אַ מענטש מיט אַ טיפער ערודיציע. האָט אַ פענאָ־מענאַלן זיקאָרן, און פּויאיקייטן אָן אַ שיר.

לעבט שלעכט און — ווי ס׳מאַכט זיך. אַ נאָזיר וואָס פּייניקט זיך, לויט יויזל־פּסוקים. גייט אין מילכאָמע מיט . . . שאָטנס. נעמט זיך אָן די קריוודע פון אַלע פאַרזעסענע מיידלעך, פון אַלע זויערע שרייבער, פון אַלע פאַסקודנע נאָנעס, פון אַלעם וואָס איז פּרוכטלאָז. טעפּער פּייניקט זיך מיט עמעסן אַזוינע, אַזוינע אויסגעטראַכטע...

איך טראַכט פון טעפּערן: אַ פּאַס מיט איין רייף פון אונטן. און דער איינער רייף איז אויך אַביסל צעשפּאָלטן.

נישטאָ וואָס ס'זאָל צענויפהאַלטן.

רעליגיע, פילאָזאָפיע, ליבע — אַריבערגעשפּרונגען: „איך האָב מיך פאַרקנעכט צום געדאַנק פון עפּעס אַ פרייהייט"...

זיין טיש־וואָרט „מעלאַנכאָליע" (פון אים האָב איך עס אין די יונגע יאָרן געכאַפּט דאָס וואָרט!) זיין אַלעכעמישער מעטאַד: מאַכן פון גאָלד — בלעך...

:: :: ::

לעבן לעבט קאַליאַ טעפּער שרעקלעך אָרעם. אַ שטראָפּער און אַ „נאָווי", ווערט ער אין קאַס און באַליידיקט אייך, אַז איר זאָגט אים, אַז ער האָט אין זיך אַ „פּונק פון אַ „נאָווי", וואָס איז אַ „פאַרזעסענער באָכער"...

אַ גוטמוטיקער קאַיסן, און — אַ קינד, אַזוי מילד . . . אַזוי גוט...

באַנאַכט וויינט ער מיסטאַם פון שלאָף.

אַ צולעהאַכעסניק, וואָס נעמט נישט אָן קיין זאַך אַנדערש ווי באַ די הערנער — אַפילע אַ פלוי.

מישט און מישט אין קאַלטן, ריינעם וואַסער, מישט גאָרנישט אויס.

סע ווערט נישט זיסער, סי ווערט נישט זויערער, סי ווערט נישט מערער, סי ווערט נישט מינדער. אָבער ער איז פאַרנומען אין מישן ווי אין אַ ריטואַל...

:: :: ::

קאַליאַ טעפּער קומט קיין אַמעריקע מיט אַ גרויסן וועלטלעכן באַגאַזש. אַ שמעק געטאָן „אונטער די עקן" פון עפּעער 40 קולטורן. באַקומען אַ קאַטער אַף דער נעשאָמע... ניסט מיט... מעטאַפיזיק. לאַנגווייליקט זיך.

די לאַנגווייל טאַפּט די ווענט, די סופיטן, דערגרייכט צום יופּיטער — גענעצט אַלדינג אַרום מיט אַזאַ ליבן, ווייכן גלאַנץ...

זעצט ער זיך אַוועק און ווערט אַ קענער פון אידיש.

און ווי אַזוי קען ער אידיש!

בעסער פון אונדז אַלעמען.

סי גייט נישט אַוועק קיין יאָר זינט ער האָט זיך אויסגעלערנט אידיש, אַרבעט ער שוין אַף אַ אידישן ווערטער־בוך.

נעמט אַלטע, איינגעפונדעוועטע ווערטער און זאָגט זיי אַף

ס׳לעבן, ווארפט זיי פון אלע טרעפ אראפ, זיי ברעכן די קעפ... ער הויבט זיי אויף, געשלאָגענע, האלב־טויטע, ראטעוועט זיי אָפּ... און שטעלט זיי אריין — זיי שטייען און ציטערן פאר זיין קוק.

דערווייל זעצט ער זיך אוועק און גיט א ווער א . . . פעליעטאָ־ניסט פון „זיגזאגן״. ער שרייבט מיט גרוים מי, ער ווייס נישט וואָס נישט צו שרייבן...

עס איז דאָ אזויפיל נישט צו שרייבן—און ער מוז דאָס אַלצדינג נישט־אַריינשרייבן אין איין קליינעם פעליעטאָנטשיק...

ס׳איז פאָלג מיך א גאנג!

הארעוועט ער, שוויצט איבער יעדן וואָרט.

דערנאָך שוויצט ער ווייטער בא דער ארבעט פון פארפום־־גיסן „וואָרין קיין שוויים־רייעך טאָר זיך נישט הערן״.

דאצו איז ער צופיל — „ד׳אברוצי״.

שרייבט ער צעביסלעך: ענגע, טויט־שטייפע זאכן, שפריצט זיי איין עפעס א מיטל זיי זאָלן זיך צאפּלען.

זיי צאפלען זיך, מאכן אן איינדרוק, אָבער קיין ברויט האָט מען דאפון נישט. קוים אביסל ביטערן קאַווער.

ווערט ער אן איבערזעצער.

ער איבערזעצט פון עטלעכע שפראכן, און טאָמער קומט אוים צו איבערזעצן פון אזא שפראך, וואָס ער קאָן נאָך נישט, זעצט ער זיך אוועק און . . . קאָן!

פארהאקט זיך אין א ביבליאָטעק אף עטלעכע טעג, און קומט ארוים מיט א שפּאָגל־נייער שפראך, וואָס קיינער פון די אידישע שרייבער פארשטייט נישט.

:: :: ::

ער פאָרט אוועק פון אונדז.

איבער דער וועלט, אף א סאמאָוואר.

„ווער זידט? איך, צי דער סאמאָוואר?״

. . . אין ווארשע האלט ער רעפעראטן איבער „אלטע יונגפרויען און די קלויסטערלעכע לערעם פון הייערסטראָם״. — דער עולם שרייט: גיט אונדז אָפּ ס׳געלט פאר די בילעטן.

ער האלט עס פאר א טרומף. מאכט דעם עולם קאָמפּלימענטן פאר זיין גוטן געשמאק און . . . פאָרט אוועק.

פארכאפט אים דער „אָקטאָבער״ בא א פוס, גייט ער ארום אין זאק־קליידער, פארלאָזט זיך אַ קאָלטענעוואטע באָרד און זעצט זיך אוועק לערנען גערמאנישע פילאָלאָגיע...

זאָל עס אריבערשטאַרמען, ער וויל זיך נישט מישן...

איצט וואָס?

„איינאָרדענען זיך, פאַרגעסן, ארויסשטופּן די וועלט אין דרויסן ארויס״.

פאַרוואָרפט זיך ערגעץ אין אַ דערפל אַף סיביר, און ווערט דאָרטן אַ „סליעדאָוואַטל״.

ווערט אומעטיק. נעמט ער איינמאָל אין אַ סאָף־כוידעש, ווען ער באַקומט ס׳געהאַלט פאַרן מאָנאַט (80 רובל, דאַכט זיך) און רופט צענויף פּויערים און פיד־קולאַקעס פון זיין דאָרף, מאַכט אַ שטיקל יאָנטעף, מיט לעכט און . . . מיט צוקערלעך, און מיט לעקעך, און מיט פייגן (מ׳טונקט זיי אין בראָנפן!). צעפּאַטערט ס׳גאַנצע געלט, און ער מוז זיך שפּעטער באַנוצן מיט מעלוכע־געלט.

„סטייטש, בירגער טעפּער?״

ענטפערט ער מיט אַ גלייכווערטל, און מיט עטלעכע ציטאַטן אַף אביסיניש.

די גע־פּע־או קען קיין אביסיניש נִיט. פאַרלירט ער די שטעלע און גייט אַרום ליידיק, און פאַרברענגט זיינע טעג אין דער לענינגראַ דער ביבליאָטעק. אַמאָל נעכטיקט ער דאָרטן אונטער...

ווען איך בין געווען אין לענינגראַד, האָב איך נישט געוואוסט, אַז ער איז דאָרטן. קיינער פון די כאַווירים אין מאָסקווע האָבן ניט געוואוסט. געזוכט, געזוכט, נישט געפונען אים.

ערשט אין אויסלאַנד האָב איך דערהאַלטן פון אים אַ בריוו.

:: :: ::

טעפּערס בריוו

מיין ליבער, טיף־סענטימענטאַלער
משה נאַדיר:

איך זאָל האָבן ערהאַלטן אייער ליב בריוול אַ וואָך פריער, ד.ה. אײדער איר זיינט אַוועקגערופן געוואָרן, וואָלט איך אומבאַדינגט פאַרפאָרן קיין מאָסקווע אַ קוק אַף אייך צו טאָן און אַרומצופלאַפּלען וועלט, מענטש און נאָך אַנדערע אינטימערע קלייניגקייטן. אַ שאָד, אַ שרעקלעכער שאָד. נאַר פאַרפאַלן! ווי וואָלט איר דערפרייט מיין גאַנץ־פאַרעלטערטע מוטער אין בראָנזוויל. שטאָלץ אַדרעסירט זי ברוקלין (איך פאַרשטיי, אַז האָבנדיק אַריבערגעצויגן זיך פון בראָנקס, ברוק עוו. קיין פּיטקין עוו. פילט זי זיך דעגראַדירט) און אַנדערע פאַמיליען־מיטגלידער און אַ האַלב צענדליג גוטע ברידער, דערציילנדיק זיי וועגן מיר ניט פון קאָפּ. — אייער אייביק־רירעוודיקער קאָפּ! — נאָר וואָס געזען און געהערט און געטאַפּט מיט אייגענער

האַנט און אויג. איך זאָל האָבן אייך געזען דאָ און אייערע שטאַרק־געזאַמעלטע ווערק, וואָלט איך אייך איינגערעדט צו מאַכן זיך אַן אומשטערבלעכן נאָמען אויך אין רוסישן לאַנד און ליטעראַטור.

ווי לאַנג וועט איר בלייבן אין פּאַריז: זעט זיך אומבאַדינגט מיט ע. וואַרשאַווסקי, דעם אויטאָר פון די „שמוגלערס“; איר וועט זייער אַנטוישט ווערן, ער איז אַ זייער דעליקאַטער, ליבער, גאָר־אינגלישער מענטש. וואָס האָט ליב מעלאַנכאָליע און בקירע. עפּעס ברעכיגעס אין אים, וואָס רירט, ווי אַלעס צום־לעבן פאַראורטיילטע. איך קען אים פון וואַרשע; גיט אים איבער מיין האַרציקן גרוס. ער זיצט אַוואַדע אין דערזעלבער קאַפע, וואָס איר טוט דאָרט זיצן.

צופעליג איז מיר אַריינגעפאַלן אין די הענט אַ בלעטל ביכער־נייעס פון דער וואַרשעווער קולטור־ליג. אַזאַ אָרימקייט, פּראָווינציאַלישקייט און סטיל־גייסט־אָרימקייט! דערלאַנגען זיי דער ווידערגעבאָרענער אידישקייט די קאָברינשע מאַפּאַסאַן איבערזעצונגען פון וועלכע מען קען זיך גוט באַקענען מיטן אומגעלומפּערטן, שרייערישן, געשמאַקלאָזן לעאָ קאָברין און זיין לאָשען און סטיל, אָבער ניט מיט מאַפּאַסאַנ׳ען.

קלייבט איר זיך שרייבן וועגן אונדזערע ראַטנלענדער? אין וועלכער פאָרם? די צאָרע איז, אַז די וועלטגעשעפטן גייען אַזוי עקלהאַפט און אַלע בורזשואַזיען צוזאַמענגענומען און יעדע באַזונדער זענען אַזוי טיפשוסדיק און אַכזאָריזדיק טריוויאַל, אַז וועגן אונדזערע לייט און אָרדנונגען קען אַ הומאָריסט ניט רײדן פריי און לייכט און שמייכלענדיק. די פּאָליטיש אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציע צווינגט אים אַרומקוקן זיך.

ווי נוצלעך וואָלט אייך געווען מיט מיר דורכצושמועסן זיך און אייערע רוסלאַנד־איינדרוקן מיט מיינע פאַרגלייכן! איך האָב אויך אַ יאָר צייט רוסלאַנד געטאַפּט און געשמעקט. אַרומדרייענדיק זיך דאָרטן צישן פּויערים, די דאָזיקע שרעקלעכע, גאַנץ אומפאַרשטענדלעכע מענטשן. אַז איך לייען וועגן רוסלאַנד עפּעס פון ענגלישער אָדער אַמעריקאַנישער זייט, דוכט זיך מיר, אַז איך ווייס ב ע ס ע ר: איבעריגענס עפּשער איז גערעכט מיין שפּאַניער פון דער „רעוויסטאַ דע אָקסידענטע“, וועלכער שרייבט וועגן דעם דייטשישן עסעאיסט א. פּאַקוועט אַנטדעקונגען פון דער רוסישער פיזיאָנאָמיע מיט אַזעלכע ריכטיקע, אָבער גאַנץ באַנאַלע אַפּאָריזמענלעך, וואָס זענען פאַר מיר באַצויבערענד־פריש אַ דאַנק דעם, וואָס זיי זענען געשריבן אין אַ פרעמדער, מאַיעסטעטיש־זיסער שפּאַנישער שפּראַך. לייען איך אינם שיין פון אַ קאַמין־פייער, פערטער שטאָק, מיט דער הילף פון אַ בייכיקן ווערטערבוך פון יאָר 1850. וועלכן איך האָב דער ערשטער אויפגעשניטן. טראַכט זיך, אַז פון דער רעאַליטעט מיט אירע טויזנטער קלייניגקייטן, שאַרפע ווינקלען און נישטיגקייטן האַלטן מיר אין איין לויפן ווייטער, אין עקזאָטיק אַריין, דאָס געהיימניש פון יעדער ראָמאַנטיק. און צום עמעסן לעבן, דער „רעאַליטע פּראָפונדע“ זענען וועגן פאַרשיידענע און ווער ווייסט, ווען ביסט דו דערגאַנגען צום טאָך און האָבנדיק דערגאַנגען, קוקסטו ווי אַ נאַר, זעסט ניט און פאַרשטייסט ניט און דרייסט זיך ווידער אַרום פון די איינציקע עמעסע אָרעמס. וואָס פאַר אַ שייכעס דאָס האָט צו אייערע רוסלאַנד־איינדרוקן, אָסער צי איך ווייס, אָבער אונדז ביידע כאַראַקטעריזירט אַ נייגונג צום קאָנסעקווענט־אומקאָנסעקווענטישן מיט דעם

אונטערשייד, וואָס איר האָט טאַלענט, נאָר אייך האָט אייער ביסל געשמאַק און סטיל געקוילעט און איך האָב אַ קליין ביסל געשמאַק און דאָס וואָלט געקוילעט אַלע מיינע טאַלענטן, ווען איך זאָל האָבן. צום גליק בין איך ניט טאַלענטפול, און עפשער דעריבער זאָגן גוטע ברידער, אַז איך בין אַ מענטש מיט טאַלענט. און ווער וואָלט דאָס געקענט פאָראויסזאָגן אַז דער דורכ־אויס־רומענישער, וועגעטאַריאַניש־מוזיקאַלישער קאָנראַד בערקאָווסקי וועט ווערן דער באַדייטנדסטער נאָוועליסט אַמעריקאַס, ווי עס שרייבט זיך וועגן אים אין דער אַקדאָמע פונם איבערזעצער. וואָלט איך עס געהאַלטן פאַר די נאַטירלעכע איבערזעצער — היפערבאל, ציטירט ער אָבער קריטיקער פון „איוונינג פאָסט” און „טיימס” און איך ווער פאַרשעמט, וואָס איך בין אַזוי לאַנג געזעסן מיט קאָנראַד בערקאָוויסי אין „מאָרגן זשורנאַל” און ניט דער־שמעקט זיינע טאַלענטן. און ווידער פרעג איך צוזאַמען מיט פאָנטיוס פילאטן: וואָס איז אַזוינס וואַרהייט?

שרייבן וועגן מיר ווילט זיך ניט לאַנג. איך בין איצט אָן אַ שטעל און אַרבעט. אין אַ יאָר אַרום האָב איך ווידער אַלע רעכט ווידער צו ווערן אַ געזעצלעך פאַטענטירטער רעכט פאַרזאָרגער. אַ סוואָרע אַז איך פאַל אַריין אין דער לעני נגראַדער שטאַטס ביבליאָטעק מיט האָנאָראַד: 56 ר׳ אַ מאָנאַט. פיר מילכאָמעס מיט דער וועלט; דאָס איז לייכטער ווי צו האָבן צו טאָן מיט זיך. די וועלט קאָמפּראָמעטירט דיך קיינמאָל ניט; דו ביסט אין דיינע אויגן שטענדיק קאָמפּראָמעטירט.

שרייבט מיר וועגן אייערע פלענער און רוסלאַנד־איינדרוקן און — ס׳אַראַ ערגעניש, וואָס איך האָב ניט געזען דאָן־קיכאָטישן נאַדיר אין לייב און ניט האַנאָע געהאַט פון דער אומערשעפלעכער שפּיל פון אייער באַאומרואי־גענד־אומרואיגן לייכט און שאַרפזין.

אייער אין ליבע

ק. טעפער

אַרום דר. חיים זשיטלאָווסקי

I

זינט איך געדענק דעם דר. חיים זשיטלאָווסקי, איז ער שטענדיק דער „גרויסער דענקער" און דער „זאַפטיקער שרייבער".

האָב איך מיך גענומען צוקוקן צו דעם ליבן דר. חיים זשיטלאָווסקים שרייבן, און — אוי איז מיר נישט געשען. עס איז דאָך א בעמישעניש, זאַמדיקער אידיש, וואָס קריצט אונטער די ציין...

דער ליבער דר. חיים זשיטלאָווסקי איז טאַקע געבוירן געוואָרן אין א זיידענער פּיזשאַמאַ.

איך לייקן נישט דעם ליבן דר. חיים זשיטלאָווסקים פאַרדינסטן פאַר אידיש. ער האָט אונדז באַשאָנקען די סימכע. ער איז געווען די שיינע באָרד אויף דעם פּראָסטן פּאָנים פון אונדזער פאָלק — ער איז געקומען צו אידיש, אין דער צייט ווען „געבילדעטע מענטשן" האָבן גערופן אונדזער שפּראַך „זשאַרגאָן" און געצויגן מיט דער נאָז, יעדעס מאָל וואָס מ'האָט דערמאָנט דער שיפּכעס נאָמען.

ווערעויד, און נאָכמער: דער ליבער דר. חיים זשיטלאָווסקי איז געקומען צו אונדז ווי א „פאָלנער איירעפּייער"! ער האָט געקענט רוסיש און אַנדערע לעשוינעס. ער איז געקומען צו אידיש, ווי דער „רייכער פעטער פון אַמעריקע" קומט צו זיינע אָרימע קרויווים אין זלאָטשעוו.

ניין, וואָס זאָג איך ווי א „רייכער פעטער"? אונדזער דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט (ווי אַן עמעסער דעמאָקראַט) אַראָפּגענומען די גאָלדענע קייט פון זיין וועסטל, אַזוי גיך ווי ער איז צוגעקומען צום אָרימען פעטערס שוועל.

ער האָט זיך אָנגעטאָן אויף דער צונג „די אָרימע שפּראַך פונם פאָלק", און זי איז אים געווען (נעבעך) ווי אַן אייגענע.

דאָס אַלדינג איז זייער פיין, זייער ראָמאַנטיש.

עס איז געגנוג א ראַכמאָנעס, אַז א גוי איז זיך מעגאַיער, ביפראַט אַז א איד לאָזט זיך נאָכאַמאָל באַשניידן, אוים ליבשאַפט צו זיין פאָלק!

דער ליבער אידישער דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט זיך „מעגאַיער געווען" און זיך צוויי מאָל באַשניטן. ווייסט מען נישט: איז ער דאַפון געוואָרן מער איד, צי ווינציקער?

מילא, אַז איר'ט זאָגן, אַז דער ליבער דר. חיים זשיטלאָווסקי קען

זייער שיין רעדן, זייער שיין טראַכטן, וועל איך מיך נישט שפּאָרן, אַפילו אַז איר׳ט מיר זאָגן, אַז דער דאָקטאָר זשיטלאָווסקי איז אַן אָריגינעלער פילאָזאָף, וועל איך אייך אויך גלויבן, — וואָס קען עס מיר שאַטן?

איך האָב שוין אַמאָל געשריבן, אַז דר. חיים זשיטלאָווסקיס קויעך שטעקט אין דעם, וואָס ער קאָן נעמען אַ גרינגן געדאַנק און אים פאַרפּלאָנטערן און אים „מיט אַסאַך מי און קאָסטן״, ווי מ׳זאָגט, מאַכן מוירעדיק שווער, און דערנאָך ווידער „מיט אַסאַך מי און קאָסטן״ אים קריק אויפפּלאָנטערן און אים מאַכן האַלב אַזוי גרינג, ווי ער איז געווען פריער, איידער דער ליבער דר. זשיטלאָווסקי האָט אים זאַטשעפּעט.

מיילע, וועגן די־אָ זאַכן שלאָג איך מיך מיט אייך נישט. אָבער אַז איר זאָגט מיר: „זעט נאָר וואָס פאַר אַ זאַפטיקן אידיש דר. זשיטלאָווסקי שרייבט״ — מוז איך מיך שוין מיט אייך קריגן.

אין איין טאָג איז מיר געקומען צו דער האַנט (פון אַ צייטונג־אַרטיקל אין פּ. אַ. ש.) אַט וואָסערע מוסטערן פון דר. זשיטלאָווסקיס זאַפטיקן אידיש:

„זיינע מעמוּאַרן האָבן פאַר מיר . . . ממשות׳דיגע רעזולטאַטן. איינציגע פון יענע אָריגינאַלן, וואָס זענען איבערגעאַרבעט געוואָרן אין דער באַשעפערישער פאַנטאַזיע פון קינסטלער, אויסגעגראָבן פון עבר, ווי שיינקייט־אוצרות פון טוט־אַנ־כאַמענ׳ס קבר (אויסגערעכנט אַקוראַט! — מ. נ.) און פאַרגלייכט מען די אָריגינאַלן מיט זייער אָפּשפּיגלונג אין דער קונסט באַמערקט מען אַ סך וויכטיגע שטריכן און זייטן פון דעם אידישן מהות אין דעם אַלטן פרום־אידישן לעבן האָבן נאָך נישט געפונען זייער רעכט״.

איר פאַרשטייט עפּעס פון דעם־אָ מיט־ווערטער־פאַרפּאַפּטן זאַץ? שטראָף מיך גאָט, אויב איך הויב אָן צו פאַרשטיין, וואָס דער ליבער דר זשיטלאָווסקי איז דאָ אויסן צו זאָגן!

אָדער אַזאַ זשיטלאָווסקישער פּלעכט:

„. . . (פיליפּ קראַנץ׳ס) בוך ב ר י י נ ג ט ד י ב אַ ־ ש ר י י ב ו נ ג פון פאַקטן. מיט ו ו אַ ר ע מ ע ר ד אַ נ ק ־ ב אַ ר ק י י ט האָב איך עס מיט דעם ה י י ס ע ס ט ן וואונש״ . . . וכו׳.

II

אין זשיטלאָווסקיס אַטאָביאָגראַפיע אין „טאָג״ פון 19טן יאַנואַר געפינען מיר (אין אַן אַרטיקל פון אַ צוויי קאָלומנעס) גאַנצע צוועלף (12) שטיקער גאָלד מיט זילבער:

1

. . . טויג אינגאנצן און לחלוטין און לגמרי גארנישט. קיין איין האר א רעכטע! (זשיטלאווסקים שוואכקייט צו „ברעקל” און „האר” !)

2

. . . איך זיץ שוין באם טיש און ווארט אף אים מיט הארץ — א פארפרוירן שטיקל אייז (איר האט שוין אמאל געזען נישט קיין פארפרוירן שטיקל אייז? — מ. נ.).

3

. . . (נאכן „אוראק”) אויך מיין לערער ווערט א גאנץ אנדערער, און עס הויבט זיך אן דער ריכטיקער פארגעניגן”.

4

. . . האבן געצויגן דעם אויפמערק פון דער ראדיקאלער וועלט. („אויפמערק” קען מען בעשום־אויפן נישט זאגן: מ'קען זיך א קוועטש טאן און זאגן: „אויפמערקעניש” — וועט דאס אויך טויגן אף קאפארעס. ווארים אויב „אויפמערקזאמקייט” ווערט אפגעקירצט אף „אויפמערק”, דארף דאס ווארט „אויפמערקזאם” אפגעקירצט ווערן אף „אויפם”! אי, ווי אזוי זאגט מען פארט אף אידיש „אויפמערקזאמקייט”? אלעמאי ווי אזוי זאגט מען אף אידיש „קיישהייט”? „אויסשווייפונגען”? „פירלעפאנץ”? — מ'זאגט נישט. מ'זאגט עפעס אנדערש!).

5

. . . פייעריק־שווארצע אויגעלעך.

6

. . . זאגט ער מיט א שטרייגן בליק אין די אויגן.

7

. . . אט דעם געדאנקלעכן פארבאדינג פון דעם דעמאלטדיקן סאציאליזם.

8

. . . זיי זענען פרומע, טיף־רעליגיעזע, אין גאט־הייס־גלויבנ־דיקע אידישע קינדער.

9

...א פיקייאך אין פולסטן זין פון וואָרט.

10

. . . . נישט אַלץ, וועגן וואָס עס ווערט גערעדט פאַרשטיי איך גאַנץ.

11

. . . . מ׳דאַרף האָבן אומבאַשרייבלעכן מוט.

12

. . . . (דאָס בלאַט געמאַרע און דער „אוראָק״) אָט דאָס איז, וואָס זיי אַלע האָבן פון מיר אומבאַרמהערציק געפאָדערט, און וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געקענט, ווי דער סיידער איז.

III

גלויבט מיר: איך האָב מיך אַף א האָר נישט באַדאַרפט אָנשטרענגען צו געפינען אָט די צוועלף „דימענטן״ אין זשיטלאָווסקים אַרטיקל פון קנאַפּע צוויי ציטונגס-שפּאַלטן!

:: :: ::

אין א פריערדיקן אַרטיקל (פון דער זעלבער סעריע-לעבן) זאָגט דר. זשיטלאָווסקי, אז . . . „ס׳איז פלאַך און פּלאַטשיק״ (ס׳איז מ. נ.). ליהאַי ווי מ׳זאָל זאָגן: די וועלט איז רונד און קיילעכדיג!

און איר זאָגט: זאַפטיקן אידיש!

:: :: ::

„טשעין-סטאָרס״ איבערזעצט זשיטלאָווסקי „קעיטן-קראָמען״ — און איר זאָגט: זאַפּטיקער אידיש!

:: :: ::

זאָל ער מיר טויזנט מאָל מוחל זיין, דער ליבער דר. זשיטלאָווסקי, אָבער זיין אידיש הויבט מיר נישט אָן צו געפעלן.

אויב זשיטלאָווסקים אידיש איז א „זאַפטיקער אידיש״, קען מען שוין זאָגן, אז די עגיפּטישע פּיראַמידן זענען זאַפטיקע פּיראַמידן!

:: :: ::

א נייע שוואַכקייט בא זשיטלאָווסקין: יאָנטעוויטים!

דער ליבער דר. וואָלט זייער געוואָלט, אז די וועלט זאָל זיין פול מיט שיינע יאָנטויווים. אַלע אידן זאָלן גיין אָנגעטאָן אין הויזן

פון פורפורוואַל, זיצן אין די שיינע ביבליאָטעקן, טראַכטן די שיינע געדאַנקען און טרוימען די שיינע „טראָומען".

און ווער וועט לאַטען שיך, ליבער דר.? און ווער וועט רייניקן קאַנאַלן? און גראָבן קוילן? און שמעלצן אייזן? און ווייקן פעל? און מיסטיקן פעלדער?

אַדרעראַבע, לאָז זיין יאַנטעף, דר. לעבן! נאָר לאָמיר, שרייבער און קינסטלער, דערווייל שמעלצן אייזן און רייניקן קאַנאַלן און ווייקן פעלן, בעאיים די אַנדערע 99 און זיבן אַכטל פּראָצענט וועלט וועט זיצן אין די שיינע ביבליאָטעקן און דיינקען שיינע געדאַנקען און טרוימען די שיינע „טראָומען"...

:: :: ::

אין „טאָג" האָב איך געזען אַ בריוול פון אַ לעזער, בעט ער, אַז דער ליבער דר. חיים זשיטלאָווסקי זאָל אַזוי גוט זיין און דערקלערן ווי אַזוי ער שטעלט זיך פאָר אַ קאָאָפּעראַטיוו אידיש דאָרף, אָדער אַ גאָרטן־שטעטל, וואָס זאָל זיך אָפּגעבן מיט קולטור־אַרבעט. דרינג איך דערפון, אַז דער ליבער דר. זשיטלאָווסקי האָט מיסטאָמע געהאַט צו מינצטען איין לענגערן אַרטיקל וועגן דעם, אַכוץ עטלעכע קלענערע „אַרומריידענישען".

IV

האָב איך מיר פאַרקאַטשעט ס'היטל, פאַרמאַכט צו האַלבע אויגן און מיר גענומען אויסכאַלעמען די אידיליע פון דעם דר. זשיטלאָווסקים „קעיטן קראָמען" פון קולטור: שיינע, מאָדערנע גאָרטן־שטעטלעך מיט בלומען און מיט נאַכטיגאַלדלעך. אַרבעטן, אַרבעטן דאָ בלויז נעגערס און „ערלים". מיר אידן, זאָלן זיין געזונט, זעמיר פאַרנומען מיט קולטור אַ געוואַלד. מיר פייערן יאַמטויווים. יעדער טאָג אין דער וואָך איז אַ יאָמפּיף. מיר מאַכן קידעש „לפי" זשיטלאָווסקים אידישן נוסעך. מיר לייענען דעם ליבן דר. זשיטלאָווסקים ווערק... מיר קוויקן זיך מיט זיין שטאַרקן „איבערזעץ" פון זאַראַטוסטראַ. מיר טאַנצן, מיר זינגען, און ביכלאַל — זענען מיר זייער פריילעכע, אָפּערעטישע אידעלעך...

די נעמלעכע זשיטלאָווסקישע גאָרטן־שטעטלעך וועלן זיין, פאַרשטייט זיך, באַזעצט פון לויטער אידישע נגידים. געמיינע לייט וועלן מיר דאָרטן נישט האָבן, ווייל דער געמיינער מאַן האָט אַ טעווע, אַז

אויב ער האָט נישט קיין פּאַרנאָסע, איז ער נישט פרײלעך אום יאָנ־טעוו. ביפראַט אינדערוואָכן.

און מיר ווימיר דאָך עס זאָל זיין פרײלעך!

איך מאַך צו די אויגן נאָך מער און איך זע: דעם ליבן דר. זשיטלאָווסקי און זיין פיין פּוטערן היטל, ווי ער זיצט אויבן־אָן ביים שיין־געדעקטן לאַנגן, צו־אים־צו אויפגעהויבענעם טיש, וואָס זעט אוים ווי אַ ברייטער שטראַל פון אויבן אַראָפּ. דר. זשיטלאָווסקי זיצט און יאָנפּיווט, און זינגט זמירעס אַף אידיש. דערנאָך זאָגט ער אַ שטיקל טוירע פון דעם סייפער אַזוי־און־אַזוי (טאַקע זיין אייגן סייפער!), דערנאָכדעם זעצט מען זיך עסן, און מ'עסט יאָנטעוודיק, מיט קאַוואָנע לויטער אידיש־כאַסידישע געריכטן, פיש געפּילט מיט קול־טור־פּילעכץ; טשאָלנט נוסעך הילעל צייטלין. קוגל על השטייגער של דר. שנייאורסאָן, צימעס אַלאַ דר. בירנבוים.

דאָס קולטור־דאָרף אַליין, שטעל איך מיר פאָר, ווערט געגרונד־פעסטיקט אַף כאַסידיש־נגידישע יעסוידעס. דער „טאָג" קויפט, אַ שטיינער אַפּ אַ שטיקל ערד אין ספּרינג־וואַליעוויטש אָדער אין וואודריטשעוו, לאָזט עס אויסמעסטן, קעדיי צו וויסן וואו עס קומט־אוים דער סאַמע אינדערמיטן, און אַז מ'ווייסט שוין אַקוראַט וואו דער צענטער איז, זעצט מען דאָרט אַוועק דעם ליבן דר. זשיטלאָווסקי און מ'הויבט אָן צו בויען אַרום אים. (פאַרשטייט זיך, די גאַנצע צייט פון דער בויעניש טראָגט מען דעם דאָקטאָר אונטער קרעפּלעך און קולטור, קעדיי ער זאָל, כאָלילע, נישט פאַרשמאַכט ווערן!) אַז דאָס גאַנצע קולטור־דאָרף איז אויפגעבויט הויבט מען אָן רעקלאַמירן אין „טאָג", און אין „מאָרגן־זשורנאַל" און אין „פאָרווערטס", אַז — שוין! מ'קען שוין אָנהויבן צו קויפן שיינע באָנגעלעך, אַרום דר. זשיטלאָווסקין — 8 טויזנט מיט 600 דאָלאַר אַ באָנגאַלאָ.

פאַרשטייט זיך, אַז אידן זענען נישט קיין נאַראָנים און מ'לויפט און מ'קויפט. וואָס נעענטער די באָנגאַלאָ איז צו דר. זשיטלאָווסקי'ן אַלץ שוואכער איז זי געבויעט, און אַלץ ביליגער איז דאָרט די „פּלאָמבינג". דעם סייכל פאַרשטייט איר דאָך! אַ באָנגאַלאָ, וואָס איז נישט ווייט פון דר. זשיטלאָווסקי'ן איז שוין פאַר זיך אַליין אַ לייקעכל, וואָס קיין בעסערס דאַרף מען נישט האָבן. מ'צעכאַפּט דאָס ווי מאַצע־וואַסער!

...ס'ערשטע קולטור־דאָרף איז אויספאַרקויפט. די קולטור־ביים־מעדרעשלעך זענען אויפגעבויט, און די קיין אין־האָרע נישט פעטע קולטור־לייטע זיצן אַף די פריזבעס און גיבן אכטונג ווי די נעגערס אַרבעטן אַף די אידישע גערטנער, ווי זיי פאַרזעצן פּעטרישקע

און אונגערקעס און רעטעכלעך, און עס קומט זיי צו דאפּון א שטיק געזונט. זיי ווערן ספּריטקע, ווי די לאָשיקלעך, הויבן־אָן טאַנצן אידי־שע קמץ־אלף־טענץ . . . אָדער אַז נישט, גייען זיי אַרום איבער די גאַסן מיט די קולטורנע מלופּין־שטעקעלעך אין די הענט, הענגען־אויף מעשענע סגל׳ען אַף זייערע געוועלב־שילדן, און די קופּאָנעס, וואָס זיי שניידן זענען געדרוקט מיט אידישע אויסיעס.

דערנאָך הויבט מען אָן טראַכטן: וואָס ווייטער? פאַלט איין א קאָלעגע פון „טאָג", אַז העיוים ווי, הערט איר מיך, מער ווי איין דר. זשיטלאָווסקי זאָל לעבן האָבן מיר נישט, בעכיין, וואָלט געוועזן זיין אייצע (אויג־פּינטל), אַז באַנאַכט, ווען אַלע קולטור־דאָרפען אידן שלאָפן אַף ווייכוואַטיקע קולטור־מאַטראַצן, זאָל מען נעמען דעם דר. זשיטלאָווסקי און אים אַרויסגאַנוונענען דורכן קוימען, און אים שטילערהייט איבערפירן אין א פרישער קולטור־קאָלאָניע, און ווידער אויפבויען — אַרום אים באָנגאַלעך שיינע, מיט דעכער פון קאָלירטע טשערפּלעך.

:: :: ::

זאָל ער מיר קיין פאַראיבל נישט האָבן דער ליבער דר. זשיט־לאָווסקי, און זאָל ער נישט מיינען, אַז זיין שטייען אין שידוכעס מיטן „איקאָר" האָט דאָס אַזוי קאַליע געמאַכט זיין דאָליע אין מיינע אויגן. דאָס הייסט: דאָס אויך אַביסל. דאָס איז עמעס. אַז איך האָב געזען, ווי דער ליבער דר. זשיטלאָווסקי וואַשט זיך און רייניגט זיך, אין דעם קאָשערן וואַסער פון זיינע זיבעצן אַרטיקלען; ווי ער רייבט זיך הינטער די אויערן מיט דעם בוימל־זאַלב פון זיין קולטור־אידישקייט, האָב איך געשמייכלט אינדערקרום: אָט־אַזוי־אָ. איך האָב פאַרשטאַנען, מיסטאָמע, אַז דער דר. זשיטלאָווסקי וואַרפט אַריין דורכן פענצטער ס׳היטל, וועט ער שוין דערנאָכדעם אַליין אויך נאָכ־קומען.

א בייז האַרץ אַף דעם ליבן דר. זשיטלאָווסקי האָב איך ציישן אַנדערע זאַכן אויך פאַר זיין ביטערן אידיש. ער, וואָס האָט א האַלב לעבן זיך געשלאָגן פאַר דעם „אידישן וואָרט", ער — וואָס איז גע־ווען די שענסטע באָרד אַף אונדזער אידישן שפּראַך־פּאָנים — ער אַליין האָט זיך די מי נישט גענומען א געדיכט שפּראַך־קעמל צו נוצן.

אין איין אַרטיקל פון זיינע זיכרוינעס, וואָס איז געווען אָפּגע־דרוקט אין „טאָג" פון שאַבעס, דעם 23טן מערץ, האָב איך צונויפ־געקליבן א גאַנץ זשמוט מיט וואָרט־פעטרישקע.

1. „באראָן" פאַרטייטשט דער ליבער דר. זשיטלאָווסקי באַלד אפן אָרט ; שעפּסן־באָק.

„שעפּסן־באָק" איז, הייסט דאָס, אַסאַך אידישער ווי — באראָן!

2. „בריסטן" זענען באַם ליבן דר. זש. דדים (דאַדים) און איין ברוסט איז אַ דד(דאַד). (אָה, ס'ווערט מיר היים פון דעם ליבן דאָק־טאָרס עראָטיק!).

3. "...האָט ער געסאַכהאַקלט דעם אַלגעמיינעם איינדרוק".

4. „...פּונקט ווי אַ מענטש זעט ער אויס (דער דאָמאָוואָי) נאָר מיט האָר באַוואַקסענע ביז צו העלפּט. ווען ניט זייער וועלן רייטן אַף פערד".

5. „שטיפעריש זענען זיי".

6. „ניט אַלץ איז אָפּגעדוכט".

7. (דער שאַבעס־גוי איז אַ שטיקל שיקער) ..."נאָר צו זיין דינסט־טאָן האָט דאָס ניט."

8. „...געגעסן סטאַטיקלעך זיין וועטשערע פון אונדזער טיש".

9. „...די הענט אויפגעהויבן פון פאַרפּלעפונג".

דאָס איז אין איין שטיקל אַרטיקל, די גרויס ווי אַ געניץ.

אָדער אַזאַ זשיטלאָווסקישער פּאַסעק :

„די צוריקגעווינונג פון דער אנטשוואומענער יוגנט".

אַז אַ מענטש קען נישט בעסער איז קיין פאַרדראָס נישט, פאַר־קערט : מ. באַראַנאָוו און „יצחה אייזיקן" האָט דער „אַקצענט" נאָך צוגעגעבן כיין. אָבער אַז אַ מענטש (געבוירן אין באָברויסק) לערנט זיך אומיסנע נישט קענען רעדן קיין אידיש, איז שוין ביטער וואָס סי קען ביטערער נישט זיין!

V.

אַ גוטן פּורים אינען, מיינע ליבע פּורים־אידן, פון אונדזער ליבער פּורים־פּרעסע! אונדזער ליבער פּורים־פילאָזאָף, דער ליבער דר. חיים זשיטלאָווסקי, גיט שוין „אינטערוויוען אין „פאָרווערטס" וועגן זיין ערשטע פרוי, וועלכע איז געווען אַ קריסטין. דער רעפּאָרטער פון „פאָרווערטס" דערציילט אונדז טיפע סודעס פון דעם ליבן דאָקטאָר זשיטלאָווסקי'ס „נישט לאַנגאָניגער פאַרגאַנגענהייט" (מענדל ראָזענ־באום'ס אַ פראַזע), ווי אַזוי דער ל. ד. זש. האָט געהאַט 1 ווייב, און נאָך איינע, און זעהנע מיט טעכטערן האָט ער אויך. וואָדען, אַ שלע־פער איז ער, דער דאָקטאָר? ער האָט זיך פאַרפונדעוועט מיט זעהנע און מיט טעכטערן. און וואו מיינט איר האָט ער די זעהנע מיט די

טעכטערן? אין האָבאָקן? אין בראָנזוויל? אין פאסעיק? אין ווילנע? נעווער! ער האָט זיי אין די סאַמע שענצטע שטעט אין דער וועלט, אין זשענעווע, אין פאריז, אין מאדריד, אין גאליפּיפּסעם (אויב עס איז דאָ אזא שטאָט.) אָדנים סלאָוואָם דער ל. ד. זש. איז, אבוץ פּילאָזאָף, יודאָזאָף, א. א. וו., אויך פול מיט ראָמאַנטיק, פּלאַסטיק, ליריק, והאָ ראָיע: די „פּיקטשע“ פון דעם ליבן דר. זש. מיט זיין ערשטער פרוי, די קריסטין.

אָך, דר. זשיטלאָווסקי־לעבן, דר. זשיטלאָווסקי־לעבן, פון א באָרד אפן „אידישן פּאָנים“ וועט איר באַלד ווערן א לידיק שטריימל, אן אויפגעשטעלט ווערידך, א טעמע פאר ביליגע רעפּאָרטאָרן, שטאָף פאר דער „דיילי ניוס“, פאר דער „מיראָר“.

און פארלירט דער ליבער דר. זיין „ערנסטע מינע“, וואָס וועט ער האָבן צו פארקויפן?

טאָ זאָגט־זשע קינדער: „א ראַכמאָנעס, א ראַכמאָנעס אף דעם ליבן דאָקטאָר, וואָס האָט זיך נעבעך אָנגעקוועטשט הינעראויגן אפן ליטעראַרישן געזעם, פון זיצן אף צוויי בענקלעך מיטאַמאָל, און איצט איז דאָס גליטשן־זיך באַרג אראָפּ קימאַט א, ווירופנזייעס, — דער לייזונג.“

היינריך היינע

איך האָב אַ שטיקל כשאַד, אַז דאָס נייע אידיש־אַמעריקאַנישע וואָרט „קיביצן" קומט נישט פון דעם וואָרט קיביץ (קיביץ־פויגל, וואָס לייגט זיינע אייער אין פרעמדע נעסטן), נאָר פון דעם נאָמען „גוביץ" — היינריך היינעס ערשטער פאַרלעגער, וואָס האָט געהאַט אַ טעווע, ווי היינע זאָגט, צו „גובעצן", אַריינקריכן מיט זיין נאַרישער פּעָן (אָדער נאָז) וואו מ'דאַרף נישט.

פון דעם נייעם בוך „דער מענטש היינע", געשריבן פון לואיס בראַון (לויט די אויסגעצייכנטע מאַטעריאַלן פון דעם גרינטלעכן היינע־פאָרשער: שטראָדמאַן) ווער איך געוואָר, אַז היינע איז געווען „אַ באַי פון די באַיעס", — ווי מ'זאָגט באַ אייך אין ליטעראַרישן אַמעריקע...

אַזוי שרייבט היינע, לעמאָשל, צו דעם „דיכטער און קריטיקער" איינעם אַ „קאַנצלער אַדאָלף מילנער", מיט וועמען היינע איז געווען אַף מעסערשטעך, איידער ער (היינע) האָט אַרויסגעגעבן זיין ערשטן בוך:

„איך שיק אייך, מיין ליבער הער, מיין בוך מיט לידער, בלויז דאַפֿאַר, וואָס איך האָף צו זען אַ רעצענזיע איבער דעם אין אייער ליטעראַרישן זשורנאַל. איך שטעל אַסאַך דאַרויף, אַז אייער קריטיק וועט זיין אַ גינציקע — ד. ה. נישט צו ביטער, ווייל איך האָב מיך געוועט אין אונדזער קלוב, אַז קאַנצלער מילנער וועט מיר געבן אַ גוטע רעצענזיע, כאָטש איך בין איינער פון זיינע קעגנער".

ווי עכט־אידיש! ווי היינטמאָדיש! ווען היינע וואָלט היינט געלעבט (און ווען ער זאָל נישט האָבן קיין טאַלאַנט) וואָלט ער זיכער געוואָרן אַ רעדאַקטאָר פון אַ ליטעראַרישער ווינקל־שריפט אַף אידיש!

:: :: ::

היינריך היינע האָט זיך געשמאַדט און . . . געוואָרן אַ איד.

ס'איז ווערט צוצולייגן דעם פינגער צום שטערן, אַ שיינעם זונטיק נאָך־מאַטינע און זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם.

ס'ביסל „טויף־וואַסער", וואָס מ'האָט אַף אים געשפּריצט, האָט שפּעטער מיט אַסאַך פּראָצענטן אַרויסגעוויינט פון אים, אין „אידישע טרערן".

געבוירן פון א שאָפּל טאַטעלע, א פוסטער פּראַנט מיט פּאַרפיומירטע נאָזטיכלעך, א שלימאַזל, וואָס האָט נישט געטויגט א קאַץ אַן עק צוצובינדן; פון א מאַמען, וואָס האָט נאָר אין זינען געהאַט א טאַכלעס און האָט נישט געהאַט צופּיל ליב אירע אידישע שכיינים, — וואָלט „האררי־לעבן" (האררי־לעבן — טאַטע־מאַמע האָבן אים גערופן נישט „היינריך" אַף דייטש, נאָר אַף ענגליש „האררי" — מיט א ברייטן פּאַסעך און מיט א טאָפּל־אויסגעשאַרפטן רעיש) געוועזן אויסגעוואַקסן מיסטאַמע א... „סוינע ישראָעל", אָדער, אין בעסטן פאַל, איינער וואָס וואָלט געוועזן פאַרשוויגן זיין ביסל אידישקייט, וואָס איז סיי־ווי־סיי געווען אַזוי שיטער, ווי א גרויפּ אַפן יאַם...

דאָס ביסל „הייליקע טויף־וואַסער" האָט דאַסמאָל באַוויזן וואונדער און געמאַכט פון א אידן — א אידן.

די קריסטלעכע קירך מעג זיך איבערנעמען מיט דעם וואונדער און מיט דעם קויעך פון איר שפּריץ־וואַסער. ווען „מען רופט אָן די גרעסטע נעמען" און ציישן זיי אויך „האררי־לעבן" — היינריך היינע — דאַרף מען אויך געדענקען צו גוטן די „געשיכטע", וואָס קאָן אָפּטאָן אַזוינע „אידישע שפּיצלעך".

מיין פריינט מאַקס וואַקס, האָט וועגן דעם א גאַנץ שוואַך ליד, וואָס מיר ברענגען עס דאָ, ווייל עס פּאַסט צום איניען:

אז היינריך היינע זינגט
פון „בורא פרי הגפן",
מעג אים גאָט דערפאַר נישט שטראָפן.

דאָס ליד שמעקט טאַקע
מיט פרייטיקדיקע לעכט,
נאָר געשריבן איז דאָס זייער שלעכט.

דאָס זאָל אָנלערנען די דיכטער,
וואָס שפּריצן זיך מיט הייליק וואַסער,
אַז טרוקן קומט די קאַץ קיינמאָל נישט איבערן וואַסער.

דער אָנשטעל איז גרויס

אויב איר, לעמאָשל, פֿאַרקילט זיך אַ זייט, וועט איר נישט זאָגן: „אַך מיין שרעקלעכע פּאַרנאָסע. ווען איך זאָל נישט מאַכן קיין זייגערלעך אָדער הויזן וואָלט איך מיך נישט פאַרקילט. איך בין אַ קאָרבן פון די זייגערלעך אָדער פון די הויזן."

נאָר אַז איינער אַ שריפטשטעלער, פאַרקילט זיך אַ זייט, כּאָלילע, שיקט ער אַריינרופן אַ פריינט, אויך אַ שריפטשטעלער, און ער דערקלערט אים אַז ער איז אַ קאָרבן פון דער קונסט.

אַז איר זייט אַ שניידער און איר ווערט, ווי די טעווע איז פון טאָג צו טאָג עלטער און אייערע האָר ווערן אַביסל גרוילעך, פרעגט איר נישט: „צוליב וואָס בין איך אַזוי גרוי געוואָרן? וואָס האָב איך דערפון? וואָס פאַר אַ דאַנק וועל איך דערפאַר האָבן פון דער מענטשהייט?" ניין. איר זאָגט גאַנץ איינפאַך צום ווייב: „ליבע פרוי, איך ווער שוין אַלט." און איר זעצט זיך אַוועק ווייטער אַרבעטן אָדער עסן.

אַז אַ שרייבער ווערט, גאָט באַהיט, אַלט אָדער אַביסל גרוילעך, טוט זיך כוישעך. סטייטש ער זאָל גרוי ווערן. ער וואָס האָט אין זיין לעבן אָנגעשריבן עפּשער 361 נאָוועלן און214 לידער און 5 איינ־אַקטערס — ער זאָל מוזן אונטערשטעלן דעם קאָפּ און זיך לאָזן באַ־זילבערן פון דער נאַטור?

רעדט מיט וועלכן קינסטלער איר ווילט און איר וועט אויסגעפינען אַז די קונסט האָט אים אומגליקלעך געמאַכט. פרעגט שוין גאָרנישט וואָס זי האָט אים אָפּגעטאָן. זי האָט אים איינפאַך געקוילעט אָן אַ מעסער, האָט זי אים.

אין זיינע אויפריכטיקסטע לידער באַזינגט דער קינסטלער דעם טרויעריקן פאַקט וואָס, אַז ער דאַרף אַריבערלויפן בראָדוויי באַ דער 34טער גאַס שטעלן זיך נישט אָפּ אַלע טראַמווייען און אָטאָמאָבילן. נאָר ער מוז ווי יעדער מענטש צוהאַלטן ס'היטל. זיך אומקוקן אין אַלע זייטן און דערלאַנגען אַ לויף אַריבער מיט שנעלקייט גלייך ער וואָלט געווען אַ פּראָסטער שאָפּ־אַרבעטער אָדער אַן איינפאַכער אַרכיטעקט.

יעדער קינסטלער איז באַ זיך באַוואוסט, אַז ער איז זיך מאַקרעווו פאַר דער קונסט. זיינע שענסטע יאָרן האָט ער אַוועקגעגעבן צו דער

קונסט, זיין לעבן, זיין ענערגיע, זיינע טרוימען און איצט אז זיינע האר זענען שוין גרוי, וואס האט ער דערפון? אכוץ וואס ער באַשרייבט די דאזיקע טרויעריקע לאגע זיינע אין זיבן בענדער און מאכט דערפון עטלעכע טויזנט דאלער?

„איז דאס דער ציל פון לעבן?" — פרעגט ער זיך אין א לאנגער פאעמע וואס דרוקט זיך אין דער „צוקונפט" און ברייננגט אים אריין $24.36. צי איז דאס דער לוין, שרייבט ער אין א לאנגער סעריע ביאגראפישע ארטיקלען. „צי איז דאס דער לוין פאר איינעם וואס האט ס'גאנצע לעבן געזוכט, געהאפט, געטרוימט?"

קימאט יעדער פון מיינע כאווירים (און איך אליין אויך) האט געוויסע מאמענטן אין זיין לעבן ווען ער לויפט אהיים צום ווייב און ער סטראשעט אז עס זאל אים אזוי גאט העלפן ווי ער וועט אוועקווארפן די גאנצע שרייבעריי (אדער מאלעריי, אדער זינגעריי) און גיין האקן שטיינער, שארן שניי, גראבן קוילן. אבי פאטער צו ווערן פון דער קונסט. ער קען שוין לענגער נישט אויסהאלטן. ס'איז אים איבער די קויכעס.

אין אזא צייט ווערט נעבעך די ארימע פרוי בלאס ווי די וואנט, אן אומרואיקע, נעמט זי איבערקוקן די אנאנסן אין די צייטונגען צו זען צו עמיצער פארלאנגט נישט א מענטשן צו האקן קוילן און צו שארן שניי און אז זי געפינט אוים אז עס זענען פאראן אסאך „וואנטס" ווערט זי רואיק און זי זאגט: נו, מיילע, ווי דו פארשטייסט. דעמאלט ווערט מיין כאווער (אדער איך אליין) געוויינלעך נאך מער אויפגערעגט, לאזט ארוים א ביטער געלעכטערל און ער זאגט: — כ'וויים דיר ארט נישט אז מיין פעדער זאל ליגן און זשאווערן. בא דיר איז רעכט אז אזא מענטש ווי איך זאל אפילע גיין ארבעטן באם מאשין. כ'וויים. און ער זעצט זיך אוועק און ער גיסט אוים זיין ביטער הארץ אפן פאפיר און ער גיט אכטונג אז די קאמעס זאלן שטיין אפן ארט און אז די „יודן" זאלן זיין קלענער פון די „וואוון" און פון צייט צו צייט שטעלט ער נאך אוועק פינטעלעך אויך, קעדיי עס זאל פארנעמען מער פלאץ.

יעדער איינער פון אונדז איז בא זיך איבערצייגט, אז ער איז א קארבן פון די אומשטענדן. גיט אים בעסערע אומשטענדן און ער'ט אויפטאן עטוואס וואונדער־בא־רעס: גיט אים מער ווייניקער גינסטיקע אומשטענדן און ער'ט אייך באווייזן וואס ער קען. איר וועט שטוינען, זא וואהר אונדז גאט העלפט. דערוויל פארשטייט זיך קען ער נישט ארבעטן וויל (דא נעמט ער ארוים דאס נאטיץ-ביכעלע, ווערט אביסל

פּאַרטראַגן, רעדט און פאַרשרייבט אין דערזעלבער צייט.) ווייל ער וויל נישט זיין דער קאָרבן פונעם פאַרפירטן לעבן (שוין פאַר־שריבן. דאָס איבריקע וועט ער געדענקן אַף אויסווייניק.) אָבער דערוויל, ווי געזאָגט גייט ער אין קאַפע אריין און דיסקוטירט מיט אַנדערע קינסטלער פון זיין גלייכן וועגן דער פראַגע. „פאַרוואָס באַצאָלט מען בלויז 15 דאָלער פאַר אַ סקיצע און מ׳גיט אַפילע נישט דאָס בילד?" און עס קומט אַזוי ווייט אַז קימאַט אַלע קינסטלער אייניקן זיך דערויף אַז מען דאַרף אַ שפּיי טאָן אַף דער קונסט און גיין שאַרן שניי. (געוויינלעך קומט דאָס פאַר די זומער כאָדאָשים ווען ס׳איז נישטאָ קיין שניי).

אַז איר גייט פאַרביי לעבן קינסטלער׳ס שטוב און אַז איר זעט אַז די קינדערלעך זיינע שטייען אין דרויסן פאַרוויינטע און קלאַפּן אין דער טיר און די מאַמע לאָזט זיי נישט אריין, זאָלט איר וויסן אַז דער קינסטלער זיצט מיסטאָמע און אַרבעט. און אַז ער אַרבעט האָט ער ליב אַז עס זאָל זיין שטיל. ששאַ. אַז נישט גיט ער אַ וואַרף דעם העפט צו דר׳ערד און סטראַשעט אַז ער׳ט גיין שאַרן שניי. (גע־וויינלעך קומט עס פאַר אין זומער צייט) און ער הויבט צוריק אויף דעם מאַנוסקריפּט, לעשט אָפּ אַ טינט פלעק מיט אַ ווערפל צוקער, פאַריכט עטלעכע נאַכלעסיקע „למד׳ן" זיי זאָלן נישט אויסזען ווי „שין׳ען" און ער פילט אַז ער איז אַ קאָרבן פון דער קונסט. גלייך ווי אָן דער קונסט וואָלט ער קיינמאָל נישט מיד געוואָרן, קיינמאָל נישט גרוי געוואָרן, קיינמאָל נישט געשטאָרבן.

צום שלום וויל איך (אוי ווי איז מיר) דערקלערן די לעזער אַז פאַר דעם אַ אַרטיקל מיינעם קריג איך באַצאָלט אומגעפער אַזויפיל ווי זיי קריגן פאַר צוויי טעג שווערע אַרבעט (אינגאַנצן האָט מיר גע־דויערט אַקוראַט 14 מינוט אָנצושרייבן דאָס אַ מייסטערווערק) פונ־דעסטוועגן לאָז מיר דער רעדאַקטאָר זאָגן אַ שלעכט וואָרט וועל איך אים גלייך ענטפערן מיט אַ ציטער אין מיין קאָל (איך האָב מיך אויס־געלערנט פון לייוויקן) אַז האַלעווײ וואָלט איך בעסער געהאַקט שטיי־נער איידער צו מאַכן אַ לעבן פון דער פען.

דערביי וועל איך מיר אַ נעם טאָן באַם קאָפּ און אָפגיין אַ צע־בראָכענער צו אַ בורלעסק פאַרשטעלונג ערגעץ אַף דער פערצנטער סטריט.

מיר און די אידישע שפראַך

צו וואָס די שרעק פאַר יעדן אומבאַקאַנטן וואָרט, פאַר יעדער נייער ניואַסירונג, אָדער קאָמבינאַציע? זעט אַשטייגער פעפער'ס פון „עפּעסן אַוועק, אינערגעץ ניט דערפלויגן"; האָפּשטיינ'ס „פון אַוועגן דער עול": מאַרקיש'ס „מיט געבּרען מיט געציינד". אָדער נעמט דאָס וואָרט אַ צוכט (אַ „צוכט", אַ „טשוכט"), וואָס אין געוויסע געגנטן באַטייט עס „אַ ציכטיקע" און אין אַנדערע מקוימעס מיינט עס „אַ שלומפּער", אַ „שלימעזאַלניצע". אָדער: קראַוואַשן, קאַרדאַשעווען, צעקאַרדאַשן, צעקראַוואַשעווען; אָדער פאַרליאַליעט, נידערניש, באַמוטיקן, פאַרגעדענקן.

עמעס, דער אַרבעטער האָט ניט קיין צייט, קיין געדולד זיך מיט שפּראַך־מעכאַניק צו פאַרנעמען. און מע מעג ביכלאַל עס אַוועקשטעלן פאַר אַן אָקסיאָם, אַז וואָס ווינציקער דער לעזער זעט די שפּראַך־בריל, וואָס דער שרייבער טוט אים אָן, אַלץ מער וועט ער זיין אימשטאַנד צו זען דאָס וואָס דער שרייבער ווייזט אים. דאָס איז אָבער אַלץ גערעדט אויב דער שרייבער האָט פאַר זיך אַ פּאַרטיקע אויסוואַל פון שטאָף און קאָליר און עס ווענדט זיך אינגאַנצן אין דעם שרייבערס פעאיגקייט אויסצוקלייבן, אָדער—ווי מיקל אַנדזשעלאָ האָט עס אַזוי געניאַל געזאָגט: אַוועקהאַקן ס'איבעריקע פונם שטיין, קעדיי דאָס בילד, וואָס שלומערט אין יעדן פעלז — זאָל זיך אַרויסווייזן.

אַנדערש אָבער איז עס מיט אונדזער מאַמע־לאָשן, וואָס איז נאָך דערווייל געווען היקעוואַטע, געגנג אָרעם אין פאַרבן, אין שאַטירונגען. דאָ קענען מיר זיך בשום אופן ניט פאַרגינען צו זיין אַזוי איבערקלייבעריש און באַשטיין אַף אַ סטאַנדאַרד, ווען די גאַנצע שפּראַך איז נאָך אַף אַ האָר ניט סטאַביליזירט, ווען דער נאָרם איז נאָך מיט גאָרניט באַצייכנט...

דאָס הייסט ניט אַז אַנדערע לשוינעס זענען ניט אין אַ שטענדיקן פלוס, אין אַ שטענדיקן איבערוועקסעל. שפּראַך מוז פון — אַלע זעפּונקטן אויס — אויפגענומען ווערן ווי אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם, וואָס וואַקסט, אַנטוויקלט זיך, פּראָפּאַגירט.

דער ענגליש פון טשאָסער מוז שוין היינט איבערגעזעצט ווערן אַף . . . ענגליש. ווילאָנ'ס פראַנצויזיש איז היינט פאַרשטענד־

לעך בלויז די לינגוויסטן. דאָס אייגענע איז מיט לוטער׳ס דייטש, א. א. וו.

און אויב אַ שפּראַך ווי אידיש, וואָס חוץ אינם סאָוועטן־פאַר־באַנד האָט זי קיין מלוכישע אָנערקענונג ניט, וויל וואַקסן און לעבן — מוז זי ווי אַ האַרבוז זיך אַליין צו דער זון ציען, אייגענע פעדים פון זיך אַרויסלאָזן,זיך אָנהאַלטן ווי זי קען און מיט וואָס זי קען...

:: :: ::

דער וועג פירט צו ווייט און דער אַרטיקל מוז זיין אַ קורצער. עס וואָלט, נאַטירלעך, קעדאַי געווען זיך אָפּצושטעלן אַף כאָטש די סאַמע וויכטיקסטע אַספּעקטן פון אונדזער שפּראַך־אויסדעיונג, צי וועט איר זאָגן: אויסציאונג? אויסשפּרייטונג? נע, ס׳איז ניט דאָס! ניט פונם שטאַנדפּונקט פון אַ שפּראַך־נאַפּיסניק, וואָס האָט זיך אָנגעבונדן אָן דער אָרעמער שיפּבענקע נעבעך, אַז זי מוז באַ אים „גייען אין גאָלד”, ניט פון אַ סטיל־וואַגאַנט, נאָר פונם שטאַנדפּונקט פון מאָדערניזירן די לעקסיק,—ניט אָפּוואַרפנדיק דאַביי דעם אַרכאַאישן אינוועטאַר אַף וועלכן מיר בויען, נאָר דאָרטן וואו דער פונדאַמענט האָט שוין געכאַפּט וואַסער — איבערבויען, אונטערשפּאַרן, אַנדערע קאַנאַלגענג גראָבן...

אין דער פּאָעזיע קאָן דאָס פּראָבלעם פאָרמולירט ווערן אַזוי: זאָל מען (ווי אונדזערע קלאַסישע פּאָעטן האָבן געטאָן) פאַרסירן דעם געדאַנק צוליבן גראַם, צוליבן וואָרט, אָדער זאָל מען בעסער פאַרסירן דאָס וואָרט אַפּן כעזשבעון פון געדאַנק־קלאָרקייט?

מיר וועלן דאָס אילוסטרירן:

דער דיכטער וויל זאָגן, אַז די לאָמפּן (פאָנאַרן) אין די מאָסקווער גאַסן באַליכטן נייע טעמפּן. גוט. דער פּאָעט וועט פּרוּוון שרייבן:

אין שיין פון די צעהעלטע לאָמפּן... און בלייבן שטעקן, ווייל ער מוז באַ דעם געגעבענעם מאַטעריאַל — אַקצענטירן לאָמפּן און טעמפּן. איז צו לאָמפּן די גראַמען — וואו נעמט מען זיי? איז קומט איינער, לאָמיר זאָגן און גיט זיך אָן אייצע: ניט געקוקט אַף דעם וואָס אַלע קאַנאָניזירטע טעקסטביכער זאָגן בעפּירעש אַז די מערצאָל פון לאָמפּ איז לאָמפּן, שטעלט ער זיך פונדעסן איין ס׳לעבן און גיט אַ שרייב אויף אַדעסיש „לעמפּ” — און — עס ווערט לעכטיק אין די אויגן און איר טראַכט: פאַרוואָס טאַקע ניט לעמפּ?

:: :: ::

אונדזער פּראָלעטאַרישער צוגאַנג צו אידיש דאַרף זיין: פון איין זייט — אַ פּראָטעסט קעגן יעדער גרינגשאַצונג, ביטול־באַציאונגען אסימילאַרטאָרישע, פּאַרוועראַסיסטישע.

פון דער אנדער זייט: ניט קיין איבערגעטריבענע געפעסטעטקייט, ניט קיין קולט־טרייבעריי מיט דער שפּראַך פאַר זיך. קיין ציטערן איבער איר און איר בלאָזן די טריט, ווייל אויך די איבערגעטריבענע „טהרת־הלשון" איז אַ סימפּטאָם פון פרעמדקייט, פון אומבאַהאָלפּנ־קייט — פון זשיטלאָווסקישע בעלי תשובה...

ווער־ווער, אָבער די אידישע מאַסן האָבן זיכער קעגן אידיש ניט פאַרבראָכן. ווער־ווער, אָבער די אידישע שניידעריונגען און שוסטערגעזעלן און שמידן און אַנדערע באַלמעלאָכעס און אַרבעטער האָבן אַף זייערע הענט אידיש אויסגעניאַנטשעט.

:: :: ::

די ראַדיקאַלע און רעוואָלוציאָנערע בראָשור האָט — די ערשטע — אַף אידיש דעם וועג צו דער קלויז־הרובע פאַרשיט, פון באַטלאָ־נישער זעלבסט־קראַצעריי אוועקגעפירט — אַף די אָפענע, ווינטיקע קאַמף־וועגן.

איז זאָלן זיין „געהיט" מיט אידיש די, וואָס פילן זיך „זינדיק" קעגן איר, די וואָס פילעוועון אין האַרץ אַלערליי מאַכשאָוועס־זאָרעס וועגן אַריבער גיין צו דער האַרנטע, אָדער אַ שאַם־געפיל מיט דעם מי־נאָריטעט־סטאַטוס פון מאַמע־לאָשן.

מיר, פּראָלעטאַרישע שרייבער, באַציען זיך צו אידיש מיט דער פולער כשיוועס און ערנסטקייט, און דער איקער: מיר קאָנען זיך פונ־דערהיים אויס, פון אָרעמע שטיבער אַרויס, פון אונדזערע ווערק־שטאַטן, פון אונדזערע קאַמף־פראָנטן...

מיר ציטערן ניט איבער איר „ריינקייט", ווי די געצנדינער פונם וואָרט. אָפּשלאָגנדיק די „פּאַטעיטעס" און די „הענקיטשעס" ווי ביבלאַל טענדענץ צו בוקן זיך צו דער הערשנדיקער שפּראַך, ווי דאָס ווערט געטאָן פון די אסימילאַטאָרן פון „מאָרגן־זשורנאַל" און „פּאָרווערטס", דערלויבן מיר זיך אָבער מיט אידיש אַזוינע „פריייהייטן" וואָס קומען פון אינטימקייט, פון וואוינען אונטער איין דאַך, פון שטיין בא איין שרויפבאַנק.

מיט אנדערע ווערטער: מיר שטייען ניט מיט אידיש אין שידוכים, ווי די זיידענע יונגעלייטלעך, וואָס שאַרן זיך צו איר צוליב קאַריערע אָדער צוליב „ליבע און ליידנשאַפט".

מיר זענען מיט אידיש אָרענטלעך פאַרהייראַט און — מע דאַרף מאַכן אַ לעבן, כאַווירים! איז דעריבער טאַקע: מיט אַ ברייטער האַנט און... מיטן גאַנצן טאַבלטאַק אַף שלאָגלערישע פראַנטן פון אונ־דזער פאַרטיי!

:: :: ::

:: :: ::

אין רעדאַקציע „מ.-פרייהייט" איז אַן אויפרור:

„טאַבלטאַק"? — וואָס קאָן ער מיינען מיט טאַבלטאַק?...

דאָס האַנדלט זיך וועגן אַ וואָרט מיינעם, וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון אונטער דער פען און סי ווייזט זיך אַרויס, אַז באַ אונדז אין רעדאַקציע האָט קיינער קיינמאָל פון אַזאַ וואָרט ניט געהערט, — קומט אוים סיידן, אַז ס'איז אויסגעטראַכט . . .

אויף דער הייסער מינוט ווערט באַשלאָסן נעמען די פען און — קוילען. וואָרים אויב מיר — פּענאַרבעטער — האָבן פון אַזאַ וואָרט קיינמאָל ניט געהערט, טאָ ווי קאָן מען שוין טראַכטן אַז דער מאַסנ־לייענער וועט יאָ וויסן וואָס דאָס איז?

אויף דער צווייטער מינוט אָבער איז מען זיך מעיאַשעווו: מ'עט עס דורכלאָזן. — כאַפּט עס דער גוטער יאָר! נאָר מיט אַ באַדינג, אַז מער קיין טאַבלטאַקסטשיִנע זאָל דאָ באַ אונדז ניט פאָרקומען.

:: :: ::

די „שיפכע" — אידיש, ווי איר ווייסט, איז גאָר מיט אַ קליינעם אויסשטייער צו אונדז דערגאַנגען.

דאָס קלימעקל, וואָס דער עמעס איז, איז געווען אַזוי קליין, אַז מ'האָט ניט געוואוסט צי איז עס אַ הויקערל, צי אַ קלימעקל. און האָט זי זיך אין איר בורזשואַזער ליטערורנג געפּוצט אין פעדערן, איז עס שטענדיק געווען אויסלענדישער, עקזאָטישער שמוק.

די „דינסטמויד" האָט זיך — באַ די עלטערע אידישע שריפט־שטעלער „געמענטשלט" און... נאָכגעמאַלפּעט דער... האַרנטע! אָבער דער באַלעבאָסטע'ס זיידן יופּיצל, דאָס ציטערנעדעלע וואָס האָט אַזוי געפּאַסט אין אַטלעסענעם פאַלשן שייטעלע, איז שלעכט געשטאַנען צום פּאָנים פון דער קרעפּטיקער, נאַקעט־באָרוועסער אידישער שפּראַך. דער הוט מיט בלומען און מיט פייגל איז קאָמיש געלעגן אַף דעם צעשוי־בערטן, דאַיגעס־פאַרנאָסע־קאָפּ — און די זילבערנע רינגען אַף די שווערע, האָרעפּאַשנע הענט — האָבן זיך אויך געפּאַסט ווי מיינע צאָרעס.

האָט מען די שפּראַך „געשליפן", האָט מען ס'רוב דאָס סאַמע לעבעדיקסטע, דאָס סאַמע אָרגאַנישסטע פון איר אַוועקגעשליפן. האָט מען זי „אויסגעקליידט" אין שאַבעס־קוידעשדיקע העברעאיזמען, איז עס ס'ראָוו געלעגן אַף איר ווי מ'גיסט אויס... אַ צעבער!

אין דער שפּראַכענגשאַפט פון „געטאָ" און „גלות" האָט אידיש זיך געריסן פון איר ענגן, פון איר קינדערישן שוך אַרויס. אָבער וויניק שרייבער האָבן איר געשריי דערהערט און ניט טאָמיד איז מעגלעך גע־ווען צו העלפן — דער פוס איז געוואַקסן מיטן שוך...

:: :: ::

דער אויסוואַל איז געווען: צישן פורימדיקן דייטש, לאַפּטשע־דיקן סלאַוויזם, אָדער שטריימלדיקן העברעאיזם.

פון אַלע דריי אַ סינטעז, דורך היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישן אָפּ־קלויב, באַ פאַרשידענע איינפלוסן: געאָגראַפישע, עקאָנאָמישע, פּראָ־דוקציאָנעלע.

פון אליהו בחור ביז אַקסענפעלד'ן, ביז שמר'ן, ביז ערעל־שטאַדט־באָוושאָווער'ן, ביז ראָזענפעלד'ן — אַ דראַנג „אַנצונעמען אַ פול מויל", אָבער די אומבאַהאָלפנקייט געניצט און צערייסט זיך אַזש די שטשאָקעס, וואוהין דו גיסט אַ טאַפּ מיט דער פען — אַ וואַנט.

קומסטו צו צום יאַם, — די ערשטע זאַך: סוירף? בראַנדונג? — נישטאָ אַף אידיש! „טוירן אָוו דהי טאַיד"? טרעיד־ווינד? דאָק, וואַהרף, פּאָ'קסל — ניטאָ... מיר האָבן קיין יאַם ניט. מיר האָבן קיין שיפן ניט... מיר זענען אַ פאָלק — אַף פּאַפּיר, אַף האַנדל־וואַנדל. פאַר אינדוסטריעלער באַנוצונג, אַף טעכנישער פּלאַנירונג, אַף „בליו־פּרינטס", אַף די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן — כאַטש נעם און שטעל אַרויס די צונג!...

:: :: ::

:: :: ::

מיר וועלן זיך דאָ ניט פאַרנעמען ברייטער מיט דער דערוויילי־קער אָרעמקייט פון אונדזער שפּראַך. ווער עס שרייבט אַף איר ווייסט ווי באַגרעניצט זי איז — ניט געקוקט אַף די אַלע טיר־און־טויערן, וואָס די קלאַסיקער האָבן געעפנט פאַר איר. די אַלע אויסגענג אירע זענען קימאַט דורכאויס אינעם רייך פון דעקלאַמאַציע, פון ליריק, פון געפילן, וואו די מינע, דער ליטעראַרישער זשעסט קאָן אַלדינגס אַק־צענטירן.

מיר מיינען די מעגלעכקייט זיך טעכניש צו פאַרשטענדיקן דורכן

וואָרט: צו באַשרייבן אַ געגנשטאַנד אַזוי, אַז איר זאָלט עס דערקענען, ווען איר'ט עס זען מיט די אויגן. דאָ בלייבט דער אידיש-שרייבער באַ יעדער דריטער שורע — „געשטאָקט". ער מוז זיך אַרויסהעלפן אַנטוועדער מיט פרעמדווערטער, וואָס ווערן גענוצט אַזוי ווי זיי שטייען און גייען אין אַ אידישער איבערקליידונג. דאָס פאַרקרעמפּעוועט אָפּט די באַוועגונג פונם זאַץ, פאַרלאָקאַליזירט אים — אין דעם זין וואָס אַ אידישער לעזער פון אַ אַנדער לאַנד וועט קוים פאַרשטיין די טייטש דערפון. אָדער מע „אידישט" דאָס וואָרט, דעם זאַצבוי און — דאָ איז שוין געווענדט אין שרייבערס שפּראַך־געפיל, אַף וויפיל דאָס וועט אַרויסקומען ניט קיין ווילדער געמיש, נאָר אַ באַהעפטונג.

:: :: ::

אונטער אַזוינע אומשטענדן דענק איך, אַז ס'איז ניט סייכלדיק אַף וועלכן עס איז אופן צו פאַרצווערגן דעם נאַטירלעכן אַנוואוקס פון אידיש — פון וואָסער ווינקל, און מיט וועלכע מיטלען עס זאָל ניט קומען, אויב דאָס איז נאָר געטאָן מיט אַ רעאַליסטישער קאַוואָנע.

דער גאַנצער ציטער איבער דער „אומפאַרשטענדלעכקייט" פון געוויסע אויסדרוקן איז — אומזיסט און אומנישט.

אויב דאָס וואָרט טאַבלטאַק אין־זיך־אַליין איז ניט קלאָר פאַר אַ גרויסער צאָל לייענער, ווערט עס אָבער פאַרשטענדלעך אין לאָגישן קאָנטעקסט מיטן גאַנצן זאַץ.

„אַזוי ווי אונדזער איינער קאָן, מיטן גאַנצן טאַבלטאַק", קאָן ניט אַנדערש ווי מיינען: מיטן גאַנצן קויעך, מיטן גאַנצן פאַרנעם, מיטן גאַנצן קרעדענץ, מיט אַלע אויפוואַרטערס, מיט סאַקום־פאַקום!

אונדזער ליטעראַריש וועלט־פּאַרמעגן

עס איז, מיין איך, שוין אוועק די צייט, ווען דער פּראָלעטאַרישער לייענער האָט געקוקט אויף דער „שיינער ליטעראַטור״ ווי אויף עפּעס אַ זאַך וואָס קער זיך גאָר מיט זיין לעבן נישט אָן, ווי אויף אַ שלאָפּמיטל פאַר ליידיק־גייערס, ווי אויף אַ מאַסאַזש נוצלעך בלויז פאַר יענע, וואָס שוויצן דעם קערפּער ניט אויס אין אַרבעט, וואָס באַוועגן דעם גייסט ניט איבער די שווערע שטיינברוקן פונם לעבן.

די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור קען דינען ניט בלויז מיט די טעגלעכע געציילגן פון זשורנאַליזם, נאָר אויך מיט די מער־קאָמפּליצירטע געציילגן פון דער קונסט.

די קונסט — וואָס איז זי אייגנטלעך אַזוינס? — זי איז, אין לעצטן אַנאַליז, בלויז די פאַרשאַרפונג פונם געדאַנק, דורך אינערלעכער העלקייט פאַרשפּיצט, דורך בילדלעכקייט צום אָנטאַפּן אַזש מעגלעך געמאַכט.

אָבער די קונסט־שרייבעריי, די ליטעראַטור, האָט אויך אירע עטלעכערליי, אָדער כאָטש צוויי־ערליי צווייגן: עס איז: 1) דאָס זאָגן און 2) דאָס זינגען.

דאָס זאָגן (פּראָזע) איז דערוויילן צום פאַרנומענעם מענטשן מער צוגענגלעך, ווייל עס מאַניפּולירט מיט דער וואָכעדיקער שפּראַך, אויף אַ וואָכעדיקן אופן. זי רעדט מיט אייך, ניט פאַר אייך...

הערט איר פּראָזע, הערט איר זיך אַליין, אייער אייגענע צונג: — ריידן, און דאָס קלינגט אייך באַקאַנט, און דאָס איז אייך פאַרשטענדלעך.

די פּאָעזיע ווידער מאַניפּולירט — ניט נאָר מיט שפּראַך אַליין — און מיט מער טעגלעכער שפּראַך אויפן וואָכעדיקן אופן אודאי ניט! — נאָר מיט מוזיפיצירטער שפּראַך, — שפּראַך צו מוזיק געזעצט, צו אַ געוויסן האַרץ־קלאַפּ אָנגעשטעלט, וואָס מען רופט דאָס ריטם, גראַם, סאָנאַנץ.

די פּאָעזיע — אויף אַזוי פיל ווי זי פאַרפיקסירט די ליידן־און־פריידן פונם לעבן פון פּראָלעטאַריאַט, מעג איר פאָרמע זיין אַביסל קאָמפּליצירט, איז בשום אופן ניט קיין סנאָבישע פּאָזע פון דעם שרייבער אָדער אַ לוקסוס־מיטל פאַר געדאַנק־אויסדרוק.

פּאָעזיע איז—פאַרקערט—דער עקאָנאָמישסטער מיטל פאַר גע-

דאנק־און־געפיל אויסדרוק, דערפאר שוין אליין וואס פאעזיע איז — וואס בעסער די קוואליטעט אלץ מער — עסענץ.

די פאעטישסטע פארם איז די שפארעוודיקסטע פארם אין דער ליטעראטור, דער קורצסטער און גלייכסטער וועג צו מענטשלעכע רירונגען, עמאציעס.

איך גלויב, אז איצט ווען דאס פראלעטארישע ווארט האט זיכערע און טיפע ווארצלען אין דער וועלט־ליטע־ראטור געשלאגן, איצט ווען קיינער פון קעגנערישן ליטע־ראטור־לאגער באציט זיך שוין מער ניט מיט כויזעק צו דעם פולווער, וואס גליט אין דעם פראלעטארישן ווארט, אין אלע קונסט־פארמען, איצט ווען די „קאמישאנערס פון ליטעראטור", די קריטיק־רעקעטירער, וואס מאכן א לעבן פון פאסקענען „קאשער און טריף" איבער די געקוילעטע ציטאטן פון די שרייבערישע ווערק, באציען זיך שוין צו אונדז מיט ריינער סינע — איצט איז שוין די צייט געקומען, אז מיר זאלן אונדזערע בעסטע פארמעגנס פון דער אינטערנאציאנאלער ליטע־ראטור צעגויפקלייבן, ווי א מיטל דעם פראלעטארישן לייענער צו דערציען, ער זאל אויך די געלייטערטע און מער קאמ־פליצירטע קונסט־פארמען פרעמד ניט בלייבן.

קעדיי פלאץ צו שפארן וועלן מיר די איבערזעצונגען גיבן ניט אין געטעסטע שורעס, נאר אין דורכאנאנדיקן דרוקזאץ. דער גראם, דער טראפ, דער אפשטעל וועט — אנשטאט מיט א סאף־שורע — באצייכנט ווערן מיט א טאפל־פינטעלע, אט אזוי־א (:).

:: :: ::

פון וואלטער באוער

וואס שטייסטו, פאטער, אויף, ווען ס'איז נאך נאכט? און טרינקסט די קאווע ביטערע אייניקער אליין: די קינדער דארפן ברויט.

וואס שטארבסטו, פאטער, אזוי פרי פון אונדז אוועק?: אז מיר שלאפן שוין? : די קינדער דארפן שיך.

וואס שטארבסטו, פאטער, אזוי פרי פון אונדז אוועק? : אז מיר אלע קינדער שלאפן נאך: פאבריקן דארפן בלוט.

:: :: ::

ווען זיי יובלען איבער דער טרומף־רייזע פון דער „ברעמען" : ווען זיי מאכן קאנגרעסן און באשליסן וועגן אונדזערע לעבנס: ווען

זיי דרוקן בילדער פון סאָכרים און פון זוינעס און פון שטאַטסלייט: ווען זיי—: איך אָבער: וועל דיך אויפזוכן אין די שטאָלגעווערק, מיין ברודער: און באַריכטן ווי דו לײַדסט און לעבסט, מיין ברודער: ניט קוקן צי וועט דאַפון גראָם און ליד ווערן: איך זע דו ביזט בלאָס און אָפגעצערט: דיין שוויים קלעפט ווי ווייסע פונקען אף דיין האַרץ: איך זע ווי דו פאַרקאַיכסט זיך, פירנדיק דעם ליפער־וואָגן: ענטפערסט אף מיין גרוס ניט, גייסט שווייגנדיק אַוועק: איך זע: דער ראַנד פון דעם קאַוועפלאַש וואָס דו הויבסט צו די ליפּן איז אויסגעשערבט: איך ווייס, מען האָט דיר לייד אַזוי פיל אָנגעטאָן: אָט־דאָ וואו דאָס וואַסער אין די זומפּן פאַלט: קוקט דאָס ווייסל פון דיין אויג מיך דורך דער נאַכט אָן: ווי שטאַרבנדיקע ליכט: ווייס, אַז ווען זיי יובּלען איבער פריזן, אָדער קרייצן געוואונענע פון הינט און סענאַטאָרן: ווען זיי גייען איבער די ברעג־יאַם־גאַסן און זינגען און טרעסן פאָנען: וועל איך מיט דיר גיין: אַהין, וואו דו אַרבעטסט מיט נאַקעטן לייב: דיר העלפן, פריינט דיין קראַפטהאַמער באַוועגן: און אין אָפרו־צייט וועל איך מיך לעבן דיר אַנידערוואַרפן: מיט צאָרן אָנגעשפּאַנט: ווי ס'האַרץ פון אַ רעוואָלווער.

:: :: ::

זיי זענען אַלע גליקלעך אַז זיי לעזן ביכער וועגן וויטער וועלט: זיי גרייטן זיך צו עקזאַמענס צו: גאַנצע נעכט זיצן זיי און לערנען פון מילכאָמעס גאָעלישע: פאָליאַנטן פאַלן גרוי אין זייערע כאַלוימעס: פון גרויהאַריקע, גרויהאַרציקע פּראָפעסאָרס: אָבער איך ברען נאָך דער וועלט, ווי זי איז: ווי זי גייט צום בליק, צום האַרץ: איך וויל קיין אַפריקע, קיין כינע! : ביינאַכט אַז קינדער שלאָפן: הער איך דאָס פרייכן פון פאַרוואונדעטע אין שלאַכט פון טאָג: איך לייג מיין האַנט אף פיבערדיקע שטערנס: דער שטערן ווערט קיל, אָבער די האַנט ברענט ווייטער: ביינאַכט קומט דאָס לעבן צו מיר: ביינאַכט ווען זיי רוען־אָפּ פון ביכער און פון טויטן לעבן: טרינק איך פונם מילכוועג — באַפרייאונג.

:: :: ::

דו זאָגסט די וועלט איז ווידער רואיק: דער קריג איז אַוועק: דער נערוך פון די טויטע אַלע — אַוועק איז ער — : די שטעדט זידן מיט לעבן: די צעלן פון די קליינע דערפער זענען באַרואיקט: דו זאָגסט די פרידלעכע פאַראייניגונג אייראָפּאַ'ס וועט קומען: האָרך

זיך צו! וואָס הערסטו? : דער אָטעם פון קליינע קינדער אין די קעמערלעך פון כאָלעם? : שטער זיי ניט! : די מוזיק וואָס הויבט זיך אויף ביינאַכט אין נאַכט־קאַפּעס, די מוזיק אין קאָנצערט־זאַלן? :

לאָז דעם דיריגענט זיין לאָרבער־בלעטל : עס גייט אין דעם ניט : הערסטו עפּעס? : עס הירזשן פערד אין שטאַלן, אויפוואַכנדיק אין טרוים : אַ פּליסטעריי פון בלעטער, שלאָף־קלאַנגען פון פויגל אינם בוים : דער שאַל פון אַרבעט, קאָנצערט פון האַמערס, טורבינעס : די פּרעסנדיקע, מאָלנדיקע אָרעמס פון טויזנטער מאַשינען: — אויך דאָס איז עס ניט. אויך דאָס ניט:

אָבער הערסטו די קלעפּ, מיט וועלכע זיי פּייניקן : די געפאַנגענע אין דייטשלאַנד, אין פּוילן, אין אונגאַרן, אין רומעניע : דאָרט אונטן אין אייראָפּע : דאָרט אויבן אין די אַמעריקעס : ווי זיי שלאָגן און פּייניגן און מוטשען און באַליידיקן :

וואָס האָט ער אַזוינס געטאָן? ער ווייסט ניט, ער געדענקט ניט : דאָס איז פאַר אים נאָך ערגער : ער ברעכט צענויף : זיי שלאָגן ווייטער, ווייטער: און די מערדער אין די טפּיסעס לאַכן נאָך דאַביי: הערסטו, ווי זיי שלעפּן אים אַרום אף שטיינבאָדן קאַלטן? : זעסטו ווי דאָס הייסע בלוט זעצט : יעדער קלאַפּ דאַרף דיין אייגן פּאָנים טרעפן! : יעדער קלאַפּ דאַרף ס׳האַרץ דיר פּלעטן! : פאַרגעס עס ניט הערסטו עס? האַמער עס אַריין אין מויעך. פאַרגעס עס ניט: פאַרגעסטו עס, זאָגן מיר זיך אָפּ : פאַלן בייטשן סוינישע אַף אונדז אַליין... פאַרגעס עס ניט!

:: :: ::

איך האָב געהערט פון דיר : דו ווילסט אַלצדינג וואַרפן : און ניט מער מיטגיין. ביזט צו מיד : און ס׳איז נאָך לאַנג צו וואַרטן אַף דער ענדערונג : (אָט איז מיין פּאַרטיי־קאַרט, זאָגסטו אַ וואָס טויג זי מיר?) : עך, דו פאַרביטערטער כאַווער! : דיר ברודער וויל איך דאָס וואָרט זאָגן : וואָס זאָל דיך האַלטן, ווי עס האַלט מיך : און וואָס מוטיקט־אויף יעדן וואָס גלויבט : געדולד! : איך וועל עס שרייבן אַף די ווענט פון מויערן, וועלכע דו באַקוקסט מיט מידקייט : רויט זאָל עס לויכטן אַף יעדערן, וואָס וויל ס׳אויג (פון מידקייט) צו־מאַכן : איך וועל עס אויפמאָלן אַף די ווענט פון די וואַקזאַלן פון וועלכע איר פאָרט, אַף די פּלאַסטן פון די קוילנמינעס: איך וועל עס איינהויכן אין אָטעם פון מאַשינען : און יעדער מאָטאָר־קלאַפּ זאָל דונערן : געדולד : און דער הימל וועט עס אויסרופן צו אַלע

וואָס הויבן אין פאַרצווייפלונג שווערע אויגן! : און איך וועלביידע פויסטן צולייגן צום מויל : עס אין אַלע לענדער אַריינרופן, אין אַלע שפּראַכן פון דער וועלט : דיר, וואָס אַרבעטסט טויזנט מעטער טיף אין די מויערן פון טויט : דיר האָב איך עס געזאָגט, ווען דו האָסט דיך פון טויזנט מעטער הויך דערנידריקן געוואָלט צום טויט : האָב איך דיך מוטערלעך געבעטן, מיט טרערן אין מיין הארטן קאָל : און אין די טפּיסעם האָב איך עס ווי א סיגנאַל געוואָרפן : צאַרטע קלאַפּצייכנס פון דערמונטערונג : און אין די הויכקייטן, ווי א פייערבליאַסק.

. . . און דו ווילסט אונדז פאַרלאָזן?

:: :: ::

די שטעט וואַקסן : שטענדיק איינזאַמער ווערט דער מענטש : באַלד וועט מען מוזן פאָרן זוכן: אביסל גרינע ערד: דער קאָרן ווערט מאָגער : פאַרפאַרבט מיט ברוינעם אַש : און זיין גוסט צו בליען שטאַרבט : פאַבריקן וואַקסן : און העכער ווערן אַלץ די פּלויטן פונם גלייכשאַלט. קוימענס פרייכן אָן שום האָפענונג. באַלד וועלן אונדזערע געזיכטער קוואַרים זיין : און פינצטערע : קיינער וועט אונדז ניט דערקענען: די ערד וועט גאָר פאַרגעסן האָבן: ווער מיר זענען.

:: :: ::

היינט אַרבעט איך ניט : היינט אַרבעט איך ניט : היינט אַרבעט איך ניט.

דאָס איז מיין גליקלעך ליד : היינט אַרבעט איך ניט. היינט אַרבעט איך ניט, היינט אַר — —

ווי גוט, ווי גוט, ווי גוט עס איז צו קענען זאָגן זאַטערהייט:
היינט אַרבעט איך ניט, היינט אַרבעט איך ניט.
(פּונקט ווי ביטער עס איז צו זאָגן דאָס — הונגעריקערהייט!).
אָבער היינט אַרבעט איך
טאָקע, טאָקע, טאָקע ניט.
פריינט, כאַווער!
דאָס איז ניט קיין געדיכט!
דאָס איז א געשריי פון פרייד
פון א יונג האַרץ!
איבער א טאָג פון פרייהייט!

די קענאָן סטריטער ליטעראַטור-גרופּע

איך האָב געלייענט אַף דער אַנדערער זייט פונם דעק-בלעטל:
„וואָלום איינס, נומער 1, זשורנאַל „פּיילן". — פאַר רעדאַקציאָנעלע איניאַנים זיך ווענדן צו 134 קענאָן סטריט, ניו-יאָרק גופּע".

מיין האַרץ האָט זיך אַ ריר געטאָן.

קענאָן סטריט, אַך־האָ־האָ קענאָן סטריט!

אין קענאָן סטריט האָב איך מיך אַמאָל געלערנט פאָרן אויף אַ ביציקלעט, איז אַ פערד אַריינגעפאָרן, מיך שיר דערהאַרגעט.

אין דעם שמאָל-בריסטיקן קענאָן סטריט פלעגט מיך אַ פּעדלער אויפוועקן יעדן אינדערפרי מיט זיין „ווייבער, צעריסט מיך, ווייבער!" און דער אַנדערער מיט זיין וואָטער-מעלאָן — „אַ פּעני אַ מויצע!"...

דעמאָלט בין איך ערשט געהאַט געקומען קיין אַמעריקע. מיט אַ פול האַרץ נאַראיִעוו. מיט אַ פול אויג — ווין. מיט אַ פול כאַלעם-קעסטל מיט אַזויגע קאַראַמעלקעדיקע, בערענצוקערדיקע זאַכן!

געטראָגן האָב איך דעמאָלט — קני-הויזן, פאַרצירעוועטע זאָקן, אַן איבערגעקערט מולטערל אַפן קאָפּ.

אַף דעם־אָ האַרטן „מולטערל" (דערבי-העט" אויף אַמעריקאַניש) פלעגן מיינע אויגן גיסן בוכן טרערן — אַף וואָס איך בין געקומען! פון אַ לייפּציקער „יעגער-קאַפּעלוש" אַף — אַזוינס־אָ!

דעמאָלט איז אין מיר די יונגע פרייד גערונען געוואָרן, ווי ציגנמילך אַף דער זון... מיין געמיט איז געוואָרן געדיכט און קעזיג.

אין קענאָן סטריט, נישט ווייט טאַקע פון נומער 134, איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר מיין זשאַווערדיקער אומ־צופרידנקייט מיט דעם לאַנד פון גאָלד־און גאַל. אַף האָוסטאָן סטריט און אַף גרענד סטריט — דער פּראַכט פון פיינע בריטשקעס, לעבטיקע מוידן, וואָלשטאַף און אַדריאַן, און גאָלדענע זייגערס אין די פענצטער! און דאָ — נישט ווייט פון נומער 134 קענאָן סטריט שלאָפט מיט מיר די נויט אין איין בעט. און דאָס בעט איז שמאָל (אַן אויפשטעל-בעטל) און מיין כעישעק איז ברייט, און אין די זוילן פון די פיס — קיצלען הונגעריקע מייזלעך.

דעמאָלט בין איך 15 יאָר אַלט געווען.

:: :: ::

„די קענאָן סטריטער גרופּע" — אַזוי האָט געזאָלט הייסן דאָס ערשטע „ליטעראַרישע שטיבל" פון עטלעכע „יונגע", וואָס האָבן דער־מאָלט געוואוינט אין דעם „גאַליציאַנער" קוואַרטאַל.

איינמאָל אין אַ שיינעם ביינאַכט זענען מיר, די „יונגע ליטע־ראַטן" זיך צונויפגעקומען אין אַ געוויסן „קאָלאָמביאַ האָל", וואו מיין שוועסטער־קינד „דזשימי" האָט דערלאַנגט ברוין ביר פון דער „באַר" און אָפּגעשטראָכן דעם לויפנדיקן שוים פון די גלעזער מיט אַזאַ מין שוואַרץ טייטל. דער נעמלעכער אָפּשוים האָט זיך פּאַוואָלי געזיפּט דורך די לעכלעך פון דעם מעשענעם געדעק פון דער „באַר".

אין „קאָלאָמביאַ האָל" האָב איך מיך אויפגעשטעלט אין מיין גאַנצער דינער לענג און געגעבן אַ זאָג אַזוי: „איך שלאָג פאָר צום וואָל־אַם־בעסטן, אַז מיר זאָלן זיך אָנרופן „די קענאָן סטריטער ליטע-ראַטור־גרופּע".

— זעצט זיך אַנידער. איר זענט אויסער אָרדנונג! — האָט געשריען דער טשערמאַן און געקלאַפּט מיטן האָלצהעמערל אינם שטענדער, — זעצט זיך אַנידער! איר ווייסט נישט וואָס איר רעדט, יצחק רייז! קענאָן־סטריט־גרופּע — באַה! ...

אין דעם „באַה" איז געלעגן אַזוי פיל גרינטלעכער ביטול, אַז די נעשאָמע איז בא מיר פאַרשרומפּן געוואָרן, זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל ווי אַ נאַס פייגעלע.

אויסגעפירט האָבן טאַקע זיי, די „קלוגערע": אַנשטאָט „קענאָן־סטריטער ליטעראַטור־גרופּע" האָט מען דעם קלוב אַ נאָמען געגעבן: „האַמלעט יאַנג מענס ליטעראַטור און בענעוואָלענט סאָ־סייעטי".

:: :: ::

איך האָב צוגעלייגט דעם זשורנאַל „פּיילן" צו דער נאָז און עס האָט אַ שמעק געטאָן — יוגנט.

פרישע באַקן און בלאָטע און געלעכטער, און קלאָמערשט אומעט און וועלטוויסעניש!

פרישער כריין, טאָרף, אוישאַנע־צווייגלעך.

מיט א. טאַבאַטשניקן עפּנט זיך אויף דאָס ביטערע טהילימל.

מיט לידער, לאַמנאַצייעך און ... שטראָפרייד!

בעוורע מיט די אייגענע העמדער אַף די דרענגלעך — ווי פלאַגן!

בעוורע מיט שטיוול אַף די פּלייצעס און הייסן שטויב אַף די באָרוועסע פיס.

אַ וואוילע בעווראיע — מ'דאַרף זיי וואַסער אָנטראָגן, נאָר

ס'האַרץ זאָגט מיר (הערט איר), אַז זיי וועלן קיין וואַסער נישט אָנ־נעמען. זיי וועלן באַשטיין אַף וויין, אָדער... כאָטש קאַלטן ראָסל פון אוגערקעס!

ס'איז אַ וואוילע כעוורע — פון לעמבעריג קומען זיי, קיין גלינע גייען זיי, צום שפּילבאַרג ציען זיי!

האָבן קיין „לייטיש פּאָנים" נישט. ווילן זיך אַריינכאַפּן אין דער ליטעראַטור מיט העמדער, וואָס זענען אָפּן באַ די העלזער — אָן קראַוואַטלעך...

ס'עט נישט קומען דערצו, אַז כעווירע זאָלן אַריין אין דער לי־טעראַטור אָן קראַוואַטן!

די אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איז נישט קיין פּראָסטע קרעטשמע אַפן מיטן וועג, נאָר אַ האָטעל פאַר „האַנדלסרייזענדע"; אָן אַ שניפּסל קאָן מען אַהין נישט אַריינקומען.

ס'איז אַ סוואָרע, אַז אונדזער ליטעראַטור איז טאַקע „רעגלירט" לויט די רעגלען פון אַן אַמעריקאַנער האָטעל: „קומסטו מיט דיין געליבטער, לאָזט מען דיך נישט אַריין, סיידן דו האָסט מיט זיך אַ רענצל!!"

וואָס אין רענצל טוט זיך איז קיינעמס געשעפט נישט. דער איקער איז: באַגאַזש! מעג דיין פּאָרטפּלעד זיין אָנגעפּילט אַפילע מיט בלעך!

:: :: ::

אויב פון טאַבאַטשניקס לידער האָט אַ שמעק געטאָן „דרייצענער טיטין" און ברוינער בערנצוקער, וואָס מ'האַלט אים קעגן דער זון (צו וואָס ציטאַטן? וואָס באַווייזן זיי דען? קאָנען די צעשניטענע גלידער פון אַ שיין הארט שיקסל אייך געבן אַ באַגריף פון דעם מיידלס שיינקייט?;) אויב באַ טאַבאַטשניקן גייט די זון און ס'גייט דער ווינט, און הייסע שטערן רוישען, האָט אָבער שטאָלצנבערג אין זיך דעם טאַם פון קילע לאַפּוך־בלעטער איבער אַ קריגל פּוטער.

ווערטער — פּראָסטע, נישט קיין קונציג געטעסעטע, אָבער — מייסטערדיק פונם בוים אַראָפּגעשפּענדלט.

פּיליטור־מעבל איז נישט די זאַך פון די „פּיילנמאַכערס" — זיי פאַרשמירן זיך מיט פּיליטור די נעגל נישט.

פאַלשע האָלצאָדערן. בוים־כאַראַקטערס? צו וואָס? אַ פּאָנים אַף אַ פּאָנים — דאָס איז די זאַך פון טעאַטער, נישט פון דער ליטע־ראַטור..

שטאָלצנבערג, טאַבאַטשניק, שטיקער — אַלע געזונטע העקערס,

וואָס שפּילן זיך נאָך דערווייל מיט די העק, שאַרפן זיי, שפּיגלען זיך אין זיי (איבערהויפּט שטיקער!)

עפּשער וועלן זיי זיך אַמאָל אוועקשטעלן און ברייטע, פּוילע בוי־מער אויסהאַקן און מיטן האָלץ אַן ערלעך טעפּל געקעכטס אָפּקאָכן.

דערווייל זענען בלויז די העק ערלעך און ריין!

איך וואָלט געוואָלט: אויב קענאָן־סטריטער יונגען זינגען שוין יאָ, זאָלן זיי זינגען אַזוי, אַז עס זאָל דעם „פּעטער אַשער” גרימען אין בויך. עס זאָל באַ די „רייכע שוועסטער” זויער ווערן די מילך אין די ציצן.

דערווייל האָפערן זיי נאָך, די יונגע ווידערשפּעניקער. האָפערן און לעסטערן, און גלויבן אין דעם ווי אין אַ גאָט!

אָבער ס'האַרץ איז מיר גרינג: איך קען דאָס מעל, דאָס טייג, די הייוון — דאַפון מוז גוט ברויט אַרויסקומען! (צי עפּשער האָב איך אַ טאָעס?)

פון ערלעכן קאָרן מיט זאַלץ וועט קיין נאַרישער לעקעך נישט ווערן! (צי עפּשער האָב איך אַ טאָעס?)

און ווילן נאָך די יונגע זינג־לאָשיקלעך נישט גיין אין שפּאַן פון פּראָלעטאַרישן אַכראַיעס, זענען זיי מיר פונדעסטוועגן טויזנט מאָל ליבער, ווי די „קריק־געקומענע”, וואָס שווערן זיך יעדע מינוט באַם סערפּ און באַם האַמער!

בלוט איז רויטער ווי — די רויטסטע טינט!

קענאָן סטריט וועט דעם שטעמפּל גיבן —. ר. האוס' אייזנפּאַב־ריקן, וואָס זענען בלויז צוויי גאַסן ווייט פון זיי (אין שעריף סטריט), וועט זיי ווייזן די נאַקעטע אָרימקייט אינם שיין פון די גרויסע פייערן.

הערט נאָר, כ'בעט אייך: דאָס זענען דאָך נישט קיין פאַרפאָ־מירטע זינגערלעך! דאָס זענען דאָך „לעמבערקער אינגלעך”, וואָס קענען די קלאָלע פונעם „גרעט־ליקל”; די ווערימדיקייט פון קלויז און קלויסטערל; די ביטערקייט פון הונגער; די דערפרישונג פון שוויים! וואוילפרובטיקע לידער.

וואָלוועלע און שטאַרקע פּראָזע („אָט דאָס איז וואָס דער דיכטער טוט” — זאָל דאָס זיין אידיש? אוואדע אידיש!) פאַלשלעכע קרע־דאָס (וועגן עמעסן ליד קאָן ניט זיין קיין צוויי מיינונגען” — האַרכט! האָרכט!) און קריטיק, וואָס שיט זיך ווי פון אַ געלעכערט פעסל (מ'גיט אייך אַ זעץ אוועק און אין איינע 5 מינוט גיט מען אייך אַ קריטיקער־אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס!)

:: :: ::

די גרעסטע מאילע פון די נעאַ־יונגע איז וואָס זיי זענען פלייש און ביינער — לאָז זיין מער ביינער ווי פלייש, אָבער פעטס און הויט קאָן מען אַף זיך ארויפציען, אז עס זענען נאָר דאָ געזונטע קנאָכוועדק.

די „פיילנוואָרפער" ווארפן, ווייזט אוים, זייערע פיילן אין „גאָרטן" אריין — אַף גאָטס באַראָט, און ס'איז אַלץ איינס וועמען מען טרעפט.

נאָר אַז מ'זעט ווי דער „וויינגאָרטן" איז פול מיט „אָפּשרעקלעך" אין צילינדערס און מיט הויכע, הילצערנע פים, קאָן מען פאַרשטיין פארוואָס דאָס הארץ פּאָכעט, און פארוואָס מען ברענגט האָניג אַף אַ שפּיץ שווערט, סאָם — אַף אַ טאַטשקע.

מ'קאָן דאָס פאַרשטיין און — שמייכלען איבער דער כוצפּע, וואָס פּראָטעסטירט קעגן . . . כוצפּע!

:: :: ::

באַ אונדז, עלטערע „יונגע", איז דאָס לידער־בריי געווען — ראָמיאַניק פאַר קינדער; באַ די נייערע „יונגע" איז דאָס הייסער בראָנפען פאַר... זעלנער!

געזונטע אינגלעך. אַביסל פאַרזישעלאַנדעט. נאָר זיי וועלן דאָס איבערלעבן!

זישעס וואונדערלעך הינקען אַף אַ געזונטן פוס, איז אַ באַקוועמע מאָס פאַר נאַטירלעכע הינקער, אָבער נישט פאַר אַזוינע, וואָס טאַנצן צו דעם הייסן שטויב פון די שטערן, די ליכטיקע פרייד פון אָפענע וועגן!

געבוירן צו ווערן איז קיין בושע נישט — ווער דער טאַטע זאָל נישט זיין!

געדענקען דאַרף מען אָבער: אַז יעדער מענטש מוז זיין געבוירן־ווערן אויסקויפן מיט עפּעס (איינער טוט עס מיטן לעבן, איינער מיטן טויט!). עס איז קיין גרינגע זאַך נישט.

:: :: ::

צו דער „קענאָן־סטריטער גרופּע" ברענג איך מיין בעכערל מיט — לעכאַאים!

אייער זינגען האָט אַ הארטן קערן, איז ציכטיק און אויסגעשליפן, ווי אַן איידלשטיין — אָבער דער איידלשטיין מוז רויט זיין, קינדער, ווי אַ ברענענדיק שטיקל קויל—.

שמאַראַגדירט נישט, קינדער!

פאַרוואַלגערט זיך ערגעץ אין אייער זינג־קעסטל א וויכע „פערל"
א קראַנקע גיט זי אַפּ דעם זשאַבעשיסעלע, וואַרפט זי קריק אין גרויסן
יאַם אַריין.

איך זאָג נישט: זינגט נישט פון פּריצימלעך און רויזן, פון קיי־
זערבורג און פון גאָלדענע ליאַלקעס. נאָר זינגט זיי — מוזייאיש:
שטעלט אייער ליכטיקע יוגנשאַפט אַנטקעגן דער טונקעלער אַלטקייט;
און — רעמבראַנדירט, אויב איר ווילט!

מיר, וואָס מיר זענען שוין אַף אַלע זיבן וועגן פון דער וועלט
געווען, מיר גלויבן, אַז נישט איצט איז די צייט צו שפּיגלען זיך אין
דער שווערד, נאָר צו שאַרפן זי.

איך ליג אַסאַך דאַרויף, וואָס איר נעמט פונם וואַלד דאָס פריי־
שע האָלץ און איר פאַרבט דאָס נישט איבער — אַף גענאַרטער
„פּאָעזיע".

א וואַלד שמעקט, א וואַלד קומט—.

איר וועט זען מיינע רייד: דאַווקע פון דעם וואַלד, וואָס איז אַף
קענאָן־סטריטער ערד געוואַקסן, וועלן מיר הענטלעך צו אונדזערע טאַ־
פּערעס מאַכן...

ווייל זיי זענען פון אונדזער אייגן בלוט און פלייש. ווייל זייער
וואָרצל איז פּראָלעטאַריש.

ליטעראַרישע כאַלוימעס

.1

איך זיץ אַפּן שפּיץ באַרג סינאַי און איך שריי: „ווער וויל נעמען?" עס שטרעקן זיך אויס אַ וואַלד מיט הענט און איך דערלאַנג זיי צוויי פון מיינע נייע ביכער, געבונדן אין שטיין. איך קריך אַרויף אַפּן פעלז פון גיבראַלטאַר, און באַצאָל מיין לעבנס־פאַרזיכערונג. די פיס מיינע הענגען אַראָפּ אין יאַרדען אַריין. לעבן מיר שטייט אָפּאַטאָשו און שרייבט מיט אַ קריידל אַפּן וואַסער. איך מעק עס באַלד אָפּ מיט דער צונג, און איך פיל דעם טאַם פון די ניין־טעג... קומט אָן דער קויען־גאָדל אויסגעפוצט אין גוואַלדיג נייע שיך און אין זילבערנעם פאַרטוך זיינעם טראָגט ער אַ גוואַלדיקע סינע צו די איסראָעל־אימלעך.

עס גייען פאַרביי קעמלען און אייזלען. איך דערקאָן אַ פּאָר שריפטשטעלער. איינער טראָגט אַ גלאָק אַפּן האַלז. דער דריטער האַלט אַ מעלק־שעפל צישן די קני; הינטער דעם עלפטן גייט אַ שיקסל מיט אַ גרויסן חאָגע־קוילעטש אין דער האַנט און שרייט, אַז דאָס מאַמזערל, וואָס זי טראָגט אין די אָרעמס, איז זיינס, און זי וואַרפט עס אים צו די פיס.

דער קינסטלער הויבט אויף דעם קוילעטש. גיט אים אַ קוש אין קעפל און צעוויינט זיך און ציט זיך באַ די ווייסע מאַנזשעטן, ווי ער וואָלט וואָרענען קעגן עפּעס אַ געפאַר. זיין העמד־קראַגן איז פון זאָקענבענדל־גומעלאַסטיק. ציט ער אים אויך — ציט אים אויס וואָס אַמאָל גרעסער ביז וואַנעט ער נעמט אים אַריבער איבערן קאָפּ, ווי אַ שווים־יאַרמולקע און ער גייט זיך באָדן און ער שמייכלט אַלץ און זאָגט „פערדאַרעלא". דאָס וואָרט „פערדאַרעלא" קייט ער איבער אַזוי לאַנג, ביז וואַנעט די ציין ווערן אים לויז און ער נעמט זיי אַרויס ווי קליינע מאַנדלען און עסט זיי אויף.

קומט־אָן אַ פורל מיט זייגערס און אַלע ווייזערס ווייזן אַף מיר. דער הימל איז פאַרוואָלקנט מיט מילך און אַ ברייטער מאַלעך אין אַ ווייסן וועסטל־שפּענצער קוועטשט אַ גרויסן וואָלקן־וואָרעק מיט קעז און ער מאַכט דערפון פייערדיקע „קרעפּלעך" אַף צוים־גדאַליע. ער האָט אויגן פון טינט און אַז ער וויל עפּעס זאָגן, שטופּט ער זיך אַריין אַ פינגער אין אויג אַריין און ער שרייבט עס אויף.

אַז ב. ריווקין דערזעט דאָס, באַלבעלט ער אַרויס פון אַן אַכטל מויל: „ב...חמעטשע... סיהלאָמזע", און ער רוקט זיך אַריין מיטן גאַנצן קויעך אין קאַווע־שטיבל אַריין און נעמט איבערפאָרן מענטשן. מענאַכעם אַנטלויפט דורך אַ לעכל פון זיין קאָל. א. מ. פוקס זעצט זיך אַרויף רייטנדיק אַף אַן עטיוד און וויל זיך אָפּטראָגן, אָבער בער־קאָווישי ברייננגט אַריין אַ ציגיינער מיט אַ בער און וואַרפט אַלעמען קאָרטן. דער בער טוט עפּעס אָפּ, שרייט איינער אַפן אַנדערן, אַז ס'איז ניט שיין אַזוי, און עס ווערט אַ געשלעג...

אַז ש. ניגער דערזעט דאָס, מאַכט ער אַ געוואַלט, אַז מ'שלאָגט אידן, און די שקלאַפן־פראַגע הויבט זיך אָן אויפס־ניי. אָבער לינקאָלן גיט זיך אַ שטעל־אויף, נעמט ס'וואָרט, גיט אַ קלאַפּ אין טיש און דער טיש ווערט צעשפּרונגען אַף שטיקלעך!

2.

מיר זענען דריי מענטשן. איינער פון אונדז איז אַ מאַלער, איי־נער אַ מוזיקער, איינער אַ שריפטשטעלער. דער מאַלער מאָלט און מאָלט, אָבער וואָס ער מאָלט — טויג נישט. דער מוזיקער שפּילט און שפּילט, אָבער וואָס ער שפּילט — טויג נישט. מען הייסט זיי שווייגן. מען קלאַפּט מיט די הילצערנע שיך און מ'רופט דעם שריפט־שטעלער. דער שריפטשטעלער שטעלט זיך אויף, שרייבט אָן אַ זעקס שורעס און דער גאַנצער זאַל גייט ווי אַף רעדלעך. אַלע שרייען עס איז אַ מייסטערווערק. לאָז ער שרייבן נאָך און נאָך. סאַ שאָד, ער זאָל אויפהערן צו שרייבן. דער שריפטשטעלער פאָלגט זיי: ער שרייבט פיבערדיק און רייסט שטיקלעך פּאַפּיר און וואַרפט אין דרויסן אַרויס. מיידלעך כאַפּן צו יעדער אָפּגעריסן שטיקל פּאַפּיר, גיבן עס אַ קוש, דריקן עס צום האַרץ, און לויפן דערמיט אַוועק אין דרוקעריי. דער שריפטשטעלער שרייבט און שרייבט — ער צעפּלאָשעט זיך מיט דער פען. עס נעמען זיך דרייען רעדער און רעדלעך — עס טוט זיך כווישעך! הייסע וועלטן קומען אַרויס דורך אַזאַ מין רער און ווערן פאַרשוואונדן אין אַזאַ טאָפּ אַריין ווי וואָורשטלעך. עס קומען נייע, אָן אַ שיר. דער שרייבער אַרבעט מיטן האַנט־רעדל, ווי אַ ווינט. אַלע בלאָזן אַף אים, אָבער ער איינער בלאָזט אַף אַזאַ האָרפּעדער, וואָס באַוועגט די גאַנצע מאַשין. „טרו־בררר־זרר", ווינט עפּעס אַ רעדל. דער שרייבער ווינט־מיט. טרערן רינען אַפן שלייפשטיין, וואו ער שלייפט זיינע געדאַנקען, און ער גיט אַלעמאָל אַ לעק אַ נייעם געדאַנק מיט דער צונג, און ער פּרופט אים אַפן נאָגל צי ער איז שוין גענוג שאַרף.

מיר זענען דריי מענטשן. דער מאָלער מאָלט, אָבער ווער קוקט זיך אום? דער מוזיקער שפּילט, אָבער ווער הערט אים? דער שריפטשטעלער טונקט איין די פּען אין הארץ און אַלע שרייען: „טי־פער! פעסטער! זשאַלעווע ניט!" און מען דערלאַנגט אים אַן אויפגעשניטענעם זעמל מיט פּוטער, קעדיי ער זאָל נישט דאַרפן אַראָפּ־גיין עסן מיטאָג און נישט פאַרשפּעטיקן מיט דער נייער עפּאָכע, וואָס ער האַלט אין מאַכן.

3.

איך זיץ און שרייב.
די שטוב איז פול מיט געסט.
אַלע טראָגן לעקאַכער.

מאַנסביל טראָגן פולע טפילין־זעקלעך מיט געקוילעטע קאַפּהע־נער און רופן זיך איינס ס׳אַנדערע די ערגסטע נעמען און שמייכלען דערביי אַזוי זיס, ווי יעדער מויל וואָלט געווען אַ געוועלב פון לאַקריץ. איינער רופט מיך „געניבאַל" (אָפּגעקירצט פון „געניאַלער קאַניבאַל"). איך באַליידיק אים און שיס אים אויס אַן אויג מיט מיין שפּריץ־פעדער. ער ווערט אויפגערעגט, וואַרפט אַף מיר צוויי ווייסע לאַנדישן און הייסט זיך גיבן אַ פינף־און־צוואַנציקער רעשט.

אינעווייניק אין מיין שרייב־זאַל שפּריצן פאָנטאַנען אַלערהאַנ־טיקע. אַ טויב קומט אַריינצופליען מיט אַ בריטוועלע אין האַנט, שניידט זיך אַליין איבער דאָס העלדזל און פאַלט אַריין צו אַ בעסאַ־ראַבער אידן אין מויל אַריין. דער איד מאַכט „האַם" און בלייבט שטיין מיט אָפענע לעפצן און מיט אַ פאַרשאַרצט היטל צום הימל. אַלע טוען זיך אָן בלעכענע קאַפּעליושן און בייזערן זיך אַף די ציוניסטלעך.

איך פאַרשרייב דעם טיפן געדאַנק, אַז אַ שטראָם לויפט נישט צוליב דעם, וואָס עס איז שולדיק עמיצן געלט און מען דערלאַנגט מיר דערפאַר דעם שליסל צו ניו־הייווען. ווערט מיר קאַלט אין יעדן עיווער. טו איך מיר אָן די ברילן און קוק אַרויס דורכן פענצ־טער. אָבער ווי איך שטעק נאָר אַרויס דעם קאָפּ, זע איך ווי סע פליען אַף מיר קרענץ מיט בלומען. דאָס וואַרפט אַף מיר די בריי־טע מאַסע מיט בלומען פאַר מיין גוואַלדיגן בוך, וואָס איך האַלט אין שרייבן. אין דרויסן לויכטן עפּשער דרייסיק לעוואָנעס און מענטשן גייען אַרום פאַרלעכווייז, האַלטן זיך אונטער די אָרעמס און שושקען זיך: „אָט טונקט ער איין די פּען!" „אָט לייגט ער אַרויף די האַנט אַפן פּערטעלע פּאַפּיר". „אָט שרייבט ער שוין!" דאָ ווערן אַלע

שטיל, בלייבן שטיין ווי פאַרגליווערט הינטער די געל־זיידענע פּאַראַסאָלן און קוקן אַרויף צו מיין פענצטער.

„קינדער", זאָג איך, „גייט אַהיים. ס'איז שוין שפּעט. ס'איז שוין זייגער דריי פאַרטאָג. איר דאַרפט מאָרגן אַרבעטן".

„נישקאָשע־נישט", ענטפערט די מאַסע מיט אַ פּישטש ווי אַ פויגעלע, „מירן שוין אַזוי אָפּשטיין די נאַכט אונטער אייער פענצטער. מיר קענען אייך נישט לאָזן אַליין. ס'איז גענוג, אַז איר טוט פאַר אונדז אַזויפיל".

און ווידער פליען מיר קרענץ מיט בלומען. איינער אַ בלאַסער, מיט אַ שטריימל פון פּאַווע־עקן, ציט אַרויף מיט אַ שטריק אַ פּיטניע מיט הייסע רענדלעך און שרייט צו מיר אַרויף: „כאַפּט'ס!" איך וויל כאַפּן די פּיטניע מיט רענדלעך, אָבער די מאַסע צושרייט זיך: „ניטע! מירן אייך שוין אַליין באַזאָרגן מיט די אַלע זאַכען".

איך רייס איבער אַף אַ רעגעלע מיין „שאַפּן", בויג זיך אַרויס דורכן פענצטער, מאַך־אויף ס'מויל און וויל דאַנקען. אָבער איך דערפיל אַ זיס־אייזערנעם טאַם אין מויל: ראָזשינקעס. די ברייטע מאַסע שטייט מיט אַזוינע ביקסלעך אָנגעלאָדן מיט ראָזשינקעלעך און מ'שיסט מיר ראָזשינקעלעך אין מויל אַריין.

„כעוורע!", וויל איך זאָגן, „לאָז זיין גענוג". אָבער מ'קלאַפּט בראַוואָ — צום טויב ווערן. און מ'שרייט הוראַ און מ'שיסט מיט פייערווערק און אַלע גוואַלדעווען „לאַנג לעבן זאָל אונדזער גרעסטעס־טעסטער געני!" און מ'נעמט מיך אַף די פּלייצעס און מ'טראָגט מיך איבער אַלע פּאַרקס און איבער אַלע מוזייאומס.

און איך כאַפּ מיך אויף — !

בריוו פון מאַקס וואַקס

ערשטער בריוו

. . . איז שוין ווידער זומער (כאָטש דער כוידעש מאַי איז דאָ היי־יאָר קעלטער ווי טאָמיד!) קומען אידן און אַמעריקאַנער צופאָרן פון אייער אַמעריקע, טראָגן אַריבערגעוואָרפן איבער די אַקסלען זייערע שפּאַקטיוון, שטעלן זיך אָפּ באַם נאָטר־דאַם־קלויסטער און זאָגן „סאָ, דהיס איז פּעריז!"

אָפּ מאַנפּאַרנאַס איז קיין נייעס נישטאָ. די מאַנפּאַרנאַסיער זיצן נאָך אַלץ אין קאַפּיי „ראָטאָנד", אין „דאָם", אין „קלאָסערי", אין „וואַוועו" — טרינקען, זייער „קאַפּע־קרעם", אָדער זיפּן דאָס ביטערע ביר און — דאָס ביטערע ביסל לעבן.

וואָרין ביטער איז דעם אָרימען קינסטלער אין פּאַריז — ביטער און — פריילעך.

די רייכע „אייל־שמירער" און „לייוונט־קאָליעמאַכער" וואָס קומען פון דעם גאָלד־געשוואָלענעם אַמעריקע, פאַרנעמען דאָ די בעסטע אַטעליעס. דירע־געלט ווערט וואָס אַמאָל טייערער. אַמאָל האָט גרעניטש־ווילעדזש נאָכגעמאַכט פּאַריז, היינט אימיטירט פּאַריז גרעניטש־ווילעדזש. „אַרעמקייט־דע־לוקס פאַר רייכע לייט"!

נישט נאָר קלוימערשטע מאָלערס און מאָלערקעס, נאָר גלאַט אַזוי רייכע „פּאָרעסאַבאָשן", וואָס האָבן ליב צו באַפּוצן זייער לאַנג־ווייליקן זנום מיט — „קונסט" דינגען־אָפּ די ליכטיקע אַטעליעס, שטעלן אַוועק אַ מאָל־געשטעל און מאָל־געצייג, הענגען־אויף אביסל לייוונטענע שמאַטעס, פאַרפלעקט מיט פאַרב: דאָס איז דער העכשער אָפּ די פּאַריזער „וואוילטאָגן פון די שויסן".

:: :: ::

אין די אַרבעטער־פּאָרשטעט פון פּאַריז איז לעבעדיק. — קאָמוניזם אין פראַנקרייך קומט־אָן דורך זייטן־געסלעך. עס ברענען שוין די טריט לעבן די בולוואַרן —. נאָר נישט אַלע זעען עס. אַפילע נישט אַלע „מיטעלע קליינבירגער" וואָס האָבן זיך לעצטנס אַ נעם געטאָן שפּילן אָפּ דער בערזע און האָבן פאַרלוירן דאָס העמד.

אין פראַנקרייך דאַרף מען זיך נישט ריכטן אַפן „טאָג" — עס וועט קומען אין אַ מאָטינע, אַ פרימאָרגן.

דער אַרבעטער אַפן ביציקלעט (בייסיקל) ווען ער פאָרט צו דער

ארבעט א הונגעריקער, אָפּט א פאַרנעצטער פון רעגן, א קאַלטער, דער איז מאַטעריאַל פאַר רעוואָלוציע.

דאָס פּאַפּירענע לאַמטערנדל, וואָס ער האַלט אפן הענג־דראָטל, צישן די ציין, איז אַן איידעס, אַז ער טראָגט „פייער אין מויל, ליכט אין די אויגן".

אָבער נאָכמיטיק, ווען דאָס אָרעמע מאַלצייט איז אראָפּגע־שווענקט געוואָרן, מיט שווערן ווייַן, דעמאָלט ווערט אויך זיין געמיט שווער און קלעפּיק.

אָבער עס וועט קומען.

דער ווייַן וועט דינער ווערן. אַן ארבעט גייען שוין א סאַך ארום. אין די ווינקל־קאַפייען בא פּאָרט־ראָיאַל הערסטו שוין, ווי ציין קריצן. דער טאָג איז פול מיט נאָפּט...

איין שוועבעלע — איז גענוג.

:: :: ::

האָסט שוין מסתם געלייענט, נאַדיר, אַז שלום אש איז איצט אין מאָסקווע און ער פאַרנעמט זיך מיט זיין אַלטן צייט־פּאָרטרייב פון — כאַפּן פּעטש.

אין וואַרשע, אַז אַש קומט, בלייבט ער שטיין מיט א סטאַנציע פריער, זעצט־זיך־אויף אַף א ווייס פערד און רייט אריין, ווי מאַשיאַך בען איציק...

בא די באָלשעוויקעס זענען די פערד נישט פּאָפּולער!

. . . און אריינרייטן מוז מען — צוליב דער „פאָלקס־צייטונג" און דעם וואַרשעווער פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואָס צאָלן פּענסיע און גיבן ברויט מיט פּוטער...

מען דאַרף פאַרן זיך אָפּוועגן, און טאָמער איז מען אונטער דער וואָג איז דאָ א מיטל: שרייען, אַז די וואָג איז א פאַלשע...

ס'איבעריקע האָסטו מיסטאָמע געהערט, נאַדיר, פון דער אידי־שער טעלעגראַפישע אַגענטור, „די מומע איטאַ", וואָס אַש'ן איז ווי זיכער קיין סוינע ניט.

האָט ער, הייסט דאָס, גענומען ס'וואָרט אונדזער שלום („שולימקע איז געקומען צי־זעך", ווי די יאַטקע יונגען זאָגן אַף אים אין קיטנע!) און א מאַך געטאָן אזוי ווי ער קען: „איך פייף אַף ליטוואַקאָוו'ן".

אַף דעם האָט אים אַן ארבעטער געענטפערט: „אין פּאַריז פייפט מען, אין מאָסקווע פייפט מען נישט".

דער עמעס איז, אַז אַפילע אין פּאַריז האָט זיך שוין אַש לאַנג

אויסגעפיפן. מער ווי א ווארעם גלעזל ציקאָריע קען ער בא דער היגער ארבעטערשאפט נישט אויסבלאָזן מיט זיין ליטעראַרישן פייפן.

זיין זיידענער „ווערידך" איז שוין איצט היבש אפגעבליאקעוועט. אש ווייסט שוין היינט אליין נישט וואָס פאר א קאָליר זיין שטריימל איז.

נאָר אז די שפיצן זענען פוקסישע — דאָס ווייסט איעדער!

:: :: ::

אין „ראָטאָנד" איז ווי טאָמיד לוסטיק און נודנע.

די טעלערלעך הינטער די גלעזער ביר און הינטער די שעלעכלעך „קאפע קרעם" טראָגן א פארשאָלטענעם ציפער — דעם פרייז פונעם געטראַנק.

זיצן דאָ אייגענע מענטשן און מען ווארט, אז — „אמעריקע" זאָל אויסלייזן פונעם טעלערלס ציפערן.

יצכאָק ליכטענשטיין זיצט דאָ מיט זיין מיידל און מיט זיין ליולקעלע. (אז דו ווילסט וויסן אף וויפל ער איז עלטער געוואָרן, גיב א קוק אף זיין ליולקעלע, ווי עס האָט זיך געענדערט, ער אליין ענדערט זיך נישט.)

דאָ זיצן צוויי ווארשעווער רייכע באָכערים, וואָס „שמעקן צום קאָמוניזם" און — קוקן צי דער טאַטע זעט נישט.

דער טאַטע קען נאָך אויפהערן שיקן די פענסיע, — בלייבן זיי כאָלילע אויסגעשטעלט, — כאָטש נעם און גיי ארבעטן.

(וואָס ווארשע גיט ארויס!...)

אויזער ווארשאַווסקי'ן האָב איך שוין עטלעכע טעג נישט געזען, קען זיין, אז ער האָט גענומען זיין טאַהיטיאַנער מיידל און צוגעפּאָרן אביסל קיין קאָרסיקא „זיך אָנווארימען א פלייצע".

. . . ווייטער האָבן זיך די מאָנפּארנאַסיאַנער הייגטיקן זומער שארף צעטיילט צווישן „קאפיי דאָם" און „ראָטאָנד".

„קאפיי דאָם" איז... אריסטאָקראַטיש־גויאיש, באשפרינקלט מיט אביסל איוורים, אידן און איזראַעליטן.

„קאפיי ראָטאָנד" (דאָס איז דער קאפיי וואו אש כאפט געוויינטלעך זיינע פעטש, און וואו סאַמואיל בורשטין פירט זיינע וועלטזינגערישע ליבעס) איז דעמאָקראַטיש.

דאָ איז די בערזע פון קונסט און — פּארנאָסע.

קיין פּארנאָסע, ווי דער עמעס איז, זעט זיך נישט. דער פראַנצויזישער בירגער האָט ליב די קונסט — מיט עפּעס. גיט אים א

גוט בילד, מיט אַ שקאַרמיץ ווײַנשל פאַר אַנדערהאַלבן פראַנק, וועט ער נעמען.

אַנאַטאָל פראַנס מיט אַ פּאָר שלייקעס פאַר 75 סאַנטים וועט ער קויפן.

ווערלינן מיט אַ פּאַפּירל שאָקאָלאַד — נישט טייער, טרע ביאַן!

אַט ערשט לעצטע וואָך, האָט מען דאָ (צום 20טן מאָל) פאַר־קויפט אַ בילד פון דעם אומגליקלעכן מאָדיליאַני — פאַר אַן עזאַ־פישער סומע.

דו האָסט מאָדיליאַני'ן נישט געקענט, נאַדיר, אַ שאָד, ער וואָלט דיר געוועזן געפעלן!

אַזאַ קינדיש־טרויעריקער, שיינער און „שלעכטער", און ווי האָט ער געקענט מאָלן!

און ווי האָט ער געקענט שרייבן לידער!

אָ, שאָלעכץ פון שטילקייט,
וויג מיך אָף דיין לעוואָנע־וויגל,
וויג מיך, דו שטילקייט,
דו קינד, דו מוטער־מערדער...

די איבערזעצונג איז נישט אַזאַ געראָטענע. אָבער לייען דאָס אָף פראַנצויזיש!

אין ליוואָרנאָ, איטאַליע, איז ער געבוירן געוואָרן. זיין ערשטער נאָמען איז געווען אַמעדעאָ. שטאַמט פון אַלט־פּרענקישע אידישע עלטערן.

אין 1904, אין דער עלטער פון 21 יאָר — האָט ער געלערנט אין פּאַריזער „עקאָל דע באָז־אַרז".

אָנגעהויבן זייער קאָנסערוואַטיוו, מיטלמעסיק.

איך האָב מיך מיט אים געטראָפן בעאיים ער האָט געלעבט אין דעמזעלבן הויז וואו זאָלאַ האָט אַמאָל געוואוינט: אָף פּלאַס דע טאַרטר. אַ „דענדי" און אַ „פּעטי בורזשוּא", האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ נאַר און אַ באַרימער.

ער האָט מיר געלייענט פון „שפּינאָזאַ'ס עטהיק" און מיר גע־דאַרשנט עפּעס וועגן דעם „עקסטרעם צו וועלכן שפּינאָזאַ האָט דער־פירט די געאָמעטרישע פאָרם פונם קאַרטעזיאַנישן סיסטעם" — צי האָט ער עמיצן נאָכגערעדט? זיין סייכל האָט אויסגעזען צו זיין פויל און פאַרשלאָפן.

אַ האַלבע שאָ שפּעטער האָט ער מיר געלייענט אָף אויסווייניק שטיקער פון דאַנטע — זענען זיינע אויגן קלוג געוואָרן. אָף זיין

שיינעם, הויכן שטערן האָט זיך עפּעס אויפגעליכטיקט.

עפּעס אַזוינס (ווי דו זאָגסט) איז געווען אין אים! — אַ קינד וואָס וויל כאַפּן דאָס לעוואָנע־ליכט אין דער פויסט אַריין. מאָדיליאַני האָט פון „ניין" נישט געוואוסט.

און ווי האָט ער שפּעטער געהונגערט! ניין, פון הונגער אויס־געגאַנגען.

און וואו זענען געווען די שיינע באַלעבאַטים, די רייכע פליש־טימלעך, וואָס ווײַדלען מיט דער צונג שטענדיק וועגן „קונסט"? זיי האָבן אים אויסגעמיטן. דערנענטערט צו זיך און פּראָטעזשירט האָט אים — דאַווקע ווער? שאַרל ראַפּאָפּאָרט!

דער באַלעבאָס פון „ראָטאָנד" האָט בא אים פאַר אַ מאָלצייט פון אַ „סאַנדוויטש מיט קאַווע" צוויי בילדער צוגענומען.

אין אַן אַ שיר באָרדעלן, פּאָליציי־צירקלען, אָרעמע קעלערס האָט מען מאַדיליאַני'ס אַרבעטן אויפגעקליבן נאָך זיין טויט. פאַר הונדערט־טויזנט פראַנקען פאַרקויפט.

אין צייט פון קריג האָט אים די פּאָליציי געיאָגט ווי אַ הונט. אין אַ צימערל אויף מאָנטמאַרטר האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אינאיי־נעם מיט אַ פרוי, וואָס איז געווען אָנגעקלאָגט פאַר קינדער־מאָרד.

ווי גאָגען און וואַן גאָג איז זיין לעבן געגאַנגען דורך פינצטערע אַלייען.

ווי ווערליינ'ס פּריינט, די קאַץ, האָט מאָדיליאַני אין דער פינצטער געקענט זען בעסער ווי אומעטום...

האַשיש גערויכערט, עטהער געטרונקען, געגאַנגען אין אַן אָפּ־געריסענעם סאַמעטענעם קאָסטיום, פלעגט קימאַט אַלע טאָג האָבן אַ געשלעג, אָבער פון די קאַפּיי „ראָטאָנד" האָט מען אים פונדעסטוועגן אַרויסגעוואָרפן נאָר צייטווייליק.

ער איז געווען אַ „טיפּ", איז צונויץ געקומען פאַר — די אַמע־ריקאַנער טוריסטן.

אָט־אַזוי דאַרף אויסזען דער הינטישער מענטש, וואָס הייסט קינסטלער.

אָט־אַזוי דאַרפן בא אים ציטערן די פאַרוויאַנעטע הענט, אַזוי דאַרפן זיין די אויגן פון אַ פּאָעט — רויט. נישט אויסגעשלאָפן, פאַרשיקערט, פאַרהונגערט, פאַרנאַרט צו דער שוועל פונם טויט —.

בלויז איינע איז באַקאַנט, וואָס האָט אים עמעס ליב געהאַט: די קליינע דזשין האַביטערן, מיטן ליכטיקן פּנים און די צוויי לאַנגע צעפּ אויף די פּלייצעס.

(איר פּאָטער האָט נאָך היינט אַ שפּייז־קרעמל נישט ווייט פון „ראָטאָנד" — דו האָסט דאָרט אַמאָל געקויפט קעז, נאדיר).

אין דער נאַכט פון מאָדיליאַני'ס טויט האָט זי צעריסן אירע אייגענע פּאַר לייוונטן (זי האָט אַביסל געמאָלן און ראַדירט) און זיך אַראָפּגעוואָרפן צום טויט, פונם פערטן שטאָק פון אַ הויז אַף גראַן שאָמיער.

אַ ריזן־קינסטלער פון נעאָ־קלאַסישן סטיל — דער סטיל פון להאָטע, טאָבעען, לאָטרעק.

אַזוי דעליקאַט־קינדיש, סווּדעסדיק־לייכט, קישעפדיק־פּראָסט האָט ער געמאָלן.

דאָרט וואו גאָגען האָט גענוצט סייכל, איז מאָדיליאַני אויסגע־קומען מיט ריינעם ווילן. זע זיין „פּאָרטרעט דע סאַ פאַם"!

און די בילדער פון זיין געליבטער זשין, וואָס דער „פאַרלאַג פון 4 וועגן" האָט אַרויסגעגעבן!

אַ סאַך פון זיינע אַרבעטן זענען צופּרעסן געוואָרן פון מייז אין וויין־קעלער פון דער קורווע ראָזאַליע, מיט וועמען ער האָט זיך, צום סאָף, צעשלאָגן אַף מעסערס. ביידע האָבן זיך געראַנגלט אַפן טראָטואַר (אין רוּע קאַמפּאַן־פּרעמיער) און זיך געשלאָגן מיט קיך־קיילים, מיט אייזנס. יענע איז שוין היינט אויך נישטאָ.

אין „ראָטאָנד" פלעג איך אים זען זייער אָפט, אַמאָל אינעווייניק, ס'ראָוו אינדרויסן, אַפן בולוואַר, אויסגעכאַפּט בא אינגלעך פּיסטאַש־קעס, געלאַכט און זיך געקריגט.

דעמאָלט פלעגן טעג פאַרגיין און ער האָט אַף קיין ביסן ברויט נישט געהאַט.

קראַנקערהייט און אַביסל געריזרט, האָט ער זיך די לעצטע טעג פון זיין לעבן אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן, נישט געהאַט וואו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן. (ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 36 יאָר!)

אינם מיזרעך־אַפּטייקל אַף סאַן מישעל פלעגט ער די עטלעכע סאַנטים אַוועקגעבן פאַר עטהער — דאָס לעבן אויסצולעשן.

בלויז אַיין קיסלינג האָט זיך מיט אים געכאַוועוועט ווי מיט אַ גלייכן. אַמאָל פלעגט אים פּיקאַסאָ אויסמוסערן און צוואַרפן פינף פראַנק... און זיך לאָזן מיט אים פאָטאָגראַפירן.

אַזוי איז די וועלט פון די פּלישטים...

קינסטלער שטאַרבן פון הונגער, רעקלאַמיסטן לעבן אין לוקסוס. פון זיין רייכן ברודער אין רוים איז צו זיין לעוואַיע — וואָס

קיפּלינג האָט קוים צונויפגעבראַכט מיט אַ פּאָר מאָגערע בלומען אַף דעם אומזיסטיקן קייווער אין פּיער לאַשעז, — אָנגעקומען אַ טע־לעגראַמע :

„באַערדיקט אים ווי אַ פּרינץ — ער איז מיין ברודער".

נישט גאָגען, נישט וואַן גאָג, נישט פּאָו, נישט ווערליין, נישט די אַלע אַלכעמיקער וואָס האָבן געמאַכט גאָלד פון שאָטנס, וואָלטן געקאָנט אויסטראַכטן אַ סאָף, וואָס זאָל זיין ביטערער ווי דאָס.

פּאַריז, מאַי, 1928.

צווייטער בריוו

... איך שטעל מיר פֿאָר, אַז אין ליטעראַרישן קאַפּיי באַ אײַך (רופֿט מען עס נאָך אַלץ „קיבעצאַרניע?) ווערט מען שפּעקולירן, ווער איך בין, וואָס איך בין, עפּשער אַ כאָסיד דיינער, אָדער אַ סטאַטיסט, וואָס פֿלאָנטערט זיך אַף אַ רעגע אין די אויגן פֿונם „סטאַר". —

פֿאַר די נייגעריקע וועל איך געבן אַ שטיקל אויטאָביאָגראַפֿיע (און נאָכמער רייצן זייער נייגיר!).

איך בין אַלט — העכער 19 יאָר. דאָס איז זיכער. געלעבט אין 6 לענדער. פּרעמדע קולטורן נאָכגעטראָגן דעם קאַלע־שלעפּ, און זיי האָבן — קימאַט שטענדיק — כאַסונע געהאַט נישט מיט מיר, נאָר מיט אַן אַנדערן.

בין איך אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן פֿאַרסאַמט געוואָרן — יאָ־יאָ, פֿאַרסאַמט געוואָרן — דערפֿילט מיטאַמאָל, אַז די גאַנצע בירגערלעכע וועלט איז אַזוי אייזליש־קליין, אַז אַלץ אַרום מיר איז פּונקט אַזוי קרום ווי גלייך, קלוג ווי נאַריש, מיעס ווי שיין.

ניין, נישט אין אַ בעסערן וועלט־סייכל האַנדלט זיך עס, נאָר אין אַ שפּאָגל־נייעם סייכל.

דעם אַלטן סייכל דאַרף מען אַרויסוואַרפֿן אַפֿן מיסט.

ער איז אָפּגעמוטשעט, פֿאַרגוואַלטיקט, אָפּגענוצט.

איז מיר נימעס געוואָרן אַלדינג, וואָס איז זייערס, און די קונסט אויך, און זייערע קינסטלער קען איך נישט אַף די אויגן ברענגען, כאָטש איך טרינק מיט זיי אַמאָל ביר אין „אָסקאַר ווײַלד'ס קעלער", אָדער איך ליג באַ זיי אַפֿ אַ גוטמאָרגן.

מ'קען דאָס פֿראַזנפֿערדל: קאָפּ און נעשאָמע.

עס זאָל הייסן, אַז דער קאָפּ ראַטעוועט דאָס האַרץ, ווען עס שטייט אין געפֿאַר, און דאָס האַרץ דערהאַלט באַ דער נעשאָמע, ווען דער קאָפּ איז אַף צאָרעס.

קאָפּ און נעשאָמע — די מאָנפֿאַרנאַסיאָנער האָבן ביידע נישט. דער קאָפּ איז שוואַך און קרום; דאָס האַרץ אַלט און פֿאַר־וויאָנעט.

דו, נאַדיר, גלויבסט נישט אין קריטיק; זיי גייען נאָך ווייטער פֿון דיר: זיי גלויבן אַפֿילע אין זעלבסט־קריטיק אויך נישט.

מיינע געליבטע — מיידלעך, שיקסעס, זוינעס, מאַמעס — פֿרעגן מיך שטענדיק, פֿאַרוואָס איך טראָג קיינמאָל נישט קיין זיידענע קראַוואַטן, קיין פֿראַק, קיין הוט אַפֿילע. צי האַלט איך דען נישט

פון אַנשטענדיקייט ?

עס וואַלצערט אַלט־אייראָפּע אַף קרומע פיס. איר אויסגעהאָ־רעוועטער בויך איז אין זייד־גומי־פּאָליטיק. — וועט זי לאַנג אַזוי וואַלצערן ?

דאָס אומפּליוט איז טיף אַריין אין אַלע ווינקלען פון אונדזער וועלט־ווירטשאַפט. עס קען דאָ קיין זאַך נישט העלפן — אַכוץ פייער. אויסברענען דאַרף מען.

אַלע אַנדערע רעפּועס האָט מען שוין געפּריפט: קאַפּיטאַליסטישע בלאָטעבעדער, פאַשיסטישן שוועבל, בונדיש שפּרודל־וואַסער, ציאָ־ניסטישע חמי־טבריה (וואָס פאַר אַ רייעך דאָס האָט, אָך איז מיר!).

דער קראַנקער טייל פון דער וועלט — אייראָפּע — איז אַף צאָרעס. דער כוילע שלאָפט אַף אַ שמאָל בעט, און די פענצטער זיינען פאַרמאַכט.

פאַר קיין גרעסער בעט איז אַפּאָנים קיין אָרט נישטאָ. מאָגערט מען דעם כוילע מיט פאַטריאָטישע לאַקסיר־מיטלען, מיט שאָוויניס־טישן צענעס, און די לופט איז געדיכט — נאָר אויפצוהענגען אַ האַק.

אונדזער פּואַנקאַרע שטעלט זיך אַפן קאָפּ צו סטאַביליזירן די וואַליוטע.

מוסאָליני איז אַ קאָמישער קאַניבאַל: ער לעבט אַף מילך און ביסקוויטן.

דער וואַטיקאַנבעט גאָט, אַז גענעראַל נאָבילע מיט זיין שטאַף זאָלן זיך אומקערן בעשאָלעם פון זייער נעסיע; און די סאָוועטן־מאַכט שיקט דערווייל אירע שיפן צו דעם אָרט, וואו נאָבילע געפינט זיך. —

וועלן מיר זען, ווער וועט עס מאַכן שנעלער: גאָט צי די סאָוועטן ! ?

פּילסודסקי שיסט אַביסל דורך אַן אייגענעם מענטשן (אַל־פּי טאָעס ?) און — וויינט ווי אַ ביבערקאָלנער.

וואַלדעמאַרעס — ווידערשפּעניקט און — ווי זאָגסטו, נאַדיר, אין דיינע גראַם־מוסטערן :

„ווער מיר ווידערשפּעניק־איז,
דער קריגט נישט קיין וואַרעניקעס".

דער אַלטער קייזערלעכער „אָדלער" לויזט זיך דעם קאָפּ מיט אייגענע קלאָיען און — וואָס ער געפינט, איז זיינס.

מער ווי דאָס וועט ער, בלי ניידער, נישט האָבן !

ה. ס. איז דאָ געווען אַ גאַסט — דער טרוקענער כאָסיד, דער פאַרברענטער מיסנאַגעד; אַ יונגער, וואָס האָט איבערגענומען

בעיערושע ווייטער צו שפּינען דעם פֿאָדעם. ער פֿאַרשטייט נישט, אַז די האַנט, וואָס רײַסט דעם פֿאָדעם, איז אַ . . . יערושע־האַנט!
אַף קוואָרים געשלעפּט זיך, ווי דער שטייגער איז.
היינע'ס קייווער האָט ער שוין באַשריבן, יאָ?
די אויפֿשריפֿט אַף דער מאַצייווע, האָב איך געזען, האָט ער קאָפּירט אין זײַן נאָטיץ־ביכל אַריין (וואָס פֿאַראַ פֿיינע נאָטיץ־ביכלעך אייערע אַמעריקאַנער פֿאַרגינען זיך! מיר, דאַ־הי, באַניגן זיך מיט בלאַנקנאָטקעס, אָן טעוועלעך).
זײַן געטרייע באַגלייטערן האָט זיך דערבײַ זייער אָרנטלעך גע־ווישט די אויגן.
האָט ער כאָטש באַמערקט, אַז נישט ווײַט פֿון דעם „מענטש היינע" ליגט און שלאָפֿט אויך די דאַמע קאַמיל?
פֿאַר אַ שרייבער מיט אַ פֿאַנטאַזיע איז דאָ דאַרויף וואָס צו שפּעקולירן: „היינע און מאַדאַם קאַמיל", ווי פֿאַרברענגען זיי די צײַט אינאיינעם אַף דעם בייס־אוילעם פֿון פּיער־לאַשעז, אָדער אַף דער פֿראַנצויזישער יענערוועלט?
איז דער סענטימענטאַלער היינע עפּעס אייפֿערזיכטיק אַף איר, ווי ער איז עס געווען אַף זײַן „פּעשער מאַטילדען"?
האָט ס. באַמערקט דאָס אָראַנפֿעפֿאַלענע שטיין־ציילעמל אַרום 9 צענטימעטער לינקס פֿון היינע'ס קייווער (אָראָפּגעפֿאַלן אין יאָר „ניינצן־דרײַצעטהאַלבן"!)?
און די אַלע פֿאַרצעלייענע „סקעלעטן פֿון קרענץ", אַף וועלכע ס'זענען אַמאָל בלומען געווען, און וואָס איצט זענען זיי אַלע אוים אַזוי עלעגיש?
און די קליינע פֿליגן אין די צעוויאַנעטע אימאָרטעלן, האָט ער באַמערקט? און די מישפּאָכע „פּאַראַדיז", וואָס האָט זיך צוגע־שפּאַרט מיט אַן אַקסל צו היינע'ס אומשטערבלעכקייט?
ס. איז אַוועק — קיין דייטשלאַנד מיסטאַמע, אָדער קיין אי־טאַליע. —
ווילסטו זײַן אַ מאָלער — פֿאָר קיין פּאַריז.
אַ דיכטער? — פֿאָר קיין רוים.
אַ טענצער? — פֿאָר קיין שפּאַניען.
אַ מוזיקער? — פֿאָר קיין ווין.
די „גאָלדענע יוגנט" פֿאָרט און איז . . . מאַצליאַך צוביסלעך.
קומט מען נישט קריק קיין גרעסערער מאָלער אָדער מוזיקער, אָדער דיכטער, קומט מען אָבער קריק מיט . . . דער וועלט אַף יענער זײַט פּלייצע.

אַט־דאָרטן־אַ!

„אַז איך בין געווען אין רוים — — ”

„אין יאָרע 1928 — ”

דאָס גיט גוטן טאָן, אָבער זיין איז דאָס, ווי דער סיציליאַנער זאָגט: איפּעקאַקואַנאַ!

וואָס האָב איך געלערנט אין רוים? — געלערנט, אַז די „ניין־טעג” זיינען נישט קיין אידישע זאַך, נאָר אַ — רוימישע.

אין די „9־טעג” (9 טעג פאַר דעם „פעסטאַ פון דער מאַדאָנאַ”, 8טן דעצעמבער, דערנאָך די 9 טעג פאַר ניטולנאַכט) גייען אַרום די „פיפּפערארי זינגער” און „קאָליעדעווען” ווי בא אונדז אין נאַראַיעוו, אין גאַליגור, אין פעטיטר.

דאָס־אַ האָב איך געלערנט אין — איטאַליע. ווייטער האָב איך געלערנט, אַז די אַברוצציאַנער פּאַסטוכער שפּילן קימאַט אַזוי שלעכט אַף זייערע ווערבענע פייפעלעך, ווי די פּאַסטוכער אין די גרויסע וועלדער, לעבן בערעזשאַן.

:: :: ::

קאַפיי „ראָטאָנד” איז היינט ליידיקלעך. די היץ האָט אַרויס־געטריבן אין „בוא” אַריין, אַף דעם קילן יאַרידל, באַם מאָנטמאַרטר קלויסטער.

זיץ איך דאָ מיט אַ כאַוער, טרינק ביר, לייען דעם נודנעם „קאַטעדיען” און רעד זיך אַביסל דורך מיט ל. בלומענפעלד׳ן, וואָס איז אַזוי פּרעציז אין דער צוגרייטונג פון זיינע שאַלאָטן, ווי ער איז פּרעציז אין זיין שרייבן.

דער פּאַריזער האָט ליב זיין מאָלצייט (דאָס ליטעראַרישע אויך!) מיט וויין, עסיק, בוימל, און פעפער. אַמעריקע שלינגט, דייטשלאַנד קייעט, אָבער פראַנקרייך — פּאַרזוכט.

איך רעד איצט מיט בלומענפעלד׳ן וועגן ביאַריץ — די שטאָט נאָך וועלכער נאָמבערג האָט שטענדיק געבענקט, ווען ער איז געווען פאַרקילט.

און אַז ער איז סאָף־קאָל־סאָף געווען און קריק־געקומען פון דאָרטן, האָט ער געזאָגט:

„ביאַריץ טויג אַף קאַפּוררים. סי רעגנט”.

די אומריינקייט — זאָגט בלומענפעלד — פּאַסט דעם איטאַל־יענישן לאַנד אַזוי גוט צום פּאָנים, ווי די ריינקייט פּאַסט — צו האָלאַנד.

ווי אַ שיינער פרוי פּאַסט אַמאָל אַ מיעס פּאָנים!

:: :: ::

דער אַמעריקאַנער באַשאַפט זאַכן צו זיין גליקלעך. אָבער אַז ער באַשאַפט די אַלע זאַכן, איז ער שוין אַלט און קאָן פון זיי קיין האַנאָע נישט האָבן.

זע דאָך אַליין, נאַדיר: די מייסטע טוריסטן פון אַמעריקע און ענגלאַנד זיינען עלטערע מענטשן.

זיי רעדן הויך, ווייל זיי האָבן קיין „זיסע זאַכן" נישט איבער וואָס צו שווייגן.

אַ פיבער איז אין זיי — אַזאַ זשעדנעקייט נאָך פאַרגעניגן, אַז ס'ווערט איינעם אומעטיק צו מוט.

שווער צו פאַרברענגען מיט אַן אַמעריקאַנער בא איין טיש; ער שלעפּט די צייט פאַר די הערנער און ציט זי פאַרן ווידל. און יענע קוויטשעט.

וועלט-מעשוגאַעס, דער פיבער פון די מאַשין-שטאַנגען, פון דער דינאַמאָ, האָט זיך אַריינגעטראָגן אין דעם מענטשלעכן עכאָד.

קיינמאָל איז אַ מאַשין נישט אַזוי אומרואיק, ווי ווען זי רוט.

זאָל איך טאַקע עפּשער זאָגן, „זאָל לעבן פּאַריז!"

פּאַריז פאַרמוטשעט נישט מיט קיין קונסט. ווילסטו „קונסט"? אָט איז עס! אין די גערטנער, אין דרויסן אויף די ביים-אַווילעמס, אין די קעלער-קאַפייען.

דאָ איז „קונסט" נישט קיין „זעלטענע מאַטבייע", וואָס מען באַהאַלט עס אין קעשענע, אָדער אין שופלאָד, אין מוזיי, אָדער באַם אַנטיקוואַר. דאָ איז קונסט אַ פּראָסטע קיטל צו אַ פּראָסט זייגערל.

וואַרשע זאָגט אָנשטעלעריש: „זיצט, פּראָשע פּאַנאַ!" און כאַפּט אַוועק ס'בענקל. בערלין זאָגט שווער און קורץ און מיט דיקע ברעמען: „זיצט, ביטע". מאָסקווע זאָגט: „זיצט — אויב איר האָט צייט און אויב איר קאָנט געפינען אַ בענקל". פּאַריז שמייכלט, גלעט-אָפּ מיטן אייגענעם אַרבל דעם זיץ פון בענקל און זאָגט זייער פּראָסט און זייער אויפריכטיק: „זיצט, זייט אַזוי גוט, האָט צייט, איילט זיך נישט, וואָס איז זיך דאָ צו איילן? די וועלט האָט נאָך אַ סאַך שאָען, אַ סאַך וויין, אַ סאַך גיטאַנאַס!"

אין פּאַריז איז דאָס לעבן אויסגעטראַכט — איז עס גרינג. וואָרין, ווילסטו, נעמסטו און טראַכסט עס אויס אַנדערש!

פּאַריז איז — טעאַטער. טעאַטער פאַר קינדער און קינסטלער. פאַר נאַראָנים און קריטיקער איז דאָ קיין אָרט נישטאָ.

דאָ דאַרף מען זען און נישט פרעגן.

דאָ דאַרף מען הערן און — פאַרגעסן.

דאָ גיט זיך קיינער נישט אָפּ מיט אַזוינע אידישע קאָמפּלימענטן ווי:

„אַך, וואָס פאַרא שיין פּרישטשיקל איר האָט היינט אָפן פּאָנים!"

ווי אייער ליטעראַטור־אַנונציאַ, ש. ניגער, טוט עס דאָרט בא אייך.

איך גלויב נישט, אַז עס איז רישעס. עס איז בלויז אַ אידישע טעווע, אַ קליינשטעטלדיקע.

ווי מיסטיציזם איז אַ — אידישע טעווע.

קלוג־זיין הייסט בא אידן — אַ ווינק־טאָן מיטן אויגל.

„טיפקייט" הייסט: זאָגן איין זאַך און מיינען גאָר עפּעס אַנ־דערש.

וואָס מער וועג איינער ליגט־אויף אין זיין דענקען, אַלץ פאַר אַ גרעסערן דענקער האַלט מען אים

פּונקט פאַרקערט ווי בא די „אויוודיי קויכאָווים".

האָט איר דאָרט אין ניו־יאָרק און אין וואַרשע „קונסט"־שולן, „קונסט"־שולעכלעך. אַקאַדעמיעס און גרופּעס, וואָס זייער גאַנצע אַרבעט איז: הענגען פאָרהאַנגען אָף ליידיקע דרויסנס.

אַ מאָדע אָף אָנצינדן ליכט באַטאָג און אָף אָנשמינקען יונגע שיינע פּענימער.

איך האַלט, אַז אַ וואונדער איז נאָר דעמאָלט אַ וואונדער, ווען ס'געשעט באַטאָג.

אַז ס'געשעט באַנאַכט, האָב איך אַ כשאַד, אַז עס איז פּאָקוס.

אַרויסצורופן „שטימונג" דורך פּאָשעטע, ליכטיקע ווערטער איז זייער אַ גרויסע זאַך.

אָבער צו שפּילן דעם „דיבעק" אין דער ליטעראַטור, בא וואַק־סענע ליכט און עקזאָטישע געזאַנגען, אַרויסצורופן שטימונג דורך איבערשרעקן, דורך רעדן פון בויך — דאָס איז גרינג.

אין דער פינצטער זעען אַפילע מאַציוועס אויך אויס ווי לעבע־דיקע מענטשן.

גיט אונדז די העלע קונסט, די ליכטיקע, נישט די שוואַרצע!

אי, י. ל. פּרץ — ער איז דאָך אויך געווען אַ מיסטיקער? איז דער טערעץ, אַז אויב איינער שטאַמלט, ווייל ער האָט צופּיל צו זאָגן, איז דאָס נישט קיין כיסאָרן. אָבער אַז איינער שטאַמלט, ווייל... ער איז אַ שטאַמלער, איז שוין עפּעס אַנדערש.

ספּעריאַמאָ!

פּאַריז, יוני, 1928.

דריטער בריוו

אַז ס׳איז דאָ געלט, איז גוט די־טעג צו זיצן אויפֿן דעק פֿון אַ שיף, אַף אַ שיף־שטול, מיטן קאַשקעט אַריבערגערוקט מער ווי אַ העלפֿט איבער די אויגן, דאָס אויפֿגעמאַכטע בוך נישט דערלעזן, נישט דערטראַכט, אַף דער קני, איבערגעקערט מיטן רוקן אַרויף.

ווי איך וואָלט וועלן איצט זיין אַף אַ שיף — צום בעסטן אַף אַ שיף, וואָס גייט פֿאַוואָליע און קומט נישט אין ערגעץ; עפּשער אַף אַן אַלטמאָדישער, בראַוווער זעגל־שיף, וואָס פֿאַרלאָזט זיך אַפֿן ווינט.

מיין אידעאַלע שיף איז אַ „טרעמפּ־סטימער״, וואו מ׳וואַשט זיך אַליין די וועש, מ׳הענגט זי אַרויס אַפֿן דעק, וואו עס דרייט זיך אַרום אַ קוויטיקער הונט, אַ קעצל, אַ ווייב, זעקס קינדערלעך.

יונגען מיט האַריקע ברוסטקאַסטנס עסן גרינטלעך, שלאָפֿן האַרט, ליבן ברוטאַל.

אַפֿן יאַם מיטן יאַם, נישט קעגן אים!

ווי קאָמיש זעט אויס דער פֿראַק און „פּולדרעס״ אַפֿן הויכן יאַם.

גליטשט זיך די שיף אַרויס פֿונעם אויג־רעשוס, איז זי נישט מער ווי אַ גאָלדענע פֿלוי, אַ פֿינטעלע, אַ שטעכשפּענדל צווישן די ציין פֿון אַ ליוויאָסן.

און ווען דער ווינט פֿאַרקאַטשעט זיך די אַרבל און נעמט פֿלעמען די שיף אַף אַלע באַקן, רייסן זי באַם פֿאַרטוך, אַרויפֿלאַכן אַף איר זיין לעצאָניש געוויין!

. . . אָבער קיין געלט נישטאָ, קיין מוט נישטאָ — זיצט מען דאָ אין פּאַריז, אין די הייסע טעג.

אַמאָל, ווען פּאַריז איז בלויז געווען פּאַריז (און נישט גאַנץ־פֿראַנקרייך!), פֿלעגט זיין אַ מאָדע צו קומען אַהער אַף די זומער־כאַדאָשים — אָפּרוען.

מאַך־צו די אויגן, נאַדיר, וועסטו זען ס׳אַלטע פּאַריז — אַ שיטערע, שטיינערנע רואינע, מיט טשאַטעס גענז און קופּעס זון, און אַ פֿאַרשלאָפֿענער טייך סעין, וואָס באַלעקט זיך פֿון זיין אייגענעם טאָם, ווי אַ בלינד קעצל.

גרינס שלאָגט זיך אַרויס אומעטום, וואַקסט אונטער די גרינגע פֿיס, באַפֿאַלט די שטאָט, ווי אַ וואַלד באַפֿאַלט אַ ישוב און וויל עס אויפֿעסן — מיט העק מוז מען זיך שטעלן קעגן דעם!

היינט אין פּאַריז — היים. פּייכט און היים.

דער הימל קאָן באַ זיך נישט פּויעלן אַוועקצושטעלן עפּעס אַ פּעסט וועטער כאָטש אױף איין טאָג. עס גיסט אַ רעגן.

און אַז עס רעגנט אין פּאַריז איז גוט (ווי אומעטום, אפילע אין די בראָנקס אָדער אין רומעניע) איז גוט צו ליגן אין בעט, באַ שווערע פאָרהאַנגען, מיט צעבונדענע טאַליעס, און טראַכטן — פון מינכן, פון בוטערמעלכער גאָרטן, וואו איך בין געזעסן אַ הונגעריקער און געבאָלעמט וועגן לעקעך און אַגרעס־טאָרטן.

אמאָל איז געווען —

דעמאָלט, אויב דו גדענקסט, האָב איך מיך געלערנט שפּילן אַף אַ צימבל (דער איינציקער שפּיל־אינסטרומענט, וואָס האָט געהייצט מיין אוממוזיקאַלישע פאַנטאַזיע!) און ס'איז מיר געווען זייער ביטער. מער ווי אַ וואָך־צוויי האָב איך מיך נישט געהאַלטן אין קיין פּאַנסיאָן. אַף איין לאָזשי האָט מיר די באַלעבאָסטע (פרוי ברונאָ־מייער) אַרויס־געוואָרפן דעם אָרימען צימבל דורכן פענצטער. אַ סטרונע (צי צוויי) האָט געפּלאַצט, ס'האָט דערלאַנגט אַ מאַך „אינזז" און ס'איז געווען ווי מ'וואָלט אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער נישט קיין אַלטן צימבל, נאָר מיין יונג האַרץ.

:: :: ::

אין מיינע יונגע יאָרן האָב איך געהאַט אַ סאַך לערערס, און זיי האָבן מיך געלערנט אַ סאַך זאַכן.

ס'ראָוו פון דעם וואָס מיינע לערערס האָבן מיך געלערנט, האָב איך שוין לאַנג פאַרגעסן (דער מענטשלעכער זיקאָרן איז דאָך נישט קיין „דזשאָנק־שאָפּ", נאָר אַ קעסטל פאַר צירונג!). געדענקען גע־דענק איך נאָר די פּענימער פון מיינע לערער.

מיר לערנען אייגנטלעך פון אונדזערע לערערס — זיי אַליין, זייערע אויגן, זייערע מינעס, דעם ריטם פון זייער טראַכטן, דעם קאָליר.

ווי פּינאָקיאָ, די הילצערנע ליאַלקע, וואָס אַמוזירט ס'קליינוואַרג, אין דער פראַנצויזישער קינדער־ביבליאָטעק, וואָס איז דאָ באַשאַפן געוואָרן מיט אַמעריקאַניש געלט, — ווי פּינאָקיאָ, דערשמעקט (מיט פאַרבונדענע אויגן) די פאַרב פון אַלע בלומען, אזוי גיט זיך אונדז אָפּט, בלינדערהייט, דער קאָליר פון צאַרטע פילאָזאָפיען.

עפּאַמינאָנדאַס, דאָס קליינע בראָנזענע נעגערל, האָט אויך גע־זונגען אין דער קינדער־ביבליאָטעק, געזונגען און געטאַנצט „יאַז", און פרעמדע מענטשן, ס'ראָוו עלטערע פראַנצויזן, האָבן פאַרבראַכט מיט די קינדער, זיי דערציילט מאַיסעס, זיי געטיילט מאַטאָנעס.

אין ניו־יארק, אז איך האב געזען אמאל אין גאס א שיין קינד (ביפראט א מיידעלע), און מיין געפיל איז געווען איר צו געבן א גלעט איבערן קאפ, האב איך מיך דערמאנט, אז דאס קאן שמעקן מיט א „דזשעק־די־ריפער" בילבל, מיט א „קידנעפער־מאיסע", און איך האב פלינק אוועקגעכאפט די האנט, וואס איז שוין געווען איבערן קינדס קאפ.

פראנקרייך דערמוטיקט די ליבע, צערטלט זי, איז וויליק פאר איר צו שפרייטן ווירוויך.

אמעריקע זאגט: „האב מיך ליב, אנישט דערלאנג איך דיר איבערן קאפ..."

דער פראנצויזישער כריסטוס איז (צום גליק) אמאל געווען — וואלטער, איצט הויבן זיך די פראנצויזישע הייליקע אן צו בייטן, אבער וואלטער מוז אין די נאך־מילכאמע־יארן אפטרעטן א שטיקל ארט פאר . . . כריסטוסן, דעם בלאנדן, געמאטערטן, דעם מאנסביל, וואס איז אזוי שיין געמאלן אף די ביליקע ליטאגראפיעס.

אבער „כריסטוס־רויט" איז דא־הי ריינע דעקאראציע; די וואונדן זיינע — צירלעכע, מעכאיעדיקע!

די וואונדן פון דער וועלט זענען היינט העכער און רויטער, און ברענען ווייניקער דעקאראטיוו.

וועט מען רויט הײלן מיט רויט, וועט רויטער האמער צעשמע־טערן דעם ציילעם, וואס איז רויט מיט דער וועלטס בלוט?

קליינע טאעסן זענען גארנישט — נישט אין דער קונסט, נישט אין דער פאליטיק.

אפילע אזא קינסטלער, ווי סערוואנטעס, פארט זוכן זיין פאר־לוירענעם אייזל — טאקע אף זיין פארלוירענעם אייזל אליין!

אין אנאטאל פראנס'עס „מוטערפערלנע געשיכטן" האט די העלדין קימאט אף יעדן בלעטל אן אנדערן נאמען; דאס שטערט אבער נישט דער העלדין צו זיין א לעבעדיקע און גרויסע פיגור.

אונדזער פאליטישע אידייע, נאדיר, גייט שוין זייט א יארהונ־דערט אונטער פארשיידענע נעמען, אבער לענין האט זי דערמייסטערט צו אזא הויך!

פאראכטאגן בין איך געווען אף א לאנגן „אויספאר" איבער די פראנצויזישע שטעט און דערפער.

געזען אין פראנקרייכס גערטנער ארבעטנדיקע פרויען מיט... היט!

דאס געפיל פאר סימעטרי און שיינקייט איז דעם פראנצויז איינ־געבוירן, ווי זיין נאפל.

זעסט אַן אַרבעטער מיט לאַטעס אױף זײַנע אַרבעטהױזן, זענען בײדע לאַטעס פֿון אַ שײנער פֿאָרם און סימעטריש אַרױפֿגעלײגט אױף בײדע קניען.

אױף די פּאַריזער גרױסע בולװאַרן שעלן זיך מיטאַמאָל אָפּ די אױטאָמאָבילן, צוליב אַ שטערונג אין װעג. שטײט מען אַ מינוט און צװײ און פֿינף און צען. פֿאַרלירט מען די געדולד. אין ניו־יאָרק אָדער אין שיקאַגאָ װאָלטן שױן אַלע „שאָפֿערן" אַרױסגע־קראָכן פֿון זײערע טעקסיס און זיך געזידלט װי די ערגסטע. איט־לעכנס פּאָנים װאָלט געװען זױער און פֿאַרזאָרגט: סטײטש, צען מינוט פֿאַרלירן! אָבער אין פּאַריז הױבט מען אָן צו בלאָזן אין די טרובעס, אַלע שטעקן אַרױס די קעפּ פֿון די אױטאָמאָבילן און — שמײכלען.

אין די פּאַריזער האַלעס ביזטו אַמאָל געװען, נאַדיר?

איך בין אַנומעלטן דאָרט געװען באַנאַכט, ריכטיקער, אין יונגן פֿרימאָרגן. װאָס פֿאַר אַ געפּיל פֿון שײנקײט דער פּױער און די פּױערטע װײזן דאָ אַרױס! מיט װאָס פֿאַרא ליבשאַפֿט מ'לײגט אױס די פּראָדוקטן אױף דר'ערד, אין האַלע.

איך בין צוגעגאַנגען צו אַ פּױערטע און געפֿרעגט:

„מאַדאַם, האָט איר עפּשער געבראַכט צו פֿאַרקױפֿן קאַרשן?"

זי האָט מיר אַקעגנגעטראָגן צװײ פֿאַרװאונדערטע אױגן פֿון אָרלעאַנסער פֿאָרצעלײ און געזאָגט:

„מסיו, איר זעט דען נישט, אַז איך האָב הײנט מאַלינעס?! צװײ מאָל רױט — נו, װי פֿאַלט אײַך אײַן!"

כאָכמע איז פֿראַנקרײַכס זשעסט, אָבער איר עמעס איז — שײנקײט!

„נעכטן" איז עס געװען טעין, װאָגע, באַרע; נאָך פֿריער זענען עס געװען די ענציקלאָפּעדיסטן — דער נעאָ־קריסטלעכער שאַטאָ־בריאַן, דער ראָמאַנטישער לאַממעני. הײנט איז עס — מיסטינגעטס פֿיס.

פֿיס, װאָס גײען אין גאָלד און זענען מיט גאָלד געװאױגן!

אין פּאַריז גײט אַ לעגענדע אַרום, אַז אין גאַנץ פֿראַנקרײַך איז נישטאָ גענוג געלט צו סטראַכירן מיסטינגעטס בײדע פֿיס.

האָט מאַדאַם מיסטינגעט אײַן פֿוס סעקורירט אין לאָנדאָן, דעם אַנדערן אין בערלין.

פּאַריז האָט אױך געזאָלט עפּעס דערפֿון פֿאַרדינען, אָבער איז געבליבן אין מיטן.

פֿאַר פֿרעמדע — דער גלױבן; פֿאַר אײגענע — די ליבע.

א קליינע צייט געקומען אין דער פראנצויזישער בירגערלעכער ליטעראטור, אין זייער טעאטער.

פון ראשעל'ן ביז מיסטינגעט'ן, פון קאקלענען ביז דער „רווי־טער־מיל".

אויך דא־הי, אין פראנקרייך (ווי אין אונדזער אידישער ליטע־ראטור אין אמעריקע), בלאזט מען זיך אף סימבאליסטן, אף מיסטיקער.

אנאטאל פראנס זאגט: „די מיסטיקער און סימבאליסטן דארפן נישט טראכטן. זיי זאגן נוויאוס. דאס איז גרינגער".

אויך אין פראנקרייך זעט זיך א טענדענץ צו מאכן קונסט פאר א טאנדעטנע בעגעד.

אפן אמעריקאנישן שטייגער: לאז יעדער מאכן בלויז די קלענסטע טייל פון דעם קלייד.

סעקציע־ארבעט פון . . . ליטעראטור.

אזוי האט זיך קאנראד בערקאוויסי באווארנט אן ארט אין דער אמעריקאנישער ליטעראטור מיט זיינע ציגיינער!

אין דער קונסט איז דער סאמע אלעף־בייס: זיך לערנען קענען דעם מענטשן — דעם גאנצן מענטשן.

ווי דער אנאטאמיקער שטודירט די איינציקע נערוו־געוועבן און קנאכן און אפגלידערונגען, קעדיי צו קענען דעם קערפער פון דעם גאנצן מענטשן!

די פאנאטישע „ליבע" צו שיך וועט פון דעם שוסטער נישט מאכן קיין בעסערן באלמעלאכע.

די פראגע איז נאך: ווער איז דער בעסערער שוסטער — דער, וואס „באקעמפט" די מאדע פון „לאקירטע שטיבעלעטן" און זיצט דערווייל און ארבעט און מאכט גוטע שיך, צי דער, וואס „פארטיי־דיקט" שיך „ביכלאל" און גייט דערווייל ארום ליידיק, און צערייסט גוטע שיך?

אונדזער מאגניפיקאט איז צו דעם מענטש און דאס מענטש־לעכע. מיסטישער ווי אן אפן אויג קאן קיין זאך נישט זיין.

מאדאם פאמפאדור האט געשריבן די געשיכטע פון פראנקרייך — אף אויסנווייניק.

אין דער ליטעראטור זענען אויך דא אזוינע, וואס מאלן דעם מענטשן אף אויסנווייניק אן א מאדעל, און — שטענדיק איבערגע־דעקט מיט א ליילעך מיטן פאנים אהין.

דער סייכל דערפון איז, אז א ליילעך איז גרינגער צו מאלן, ווי א מענטשן.

נישט אלע פארשטייען דאס אבער!

אַ בריוו פון שפּאַניע

. . . די ווייטקייט ליטערט. ווייטקייט פון טעג, וואָס ליגן פון הינטן אָדער פאָרויס. געבענטשטע ווייטקייטן!

ווי רויך ליטערט זיך דורך דער וואַסערפלאַש פון דער נאַרגילע, פאַרלירט די ביטערקייט, ווערט קילער און קלערער, — אַזוי איז אויך דער געדאַנק, וואָס ליטערט זיך דורך צייט; דאָס געפיל, וואָס ליטערט זיך דורך דיסטאַנץ.

אַ קליין ביסל זיך דורכגעשאָקלט איבער דעם באַסקישן לאַנד, וואו גרויסע ווילנס וואַקסן אַף הויכע בערג, אָפּגעמאַכט באַ זיך, אַז דער מענטש העלפט בלויז דער נאַטור אונטערשטופּן איר שווערן כאָלעם.

דאָרטן, וואו די נאַטור כאָלעמט אַליין איר גרויס מעשוגאַאַס, איר געפערלאַכע שפּיציקייט, איר הייסע קאַלך־וויסטעניש, — דאָרט האָט דער מענטשלעכער גייסט ווייניק צו קלעטערן.

נעם אַזוינע לענדער ווי די שווייץ, ווי אונגאַרן, ווי דאַלמאַציע, די באַסקישע בערג, די הימאַלאַיען, — וואָס ווערט דאָרט געבוירן? וואָס ווערט דאָרט געכאָלעמט?

קליינינקייטן, קליינע האַסאָגעס, קליינע קונסט.

דער באַרג כאָלעמט פון טאָלן, נידעריקייטן.

אַף די פלאַכן, סטעפּעס, פּריירים — רייסט זיך דער גייסט אינדערהויך.

אַף די רוסלענדישע סטעפּעס, אַף די דייטשע פּלוינען, אַף די אַמעריקאַנער פּריירים, אין די נידעריק־געלעגענע פּאַריזער פאָרשטעט, באַ די ענגלישע יאַם־ברעגעס, — דאָרט רייסט זיך דער אָדלער פון רעוואָלט, דאָרט עסט ער אויף ס'האַרץ פון אַלע „קינדער פון דער ערד, וואָס בענקען צו דער זון".

פאַר איך זעלטן אַף הויכע בערג, וואו די שרעק ציט אַראָפּ, נאָר אין די גרינע טאָלן — נאַש איך פון די שיסלען מיט זון־„סאָק", און די „נעשאָמע" כאַפּט־אָפּ דעם אָטעם.

שפּאַניען? שטיל, שאַ. דאָס קעניגל ליגט זיך שלאָפן מיט דער קרוין אַפן קאָפּ און ער ווייסט נישט, אַז מען קען צוגאַנוועגען די קרוין מיטן קאָפּ אינאיינעם!

דאָס קעניגל שלאָפט. אָבער די פאַרקאַטשעטע אַרבל וואַרטן אַף האָריקע הענט, קלאַפּן אין פענצטער, מאָנען עפּעס, מאָנען שטיל, —

ווייל זיי זענען נאָך דערווייל אַף דער קאַלטער זייט פונם פרימאָרגן.
אָבער ווען די זון וועט אַ פלאַם־טאָן אַף די שויבן!

דאָס פארשלאָפענע שפאניען געניצט. די אַלטע „זנאַכערין" פרימאַ דע ריווערא שפייט אים אַריין אין מויל אַריין און זאָגט: „צו געזונט!"

דער קאַטאָליציזם וואַרגט מיט זיין „הייליקן ווייראָך"; דער אימפּעריאַליזם סאַמט מיט דער גלאַטער צונג פון זיין שווערד.

ליידיקע טעג, גרינגע שפּילן — הענער מיט הענער, גאָלדענע האָנפעדערן פליען אין דער שטיל־שטויביקער לופט.

נאָר ווען אַף אַ האָנפעדער איז אַביסל רויטס, גיט עס אַ וועק־אויף — ווי אַ גראַם, ווי אַ געשריי, — ווי דעמאָלט, ווען נערא האָט געשפּילט אַף זיין פידל, בעאיים רוים האָט זיך געלויכטן.

:: :: ::

אין שפּאַניע האָב איך פון אַמעריקע געטראַכט —.

מיך פאַרבענקט נאָך דער געגנט לעבן „באַטערי פּאַרק", וואו אַז דו פאַרסט פאַרביי מיטן „על", פילסטו דעם גערוך פון פאַר־ברענטער קאַווע, פון טערפּענטין, פון לעדער, פון קאָרקעס, פון שיף־שטריק, פון סמאָלע.

וויפל וואָלט איך — אין שפּאַניע — נישט געוועזן געגעבן צו זען די שיינע קאָנסטרוקציעס פון אייערם אָן „על", אַרויפגיין אַף די הויכע טרעפּ, מיך אַ דריי־טאָן אינם קאָנטראָל־שליסל, אַריינוואַרפן אַ „פּעני" אינם אַוטאָמאַט און אַרויסבאַקומען אַ שטיקל גומי צום קייען אָדער אַ געקאַרבט שטיקל ביטערן שאָקאָלאַד, אָדער אַ זשמעניע מיט פיסטאַשקעס!

דורך דער שטילער עלנטקייט פון שפּאַנישע שטעט און דערפלעך האָב איך געזען דאָס שומענדיקע ניו־יאָרק, וואָס שלאָפט קיינמאָל נישט, געהערט דאָס אייזערנע געוויין פון אירע אינגעווייד; געזען ווי אירע לאַנגע מעטאַלענע אָרעמס צעקרישלען בערג... געזען אַפילע אַ פּיאַנאָ הענגען ערגעץ אין דער לופט און אַראָפּפאַלן און אַ זינג־טאָן.—

ווייסטו דען, נאַדיר, וואָס פאַרא וואונדערלעכע שטאָט ניו־יאָרק איז — פון דאַנעט־אַ, וואו וויינטרויב־פלאַנצן פלאָנטערן זיך פאַר די אויגן, און שאַרלאַך־פאַרביקע עקדישלעך ליגן פאַרטאַיעט אַף די וועגן און מאַכן זיך געפּייגערט!

דער האָדסאָן־ברעג, דער סטעטן־איילאַנדער יאַם־באָרטן, די רויטלעכע ערד פון די „אַטלאַנטיק היילענדס", די מילי־מיליאָסן ליכ־

טיקע סוידעס באנאכט, די גאָלדענע שופן פון דעם לעוויאָסן ניו־יאָרק.

:: :: ::

אין שפּאַניע האָב איך געבענקט — ווענט מיר גלויבן? — נאָך „טשיילדז רעסטאָראַן", נאָך קוני־איילאַנדער „קלעם טשאָודער", און פון אידישע מילכיקע ווארעניקעס רעדט מען שוין גאָרנישט!

אָ, דער טאַם פון ווארעניקעס מיט קאַרטאָפל, וואָס שווימען אין א יענערוועלט פון געל־וואַרימער פּוטער!

ענגלאַנד האָט „פּלאָם־פּודינג" און „ראָסטביף", אמעריקע האָט „קענטעלאָפּ", „פּאַמפּקין־פּאַי" און „גרעיפּ־פרוט", דאָס רוסישע לאַנד האָט „באָרשט" און „פּיראָזשקי", פּוילן האָט „שאַדלע־מלעקאָ", פראַנקרייך האָט סאָזען און ווײַנען, שפּאַניע האָט הייסן פעפער. אָבער אידן האָבן... קוגל.

האָסטו עס שוין געזאָגט, נאַדיר? — אז נישט וועל איך עס זאָגן: דער „מיסטישער קויעך" פונם פאָלק איסראָעל באַשטייט אין... עסן קוגל!

קוגל איז דער פּריפשטיין פון אונזער וויטאַליטעט.

וואָס די מאַנסאַרדע איז געוועזן פאַרן קייזערלעכן דייטש, אָדער וואָס די „סטיפּלטשיים־רייסעס" זענען פאַר די ענגלענדער, איז די „טשאָלענט־שפּייז" פאַר „אונז אידן".

איינער, וואָס עסט קוגל און טשאָלנט פון קליינערהייט אָן און בלייבט לעבן — איז שוין מעמיילע א מענטש פון העכערער קראַפט, אַן אויסדערוויילטער.

דער טשאָלנט־קוגל איז דער סאָד פון אונזער קיום.

די שוואַכערע, די וואָס זענען נישט געבוירן געוואָרן מיט מעשענע מאָגנס און קופּערנע איינגעווייד — די גייען צוגרונט — פונם טשאָלנט — יונגערהייט. דאַפאַר זיינען די, וואָס בלייבן לעבן — לויטער מאַקאַבייער.

אין שפּאַניע האָב איך דערפילט, וואָס פאַר א גרויסע זאַך עס איז צו זיין א איד — מיט א אידישער נאָז, מיט טומלדיקע הענט (אזוי ווי איך).

קימאַט אומעטום, וואו איך און מיין באַגלייטער (א כאַווער, וואָס קען זייער גוט שפּאַניש) זענען איינגעשטאַנען אין א שטיקל האָטעל — אז מ'האָט נאָר דערזען מיין „נאַציאָנאַלן עמבלעם", די נאָז, — איז דער באַלעבאָס געקומען זיך פאַרענטפערן פאַר דער אינקוויזיציע.

איך האָב אַפילע געהאַט אַ האָטעליער (אין איינעם פון די שפּאַנישע קליינע שטעטלעך באַם באַסקישן ברעג), וואָס האָט געווײנט מיט טרערן, זיך געשלאָגן אין האַרצן אַריין און געבעטן, מיר זאָלן פון אים דורכאויס אָראָפּנעמען די שולד פאַר דער אינקוויזיציע, פאַרגעסן וואָס עס איז געווען און אָנהויבן אַ נײַ לעבן, טאַקע דאָ־הי, אין שפּאַניע, וואו ער איז מיר גרייט צו געבן זיין טאָכטער פאַר אַ קאַלע. אָט שטייט זי טאַקע אין דרויסן לעבן דער טיר און וואַרט — עי, קאַסאַמינאַ!

קאַסאַמינאַ איז אַ פעטע און געשמאַקע סעניאָריטאַ מיט העכער דריי שטאָק זייד אָפן קאָפּ, מיט אַן אַלטמאָדיש סטאַניקל, מיט אויפגעפּוישטע אַרבל, און ס׳ווייזט אויס, אַז מ׳האָט איר ערשט נישט לאַנג אַריינגעשטעלט אַ מויל ציין, וואָס שמייכלט אַוטאָמאַטיש יעדעס מאָל, וואָס זי גיט נאָר אַ ריר מיטן קאָפּ.

איך דאַנק דעם סעניאָר מיט זיין סעניאָריטאַ זייער שיין, טראַקטיר זיי מיט געפעפּערטע ווײַן. מיר פלוישן אַביסל איבער וועלט און . . . אונגערקעס און ווײַנטרויבן.

אַז מ׳ווערט געוואָר אונטן אין האָטעל, אַז מיר האָבן דאָ אַ „פליסיקן יאַנטעף״, קומען אַנדערע פעטע שפּאַניערלעך צו גיין מיט זייערע טעכטער — ווי מיט קעלבלעך אַף שטריקלעך.

מיר פאַיען־זיך־אָן מיט וואַרימען מוט און פרייליכקייט (פאַרן פענצטער בליען די מאַנדלען און ס׳שטינקט דאָס מיסט!). ביליקע פלעשלעך איינגעבונדן אין טייערע שטרוי (ווי יואל סלאָנימס לידער איינגעבונדן אין הירשנלעדער!) ווערן באַזייטיקט איינס נאָך ס׳אַנדערע.

דעמאָלט באַווייזט זיך אַן אויסגעפּוצט באָכירל, מיט דיקע שוואַרצע באַקנבערד, וואָס רינגלען־איין זיין פּאָנים אָט־אַזוי־אַ: (), גלייך ס׳וואָלט געווען אַן איינגערינגלטער טייל פון אַ שטומפּיקן פּאַראַגראַף... ער טראָגט אַ פלאַטשיקן צילענדער, וואָס איז כיינעוודיק אונטערגעבונדן אונטער דער גאָמבע. אַז ער לײדיקט־אויס איינס פון די איינגעבונדענע פלעשלעך מיט פעפערדיקן ווײַן, וויל ער, איך זאָל אים זאָגן, צי איז אין אים נישטאָ עפּעס אַ ניצעץ פון אַ איד—.

איך זאָג אים, אַז — קוים־קוים, עס איז שווער צו דערקענען. זאָגט ער: „נו, און מיין נאָז? מיינע נערוועאישע מאַניערן?״ באַטראַכט איך אַף אים די נאָז — אַ נאָז, ווי אַלע שפּאַנישע נעז. צו זאָגן, אַז זי האָט אַמאָל געשמעקט „גלות״, דאַרף מען זיין אַ גרינטלעכער ליגנער.

זאָג איך אים דעם עמעס, אַז — שוואַך!

ווערט ער זייער אומעטיק, לאָזט אַראָפּ די הענט אױף דער שוים, גיט אַ שמייכל־וועק זיין בלישטשענדיקן קאַפּעליש און בלייבט זיצן, ווי אַ דערהאַרגעטער.

דערנאָך דערמאָנט ער זיך אָן עפּעס און זאָגט:

— נו, און מיינע אויגן, מיינע טרויעריקע אויגן, דערמאָנען זיי נישט אָן אידן, וואָס?

איך האָב אים אַריינגעקוקט אין די אויגן־ווייסלעך, וואָס זענען געווען איבערגעצויגן מיט שוואַרצן סאַמעט און האָבן געגלאַנצט מיט וואַרימער אויגן־יויך, און איך האָב געזאָגט זייער אויפריכטיק:

— יאָ, סעניאָר, אייערע אויגן זענען אידישע.

איז ער מיט דער מינוט געוואָרן פריילעך, געכאַפּט אַ מיידל מיט „זיבן שטאָק זייד אױף׳ן קאָפּ" און גענומען טאַנצן אַ טראָמבאָ־לאָן־פּאָלקע (אָדער עפּעס ענלעכס!).

:: :: ::

שפּאַניען בענקט נאָך אידן — שפּאַניענס געוויסן מוטשעט זיך און קען נישט שטאַרבן. שפּאַניענס בויך ווערט איינגעשרומפּן; דער לעדערנער פּאַסיק גייט אַלע יאָר מיט אַן „אויג" העכער!

שטיל. נישטאָ קיין אינדוסטריען. די אַרבעטערשאַפט שלאָפט צו־ביסלעך, האַלט בלויז איין אויג אָפן.

פייערן ברעכן־אויס — וואַלד־פייערן: אַנדערע ווערן פּאַרלאָשן מיטן פּוס, אױף אַנדערע שפּייען „אייגענע מענטשן" אַרויף (דאָס זענען די רעכט־פליגלדיקע, וואָס שנייצן זיך די נאָז און שמירן זיך די באַקן, מ׳זאָל מיינען, אַז זיי וויינען!), נאָך אַנדערע לעשט דער אייגענער שטורם אויס...

אין שפּאַניען איז דער בונטאַרישער ווינט העכער פונם פייער.

אָנשטאָט אויפצופּעבערן די „שרפה" לעשט ער אַמאָל אויס—.

אָבער ברענען — ברענט אין אַלע ווינקלען פונם לאַנד.

פייערן היפּן פון איין אָרט צום אַנדערן, צינדן זייער אָנגעצייכנט אָרט. מ׳דאַרף נאָר קענען די אַלע פייערן פּאַראייניקן אין איין גרויס שטיק פלאַם.

דערצו דאַרף מען בלויז אַ שטילע מינוט, די פונקען זאָלן זיך קענען צונויפרעדן!

:: :: ::

איך האָב באַדאַרפט רייטן אהין־און־אהין, האָט מען געדונגען זייער אַ הויך פערד (נישט קיין היגס!), האָב איך נישט געקענט אַרופקריכן. איז מען געפאַלן אַף אַ סייכל און מ׳האָט מיר צוגע־שטעלט אַ לייטערל—.

דאָס פערד איז אָבער געווען נישט נאָר הויך איבער די קוויכעס, נאָר אויך ברייט, ווי צוויי פערד אינאיינעם, האָב איך צו די זאָטל־הענגערס מיט די פיס נישט געקענט דערלאַנגען, און דאָס אַראָפּקריכן איז מיר אָנגעקומען מיט נויט־שוויים—.

דעמאָלט האָב איך געטראַכט:

עס זענען פאַראַן שרייבער, וואָס זיי האָבן דאַווקע ליב הויכע און ברייטע טעמעס, צו וועלכע מען מוז זיך צושטעלן אַ לייטערל, קעדיי צו קענען אַרויפקריכן אַף זיי. האָט איר (דער לעזער) טאָקע דאָס געפיל, אַז יענער „רייטער״ רייט, וואוהין דאָס פערד וויל. קיין נאַכעס האָט ער דאַפון נישט, ער פאָרט זייער לאַנג, ווייל ער האָט מוירע פאַרן אַראָפּקריכן און ווייל ער קען נישט פאַרפעסטיקן זיינע שיך אין די זאָטל־הענגערס.

און נאָך „ליטעראַרישע געדאַנקען״ האָב איך געטראַכט, בעאיים איך האָב מיך אומבאַקוועם געשאָקלט אַף מיין פערד, איבער די שפּאַנישע בערגלעך. איך האָב מיך דערמאָנט אָן אַ ווינער געריכט־הויז, וואו איינער איז געווען אָנגעקלאָגט פאַר פעלשן אַ האַנט־שריפט.

דער אָנגעקלאָגטער איז געבעטן געוואָרן אָנצושרייבן אַף שטיק־לעך פּאַפּיר געוויסע ווערטער און בוכשטאַבן. דערנאָך האָט מען זיי פאַרגלייכט מיט דער פעלשונג — נישט ענלעך.

האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז מ׳זאָל אים באַפרייען. האָט אָבער דער אָנגעקלאָגטער דורך דער צייט פונם פּראָצעס גלאַט־אַזוי געמאַדזשגעט אַף אַ שטיקל פּאַפּיר (נישט געוואוסט אַפילע, אַז ער שרייבט), און דאַווקע דאָס האָט פאַראָטן זיין פעלשונג.

מיט געוויסע „באַרימטע ליטעראַטן״ איז אויך אַזוי. אַזוי לאַנג, ווי זיי היטן זיך און שרייבן „וויכטיקע זאַכן״, דערקענט מען נאָך דעם שווינדל נישט. פאַלט אָבער אַמאָל אַרויס פון זייערע הענט אַ קליינינגקייט, אַ בריוול צו אַ פריינט, אַ סקיצע, אַ טעאַטער־רעצענזיע — דעמאָלט פאַראָטן זיי זיך, דעמאָלט דערקענט מען, אַז זייער טאַלאַנט איז אַ געפעלשטער—.

:: :: ::

נו, לאָז זיין געגוג — ליטעראַטור!

ס'איז שפּאַניע און ס'איז מיטאָג-שאָ און דאָס עסן, זאָגט מען מיר, שטייט שוין אַפן טיש און דער געפּעפּערטער וויין שלאָפט אין גלאָז און אין שטרוי און כאַלעמט פון מיין גומען. בינד איך מיין פערד צו צו אַ סלופּ, טאַקע דאָ פאָרנט, לעבן האָטעלכן, וואו אַ שפּאַרבער טאַנצט־אַרום אין בלאָנדן מיסט (לעבן די צוויי קאַש־טאַנביימער), לאָז־איבער מיין „אימפּעדימענטאַ" אַפן זאָטל — אַ פלעשל גאָלד־גרינע טינט אין אַ אַלטמאָדיש־טינטאָרין, וואָס פאַר־מאַכט זיך מיט אַ קנאַק, צוויי געגזוענע פעדערן מיט קליינע „שפּראַצן" (איך האָב פיינט די גרויסע שניטן!), דאָס שפּאַנישע שרייב־פּאַפּיר, וואָס וויקלט זיך צונויף, ווי אַ מגילה, דעם האַלבן טוץ פאַרשטויבטע ביכלעך, די פלאַש מיט וואַסער, — און איך גיי אַריין איגווייניק דעראַרגענען מיין יונגען אַפּעטיט.

בעבאַמאָס!

פון אַ פּאַריזער בריוו

....אינם סעזאָן פון וואַרמבעדער דערמאָן איך מיך אָן מיין ערשטן וואַרמבאַד — טאַקע אין אָן אָרט, וואָס הייסט וואַרמבאַד, און געפינט זיך אין דער פּראָווינץ קאַרינטיע (קערנטען), אין סלאָוואַניש־דייטשן טייל פונם אַלטן עסטרייך.

....פונם טשערעפּאַכע־פּאַרביקן שטעטל ווילאַך פאָרט מען אַהינצו מיט אַ בריטשקע, דורך אָפענע פעלדער. דער טייך דראַווע צעפּאַלט זיך דאָ צופוסנס פון די דאָבראָטש־בערג — צעפּאַלט זיך און צעראַוישט זיך אין אַ ברוין־גרינעם וואַסער, וואָס דרייט זיך אַרום אין דער טאָליקער שיסל, רעדט צו זיך אַליין, פּריוואַט אויסרעכענען וואוהין ס׳איז פאַר אים גלייכער צו גיין פונדאַנען—.

איך מאַך צו די אויגן, זע איך אין דער „קוראָרט־צייטונג" די נעמען פון די בערג: „מיטאַגסקאָגל", „טירקענקאָפּף", „גייל־שטראָם".

איך וויים ניט, ווי דו, נאַדיר, איך האָב ליב נעמען פון בערג, פון שטעט. מיין גרעסט פאַרגעניגן איז נאָך היינט: נעמען אַ פּאָר־פּלאַן און לייענען די נעמען פון פרעמדע שטעט און שטעטלעך.

ס׳איז דאָ אַסאַך מער אַוואַנטיורע אין לייענען רייזע־באַשריי־בונגען, ווי אַליין צו פאָרן—.

דאָס וואָרט, דער שאָטן, איז דאָך אינטערעסאַנטער, ווי די שטעט אַליין, ווי די לענדער אַליין.

נאָכבאַלעמען איז דאָך די וועלט אַ קליין שטעטל: אומעטום קויפט מען שוועבעלעך פאַר אַ גראָשן (אָדער אַ העלער, אָדער אַ קאָפּיקע, אָדער אַ סאַנטים) און אַ דימענט פאַר אַ הונדערטער, אומעטום מוז מען אַלע עטלעכע טעג בייטן די וועש, און אומעטום ענדיגט מען דאָס מאָלצייט מיט קאַווע, טיי אָדער ביער.

היינט זיץ איך אין פּאַריז, אין דעם קליינעם רעסטאָראַנדל, וואָס קען מער נישט אַריינגעמען ווי פינף מענטשן. טרינק עמעסן באָרדאָ (נישט קיין שאַמפּאַן — שאַמפּאַן איז בלויז פאַר די נאַרישע אַמעריקאַנער, וואָס האָבן ליב די רווישנדיקע ווייגען מער, ווי די באַרווישנדיקע!) פּרי פיקס: 13 פראַנק.

איך טראַכט: וואו וואָלט איך אַט־איצט, אין דער מינוט, גע־וואָלט זיין? אין ניו־יאָרק זיכער נישט. אַנדערע מעטראָפּאָלן? שוין געפּריפט. דאָס האַרץ ווערט דערפון נישט גרינגער. דאָס

הארץ ווערט אָבער יאָ גרינגער, אז מען לאָזט דאָרטנאָרומערט דורכ־שיפּלען די ווייטע ליכטיקע ווערטער: „קאַראַוואַנען־אַלפּן”, „מאָנ־גאַרט־גרופּע”, „קלאָגענפורט”—.

ווייסטו וואָס די יוגנט איז, נאַדיר? די יוגנט איז אַ פלויט פון פריש־אָפּגעשיילט האָלץ אַרום דער לעוואָנע, אַרום אַ ברונעם.

די שפּעטערע יאָרן זענען: פאַרמאַכטע שטיבער, דורך וועלכע מ׳קוקט אַרויס אין דרויסן אַרויס, צום פלויט פון פריש־אָפּגע־שיילטן האָלץ, אַרום אַ לעוואָנע, אַרום אַ ברונעם.

:: :: ::

נישט ווייט פון „ראָטאָנד” איז דאָ אַ ביים־אוילעמל — איך געדענק נישט, ווי עס הייסט.

ביים־אוילעמס זענען אין פּאַריז דאָ אַסאַך. אָבער קיינס פון זיי איז נישט ערנסט. דער פראַנצויז איז אָפּילע טויטערהייט אויך אין אַ גרינגער שטימונג, אַרט אים נישט, אז מען נוצט זיין ביים־אוילעם פאַר אַ פּאַרק, און אז אַף דער קלאָג־באַנק לעבן זיין קייווער זיצן פאַרליבטע פּאָרלעך און קושן זיך.

ווייניקער פון אַלע „הייליקע ערטער” איז ערנסט דאָס ביים־אוילעמל, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון מאָנפּאַרנאַס, פון וועלכן איך וועל דיר דאָ באַלד עפּעס דערציילן.

דאָרטן גייען מענטשן אַריין און אַרויס.

אין זומער זיצט מען אַף די בענק, מען רויכערט, מען ליבט זיך.

נעכטן פאַרנאַכט בין איך אַריין אַהין, אַביסל אָנעטעמען זיך מיט דער מאַנדלדיקער לופט.

איך האָב מיך אַנידערגעזעצט אַף אַ „קלאָג־באַנק”, לעבן באָד־ליערס קייווער, וואָס געפינט זיך אין אַ טריאַנגלישן ווינקל, וואו דער פלויט איז.

האָסטו אַמאָל געזען באָדליערס קייווער, נאַדיר?

דאָס איז נישט היינע׳ס אויסגעפּוצטער, פראַנטישער קייווער, וואו דער דייטשישער קוואַרים־מאַן וואַשט אַלע טאָג די מאַציווע מיט זייף און שטעלט סימעטריש אַרום די בלומענטעפּלעך, וואָס די דייטשן ברענגען (צו די וואַזאָנעס זענען צוגעטשעפּעט קאַרטלעך מיט אַזוינע אויפשריפטן ווי: „דאָקטאָר פּפירט, בערלין, יענע און יענע גאַס, יענעם און יענעם נומער, אויפנעם־שטונדן צישן 1 און 5 נאָכמיטאָג”).

באָדליערס קייווער: אַ בראָנז־פיגור ליגט פלאַך אַף דר׳ערד, פאַרוויקלט אין שטריק, ווי אַ מומיע. דאָס איז באָדליער. איבער

אים איז — אף א פעדעסטאל — א קאפ, ענלעך צו ראָדענס „דענ־קער", וואָס קוקט שווער ארונטער אויפן טויטן פּאָעט, און זיינע אויגן באַגעגענען זיך מיט די אויגן פון א לאַכנדיקער פלעדערמויז, וואָס קוקט — פונם פעדעסטאל — צום ערנסטן קאָפּ ארויף.

דער ערנסט און דער כויזעק פונם טויט —ביידע קינסטלעריש פארבונדן אין דעם הערלעכן באָדליער־דענקמאָל. אזוי לייכט, אזוי פראַנצויזיש (נישטאָ דאָ די וואָלוועלע „האַרף" און דאָס „שמעטער־לינגל", וואָס אף האַרים קיוועכ. אָך, היינע, היינע, ווען דו זאָלסט איצט לעבן און א קוק־טאָן אף דיין מאַציינוע, וואָלסטו טעלעכע מאָל נאָכאַנאַנד געשטאָרבן פון האַרצווייטיק!).

אף באָדליערס קיווער ליגן שטענדיק פרישע בלומען: מיידלעך, אינגלעך גייען פאַרביי, לאַכן, קושן זיך, וואַרפן־צו פונדערווייט א בלימל — פון א זשאָנקיל ביז א מאַרגאַריטקע!

ס'ראָוו וואַרפן אים בלומען די מיידלעך, פאַר וועלכע ער האָט זיינע לידער געזונגען — די העפּקער־מיידלעך.

האָב איך געכטן אזא סצענע געזען:

עטלעכע מיידלעך גייען פאַרביי דעם פּאַרק, וואו זייער דיכטער ליגט אף דר'ערד, ווי א בראָנזענע מומיע.

זיי וואַרפן אים צו בלומען, געלעכטערס, האַנטקושן. זיי זענען גוט אויפגעלעגט, די מיידלעך — ס'איז דער סעזאָן פון טוריסטן: אַמעריקאַנישע געסט גיבן גוט צו לייזן, דינגען זיך נישט, נאָר זיי זענען גרויסע כאַזיירים — דער רואַך זאָל זיי נעמען!

איינע רופט זיך אָן: „לאָמיר אים עפּעס זינגען" — און זי ווייזט מיט א פינגער אף „אים", דעם געבונדענעם פּראָמעטיי, וואָס ליגט דאָ, אין דעם לופטיקן גאָרטן, און הערט דאָס זינגעוודיקע גערויש פון זיין פאָלק.

זיי נעמען זינגען באָדליערס באַרימט ליד: „מאַ פאַם ע מאָרטע".

קלייבן זיך ארום מענטשן — מענער, פרויען — אלע זינגען־מיט:

— „מאַ־פאַם ע מאָר־טע — — — — "

— דו ווייסט וואָס, מאַדלען? — זאָגט איינע פון די מיידלעך.

— וואָס?

— לאָמיר זיך אויסטאָן און טאַנצן — פאַר אונזער פּאָעט.

אלע פיר מיידלעך האָבן פון זיך פלינק אראָפּגעשיילט די שטיק־לעך קליידלעך, געבליבן שטיין נאַקעט און אָנגעהויבן טאַנצן — א רינגל־טאַנץ ארום באָדליערס מאַציינוע.

כ'שטעל מיר פאָר, ווען אזא זאַך פּאַסירט אין ניו־יאָרק אָדער אין לאָנדאָן, וואָלטן זיך באַלד ארומגעזאַמלט וואוילע־יונגען, פּאָליציי,

ס'וואָלט געווען אַ פּריילעכער און פּיקאַנטער סקאַנדאַל, די געלע פּרעסע וואָלט זיך באַלעקט דערפון, אַף דער ערשטער זייט. —

דאָ אין פּאַריז?

דאָ זענען אַלע מענער און פרויען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי באַ אַ ריטואַל. די מענער האָבן געהאַלטן די היטלען אין די הענט. —

אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זיך די מיידלעך אָנגעטאָן, אַוועקגעגאַנגען אַזוי פלינק, ווי זיי זענען געקומען. דער אוילעם האָט אויפגעהויבן די קעפּ, אָנגעטאָן די היטלען, זיך שטיל צערונען איבער די אַלייען פונם טויטנגאָרטן. —

ווען איך זאָל דאַרפן אויסקלייבן, צי זיין באַלעבאַטיש־טויט, ווי היינע, אָדער גרינג־טויט, ווי באָדליער, — וואָלט איך אויסגעקליבן דאָס לעצטע.

:: :: ::

דאָס פירט צום געדאַנק, אַז נאַקעטקייט איז גאָרנישט אַזאַ גרויסע זינד, וואָרין אייגנטלעך איז אַ פּעלץ בלויז אַ . . . נאַקעטע שאָף!

אַז מען פרעגט מיך: „מאַקס וואַקס, גלויבסטו, אַז אַ קינסטלער דאַרף זיין נאַקעט?" ענטפער איך: עס ווענדט זיך: אַ קינסטלער, וואָס זעט אויס, ווי יעסענין, — מעג, אָבער איינער, וואָס זעט אויס, ווי... (איך וויל דעם נאָמען נישט דערמאָנען פון דעם מיעסן מענטש) — דער טאָר עס נישט טאָן בעשום אופן.

ריינע נאַקעטקייט איז, פאַרשטייט זיך, בעסער, ווי שמוציקע אָנגעטאָענקייט. אָבער, אַז פיינע קליידער איז אויך רעכט, אויב די נאַקעטקייט לויכט זיך דורך.

יעדער פּאָדעם פלאַקס איז נאַקעט!

יעדער טראָפּן בלאָטע אַפן פּאָדעם פלאַקס איז אַנטבלויזט.

זאָגט מען מיר: סטייטש, דער־און־דער דיכטער האָט אַ טעווע אויסצוטאָן זיינע פרויען! ענטפער איך אים, ווי קאַליאַ טעפער: „און ווער פון אייך טוט נישט אויס זיינע העלדינס — אין געדאַנק?"

דער כילעק איז נאָר: איינער שלעפּט די קליידער אַרונטער, ווי אַ פאַרגוואַלטיקער, דער אַנדערער ברענט זיי אַרונטער, ווי אַ בליץ.—

:: :: ::

„ראַפּאַעלס „מאַדאָנעס" צי סעזאַנס עפּל?" איז אַ פראַזע, וואָס רירט זיך איצט אַף אַסאַך צונגען, צוליב אַ בוך מיטן זעלביקן נאָמען, וואָס איז אַרום דאָ נישט לאַנג.

שווער צו ענטפערן אַף דעם.

אָבער זיכער זענען סעזאָנס עפּל נישט ווייניקער הייליק, ווי ראַפּאַעלס „הייליקע". —

די „נעשאָמע" פון אן עפּל — אויב נישט באהאַנדלט ווי א סענסאַציע (ווי דאָס איז דער פאַל אין דער אידישער ליטעראַטור), איז זיכער נישט ווייניקער קאָלירנדייך, נישט ווינציקער אומשטערב־לעך. —

ראַפּאַעל האָט געטונקען זיין בערשטל אין הימל און „גערעדט מיט מאַלאָכים", סעזאַן האָט געטונקען זיין פּינזל אין די פייערן פון דר'ערד און זיך מיט עפּל צונויפגערעדט.

סעזאַן האָט אין דער טיר פון יעדער לעבעדיקער און טויטער זאַך אָנגעקלאַפּט און באַקומען אַן ענטפער „קום אריין!"

אַף סעזאַנען קען מען פאַרנוצן די קלוגע פראַזע פון מאַדאַם פּאַמפּאַדור:

„בא 18 יאָר האָב איך שוין געהאַט אַלצדינג אויסגעפּרופט, — פאַרזוכט דעם טאַם פון יעדער זאַך, אפילע דעם טאַם פון . . . נישט האָבן געשלאָפן מיט קיין מאַן".

:: :: ::

א ניי מין „סייט־סיאינג" איז מיר אויסגעקומען צו זען פון אן „אַמעריקאַנער טוריסט".

א טוריסט, וואָס גייט נישט זען דעם „אייפל־טורם", אָדער „לאַפּאַן אַזשיל", אָדער די פּיקאַנטע הייזלעך אַפן „לינקן ברעג", אָדער אפילע די שיינע קליידער און צירונג אין די וויטרינעס פון די גרויסע געוועלבן אַף ריע־דע־לאַ־פּיי, אָדער אַפילע די מוזייען, — נאָר וואָס דען איז ער נייגעריק צו זען? ער איז נייגעריק צו זען, ווי עס לעבן די אַרבעטער אַף פּאָרט ראַיאַל, אין די הינטערגעסלעך, אין זייערע סינדיקאַטן. אז ער טרעפט א שיין אַרבעטער־מיידל, פרעגט ער זי נישט אַף איר אַדרעס, נאָר — וויפל זי פאַרדינט א וואָך? און וואו אַרבעט זי? און צי איז איר פאַך אָרגאַניזירט? און צי לייענט זי „ל'הומאַניטע"? און וואָס דענקט זי וועגן די אידישע צייטונגען „פּריוהייט" און „עמעס"?

ער האָט מיך אַרומגעשלעפּט און מיך פאַרמאַטערט — דער „טוריסט", פון וועלכן איך רעד.

ער האָט מיר געוויזן פראַנקרייך. אַנשטאָט ער זאָל וואַרטן איך זאָל אים פירן, האָט ער מיך געפירט. געפירט איבער שמאָלע גאַסן, איבער אָנגערויכערטע זאַלן, וואו מען „מיטינגירט", צישן קוילנ־

גרעבער, שטאָלווערקער, שניידער, סטאָליערס און אנדערע האָרע־פּאשניקעס.

זיין באַליבט ווערטל איז: „איך האָב נאָך היינט אַ מאַיאָנטעק מיט אַרבעט".

זיין אַמעריקאַנישע פּען, וואָס האָלט העכער אָנדערהאַבן ליטער טינט איז בא אים אויסגעריסן געוואָרן, נישט געהאַט קיין רואיקע מינוט: דאָ אין ווערטל אריין, דאָ אַרויס פונם ווערטל.

ווען נישט דאָס ניקעלנע „קלעמערל", וואָלט זי געפאלן פון די פּיס, די ריזיקע פּען זיינע.

אזא אַמעריקאַנער „טוריסט" גאָר! אַ „טוריסט", וואָס קויפט נישט קיין פּאַסקודנע קאַרטלעך, זיצט נישט אין „דאָם", שאָקלט זיך נישט אף די פּיס, פרעגט נישט בא יעדן וואו מ'קען עסן „פלעפּ־דזשעקס", דערמאָנט נישט, אז אמעריקע איז „גאָדס אָון קאָונטרי", טראָגט נישט קיין בינאָקל פאַרוואָרפן איבערן אקסל אף אַ לעדערנעם פּאַסעק, טשאַסטעט נישט מיט קיין געלט, האַלט נישט, אז די אידן (אָדער די אַמעריקאַנער) זענען ס'בעסטע פאָלק אף דער גאַנצער וועלט, און סי פּאַרדריסט אים נישט וואָס גאַנץ „יוראָפּ" איז פול מיט פּאָריינערס!

אַ נייער מין „טוריסט", צו וועלכן מ'איז דאָ אין פּאַריז גאָר־נישט געוואוינט. אַ „טוריסט", וואָס הייסט שכנא עפּשטיין.

:: :: ::

מיר האָבן געשמועסט פון דער גערעטעניש אין סאָוועטן־פּאַר־באַנד. איך האָב אים געוויזן, אז אונדזערע בירגערלעכע צייטונגען שרייבן, אז די זאַנגען אף די פעלדער זענען אַזוי שיטער, אז פון איין זאַנג ביז דער אַנדערער קען מען דורכפאָרן מיט אַ פור.

האָט ער זיך צעלאַכט מיט זיינע גרויסע אויגן און מיר געוויזן בריוו פון מאָסקווע, וואו מען שרייבט אים, אז די גערעטעניש אף די פעלדער און אין די גערטנער איז הייאָר גרעסער ווי אַלע יאָר.

ער האָט מיר אויך געוויזן אַ בריוו פון זיינם אַ באַקאַנטן, אַ אי־דישער קאָלאָניסט אין קרים, וועלכער שרייבט צווישן אַנדערע זאַכן:

„די גערעטעניש אין מיין גאָרטן איז קיין אין־האָרע נישט אַזוי גרויס, אַז איין קאַרטאָפל זאָגט צו דער אַנדערער: „רוק דיך אוועק!" און איין זאַנג זאָגט צו דער אַנדערער: „טרעט מיר נישט אפן פוס!"

:: :: ::

א מאַרעשכוירע טאַקע אַזאַ הויכע מאַדרייגע אין דער קונסט?
מוז די קונסט שטענדיק האָבן אַ „ווייסע צונג”, — צי איז בעסער אַ רויטע?

אַזוי שמועסן מיר דאָ ביידע (איך און דער מאָלער פּלאַנזשאַן) באַ אַ גלעזל ביר, נאָך אַ טאָג אַרבעט.

ער האַלט, אַז אין דער קונסט איז גרינגער צו מאַכן פינצטער, ווי ליכטיק.

ער זאָגט: שטעל דיך אַוועק מיט דער פּלייצע צום פענצטער, מאַכסטו טונקל אין שטוב... אָבער צו מאַכן ליכטיק, דאָ דאַרף מען שוין האָבן ענערגיע, נאַפט, עלעקטריע. דאָס קען מען שוין מיט זיך אַליין נישט מאַכן. דאָס מוז מען שוין באַשאַפן.

איך נעם אַרויס אַ פליג פון מיין גלאָז ביר, האַלט זי באַ אַ פּיסל קעגן ליכט, לאָז זי אַוועקפליען און זאָג:

...דער איקער, דאַרף מען נישט זשאַלעווען, נישט ציטערן איבער דעם טראָפן קונסט.

וואָס רייכער אַ פאָלק, אַלץ ווייניקער שטעלט עס אויס זיין רייכקייט.

אַן אַמעריקאַנער מיליאָנער טראָגט געוויינטלעך אַ טאַשנזייגער פאַר אַ דאָלאַר. נישט מער.

אַ פּאָליאַק, אַז ער האָט אַ זילבערן פינגערל, הענגט ער עס אַרויס אויף אַ שטעקן דורכן פענצטער.

דאָס אייגענע איז אין דער קונסט.

רענואַר פלעגט אַריינדערלאַנגען זיינע געסט אין אָפּטריט אַריין שטיקער פּאַפּיר מיט זיינע מאָלערייען.

דער גרויסער פּאָרטוגעזישער דיכטער, קאַמאַאָנס, פלעגט אָפט נוצן זיינע אָריגינעלע קסאָווים אויף צו פאַרשטעקן אַ לאָך אין סופיט, אַז ס'האָט אַריינגערעגנט.

אַקעגן די גרויסע מייסטער, די וואָס מאַכן קיין ווען נישט פון זייער קונסט, זענען דאָ אַנדערע, וואָס ציטערן איבער זיך, פיעשטשן זיך, קענען אָן זיך נישט לעבן אַ מינוט.

אייער גרויסער פּיאַניסט דע־פּאַכמאַן פלעגט באַם שפּילן רעדן צו זיך אַליין, זיך לויבן, זאָגן צום עולעם, אַז מען דאַרף עס האַלטן פאַר אַ גרויסער זכיע, וואָס מען הערט אים שפּילן.

מען דערציילט פון דעם מאָלער ראַנונקלין, (אָדער איז עס געווען עמאַנועל קאָססיאָ?) אַז ער פלעגט אויפשטיין אין מיטן דער נאַכט, אָנצינדן אַ וואַקסן ליכט, אַרומגיין אין די גאַטעס אַרום זיינע בילדער, באַטראַכטן יעדעס בילד זיינס באַזונדער, זאָגן צו זיך אַליין: „עס

איז גוט. זייער גוט. בעסער קען נישט זיין." אזוי מיט אַלע ביל־דער. אַלע זענען געווען „גוט, זייער גוט, בעסער קען נישט זיין". אַז ער איז פּאַרטיק געוואָרן מיט באַוואונדערן זיך אַליין, אין מיטן דער נאַכט, פּלעגט ער זיך לייגן קריג אין בעט אַריין. אין אַ שאָ אַרום פּלעגט ער זיך ווידער אויפכאַפּן, ווידער אָנצינדן אַ ליכט, ווי־דער אַרומקריכן אַרום די ווענט, רעדן צו זיך אַליין: „גוט, זייער גוט, בעסער קען נישט זיין".

:: :: ::

„איך האָב נאָך היינט אַ מאַיאָנטיק מיט אַרבעט", מוז איך באַלד ענדיקן.

האָסטו געהערט די גוטע נייעס, נאַדיר? — „מיר" האָבן זיך דאָך אַריבערגעצויגן אין אַ נייער אַמבאַסאַדע. „אונדזער פלאַג", רויט־ווייס־בלאָער, וואַרפט זיך אין די פראַנצויזישע אויגן מיט זיין רייכער זיידנקייט.

אַגאַוו: צי ווייסטו, נאַדיר, אַז אין געוויסע לענדער איז אַ מינהג אַז אַ פאָן טאָר מען נישט וואַשן. וואָרין דאָס וואָלט געהייסן, אַז מען גיט־צו, אַז די פלאַג איז נישט ריין און דאָס וואָלט געווען אַ „באַליידיגונג פאַרן קאַיסער"...

אין דייטשלאַנד באַקלאָגן זיך, זאָגט מען, די פאָנען־סוחרים, אַז סאָציאַליסטן קויפן פלאַגן אַף באָרג און... מען זעצט אָן ס'געלט!

אין אַלטן קייסערלעכן דייטשלאַנד, זאָגן זיי, איז אַזוי נישט גע־ווען. בלייבן שולדיק געלט פאַר אַ פלאַג, האָט געהייסן לאָזן אַ פלעק אַף די „פּאַטריאָטישע געפילן". דאָס האָט זיך קיין שום האַנס־וואורשט נישט געקענט דערלויבן.

היינט איז אַן אַנדערע וועלט: אי מען לייגט טפילין, אי די טפילין זענען געגאַנוועטע!

דאָס דערמאָנט מיך (איך ווייס נישט ווי אַזוי!) אָן אַ געוויסן אידישן שרייבער, וואָס צירט זיך מיט עלעגאַנט פראַנצויזיש־דייטשע מאַניערן, מאַרסעל פּרוסט'אישע, שניצלערישע.

אַליין איז ער אַ ליטווישער יונגערמאַן, וואָס לייענט שווער דאָס ביסל פרעמדע איוורי, און האָט ליב אַן אַנשטענדיקן קנייטש אין די הויזן, אַ קליין קניפּעלע אין קראַוואַט, אַ גאָלדן פינגערל.

איז דאָס זייער קאָמיש.

איך געדענק ווען איך בין געווען אַ אינגל, איז צו מיין טאַטע־מאַמע'ן געקומען צו־גאַסט אַ קאָרעווו, אַ באַהעלפער. איז נישט גע־

ווען וואו ער זאָל שלאָפן, איז ער געשלאָפן אַפן בוידעם, לעבן קויש פון מאַצעס.

אינדערפרי איז ער אַראָפּגעקומען אַ פאַרשטויבטער, מיט שפּינ־וועבס אַף אַן אויער, אָבער אַן אויסגעפּוצטער מיט ווייסע מאַנזשעטן און אַ קראַגן, וואָס מיין פעטער איציק האָט געהאַט איבערגעלאָזט און מיין מאַמע האָט עס אַרויפגעוואָרפן אַפן בוידעם.

אַז איך האָב אַ קוק געטאָן אַף דעם יונגנמאַנטשיק, האָב איך מיך זייער שטאַרק צעלאַכט. וואָס איז געווען? ער האָט אָנגעטאָן די „עלעגאַנטע זאַכן" פאַרקערט: די קראַגנס האָט ער צוגעטשעפּעט צו די אַרבל, און אַפן האַלז האָט ער געטראָגן אַ גוואַלטיק־הויכן און שטייפן מאַנזשעט!

פון אַ שפּאַנישן בריוו

...טאָלעדאָ אין שפּאַניען, איז פול מיט על גרעקאָ'ס לאַנגע, דינע הייליקע. זיי וויגן זיך ווי ברענענדיקע קנויטן־שפּיצן אויף זייער לאַנגע, פאַרשטויבטע לעבנס.

אין טאָלעדאָ זענען די גאַסן מיט פלאַסטערשטיינער. די לײדנ־שאַפטלעכע הימלען פון טאָלעדאָ היצן די טרוקענע שטיינער, באַאומ־רואיקן ווי פרויען באַאומרואיקן מענער.

גאַסן שמאָלע, צענויפגעפּענט אין גוט־ברודערלעכן געמיט. אַ זיסע אָפּגעלאָזנקייט! אַ צוגעלעגערט לאַנד, ווי אַן עפּל אויף אַ ווינ־טערבוידעם. אין בירגערלעכן טאָלעדאָ איז אַלצדינג צוגעפּוילט, זיס.

:: :: ::

אין ניו־יאָרק האָבן מענטשן שטענדיק צייט די קעפּ אויפצו־הויבן. האָסטו דען ניט באַמערקט, נאַדיר, וויפיל באַלאָנים עס זענען שטענדיק דאָ אין ניו־יאָרק אויף אוועקצושטעלן זיך קוקן ווי מ'ציט אַרויף אַ פייער־קאַסע, אָדער אַ פּיאַנע?

דאָ אין טאָלעדאָ קוקן זיך מענטשן אויף קיין זאַך נישט אום. הויבט מען דאָ די אויגן אויף, איז עס נאָר אין דער קירך, צו דער סטעליע. גייט איצט אַ שטומפּיק־פּעטע פרוי אין גאַס פאַרביי מיט פיר קליינע קינדערלעך, זעט דאָס אויס, ווי אַ גראָב לעבט האָט פון זיך אָפּגעטאָפּיעט פיר פּעטע טראָפּנס, כײלעוונע.

אין די גאַסן גייען אַלע מיט די קעפּ אַראָפּ. יעדער טראָגט דאָ די יאָרן אַזוי ווי אַ זאַק אייזן אויף די פּלייצעס. יונגע פרויען טראָגן די אויגן ווי שפּיגעלעך — די קליינע שיכלעך אָנצושפּיגלען. פון דער הויך קומט דאָ קיין זאַך ניט אַהער. אַ „רעוואָלוציע", מישטיין־דרערדן געזאָגט, ווערט דאָ רעזשיסירט פון דעם קיניג אַליין.

די קאָמעדיע איז געווען איינגעלערנט, די קאָמעדיאַנטן האָבן אַלע געקענט זייערע רעפּליקעס, אָנגעטון אין מאַסקעס פון „העראָען" זענען זיי געווען גרייט צו דער פּרעמיערע. דער רעזשיסאָר איז אַליין געווען דער — סופליאָר. נאָר ווי שטיל ער איז געווען האָט מען דאָך זיין קאָל געהערט העכער ווי די שטימעס פון אַקטיאָרן. מיט דער הילף פון פּיטורעסקע בערדיקע שטאַטיסטן — אידן און אַנדערע „געטרייע לייט", האָט פּרימאָ דע ריווערא „געשלאָגן אין די

שאַנצן". פענער האָבן געווייעט אין דער איבלדיקער מאַנדלביימער־לופט. אַף דער „פּלאַזאַ דע זאָקאָדאָוועַר" האָבן טאָמאַשעווסקישע מילי־טער־יוניפאָרמס געמאַרשירט און געהויבן די קניעס — אַלע אין אַ לאַנגער סימעטרישער שורע. שיך — אַרויף, שיך אַראָפּ.

:: :: ::

וואָס איז די טייטש טאָלעדאָ? איך קען אַ קוק טון אין די אידישע ספּאָרימלעך און זען ... בלוט. איך קען אַ קוק טון אין גויעשע ספּאָרימלעך און זען — דאָס אייגענע.

ווייל איך דאָס פון זיקאָרן אַרויסשפּוקן, וואָרין וויפיל איז דער שיך דעם מענטשנס זיקאָרן פּאַר אַ לאַסט־אייזל צו מאַכן? ער דאַרף נאָך אַמאָל אויך טראָגן: טעלער מיט פּרוכטן, שיסעלעך מיט פּערל.

גיי אַהין, נאַדיר, וואו דער „טאַגוס" פליצט. אַרום דעם בעקן וואָס איז די שטאָט טאָלעדאָ. קוק דיר אָן געפּלעקטע פּיש אין וואַ־סער—. די קלאַסיש־מורישע אַרקעס. די שפּענדלדיקע באַלקאָנען, איבער קליינע היגלעס איז די שטאָט אויפגעשטעלט. פיל שטילקייטן ליגן דאָ איינס אַפ׳ם אַנדערע — פּלאַסטען שטילקייט. יעדער יאָר־אָפּשניט איז אַ נייע פּלאַסט, אַ נייע קאָרע.

די צייט שטייט דאָ ווי אַ הונגעריקע מויז און נאָגט. נאָגט מיט קליינע, זעגנדיקע ציינדלעך. דאָס איז מוזיק אין דער טאָלעדאָר נאַכט. עס בלאָסלען די לייכט־גרינע קאַלך־ווענט. די שווערע אייזן־צאַמען אַרום פּאַלאַצן און קירכן!

:: :: ::

על גרעקאָ׳ס כאַלוימעס זענען ווי אַ פייער וואָס לויפט איבער אַ טיש וואו מ׳האָט בראָמפן צעגאָסן. אָבער די קירכן זענען דאָ פּעסטע געשוואָלענע, נישט־גראַציעזע. די „ברידער" אין קעמל־האָריקע מאַנטלען און קאַפּ־שאַנעס זען־אויס ווי ברוינע וואַראַנעס. די שוועס־טער זענען פעט און פלוימענדיק, אביסל אומקרייטיק פון עלטער.

נאָר די אַלטאַרן זענען הויכע. די קלויסטער־טירן זענען אָפן: סטערינענע לעכט ברענען דאָרט אינעווייניג, בעאיים אין דרויסן איז אַ ליכטיקע לעוואָנע. (אי די לעוואָנע־שיין אי די לעכט־שיין פאַלט אַף אַ וואונדערלעכן רעטאַבלאָ פון „דעם גריך").

קומט מיר איינער אַנטקעגן מיט אַ צעשליסן העמד, מיט „שטילע טריט". אינגאַנצן קיין זוילן נישטאָ אַף זיינע שיך — די קאַמאַשן זענען צוגעפּעסטיקט צו די פיאַטעס מיט שטריקלעך. ער שלוקערצט פון קעלט, פון הונגער.

— סיניאָר, אין נאָמען פון אַלע געטלעכקייטן, שענקט עפּעס!

אַף זיין קוויטיקער דאַלאָניע טוט באַלד אַ פינקל אַ זילבערשטיקל. ער גלעט דאָס אַזוי ליב, ווי די נייע לעוואָנע גלעט די וועלט, און ער זאָגט אַף געפּרענזלטן שפּאַניש, ווי אַן אַקטיאָר:

— אָט דאָס בין איך סיניאָר, איך אַליין. ווער איך זאָל נישט זיין, אָבער דאָס איז דאָך — איך! און קיין ברויט איז נישטאָ. און פייגל זינגען, און פרויען זענען יונג, און ווין איז קאַלט און קיל. קוקט מיך אָן, סיניאָר, און דערציילט אַלעמען, אַז מ'האָט אַ לעבעדיקן מענטשן אַרויסגעוואָרפן פון דרויסן. איר באַגרייפט? נישט פון; אַ שטוב האָט מען מיך אַרויסגעוואָרפן — נאָר פון דעם פּאַרק, פון דעם דרויסן! דורך דריי מאַדרייגעס איז מיין לעבן דורכגעגאַנגען, האר מיינער: צומערשטן בין איך געוואָרן אַ היימלאָזער, דערנאָך בין איך געשלאָפן אַף טרעפּ, אין אַ קאָרידאָר, האָט מען מיך פון דאָרטן פאַרטריבן, בין איך געוואָרן קאָרידאָרלאָז; איצט, בין איך דרויסנלאָז. גייט מיט גאָט, מיין האר. גייט מיט גאָט אונדזער האר, מיין האר!

:: :: ::

מיין אידישער באַגלייטער רעדט אָבער אַלץ פון ליטעראַטור, פון מאָלעריי. וועגן גאָיאַ'ן זאָגט ער: ער האָט געמאָלן אַסאַך בעסער פון אַסאַך אַנדערע, וואָס האָבן געמאָלן אַסאַך בעסער פון אים.

און ענלעכע ווידערשפּעניגע רייד, וואָס בלישטשען און וואַרימען נישט.

מיר גייען אַריין עפּעס אין אַ טעאַטער. מיר זעען: מאַנסביל פאַרשטעלט פאַר פרויען. פאַרשמירטע פּיינעמער, פאַלשע בריסט. אַ בויכגאַרטל האַלט פעסט די ליניעס וואָס קענען פאַרראַטן.

ווי מיעס.

מיר שפּייען אויס לעבן אַ געל־שויביקן לאַמטערן.

מיר זענען איצט אין זייער אַ שמאָל געסל. אַף קליינע אייזעלעך רייט מען דאָ פאַרביי. די זאָטל־הענגערס מיט די שפּאָרן לאָזן איןביידע זייטן וועגט אַזוינע אויסגעריבענע רעלסן, גליך ווי דאָס וואָלט געווען אַ שפּאַנישע אייזל־באַן. אַז יענע קומען־אָן מוזן מיר פונם טראָ־טואַר אַראָפּ, זיך באַהאַלטן אין אַ געוועלבל, וואָס איז אין אַ קעלער.

שענקלעך. קעפּ פון כאַזיירים אַף שילדן, גרויסע גלעזער מיט ווין.

דאָ איז קיל. סאַף־זומערדיק. דורך גראַטעלעך אַזוינע דינע,

זיפּט זיך דורך אביסל מילכיקע לעוואַנע, באַפלעקט אַלדינג מיט ליב־שאַפט און סאַד, פאַרטרויט זיך צום בעסטן דער אויסגעריבענער שוועל, וואָס איז וואונדיק פון גוטסקייט.

און פּונקט ווי בונעם נאַראַיעווער האָט דערציילט, אַז ער איז אַמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן אויפגעשטאַנען: „ער גיט אַ קוק, ער איז אַ כאָסען", אַזוי האָבן מיר פּלוצים זיך געכאַפּט, אַז מיר רעדן ווידער וועגן „ליטעראַטור און לעבן".

איך: וואָס איז דאָס פאַר אַ קלאָגע אַף אונדז, וואָס אָנ־שטאָט צו לעבן דאָס פאַרשאָלטענע לעבן, זעצן מיר זיך אַוועק און מיר רעדן דערפון? שניידן זיך די בייכער אויף, זוכן דאָרטן דעם „סאָד"! טרענען זיך אויף די אייגענע אָדערן זוכן דאָרט די „מוזיק פון אונדזער צייט?"

...און מיט דעם אַלעמען זענען מיר דאָך אַזוי געמיין. ווען אַ גרויסער דערוואַקסענער מענטש זאָל זיך (באַ אייך אין אַמעריקע) אַוועקשטעלן און זיך באַרען מיט אַ יונג אינגל, וואָלטן אים אַלע פאַר־לאַכט, פאַרשפּיגן, אויסגעפּאַטשט. אָבער אַז מיר גאַנוועגען אַוועק באַ דער בין איר ביסל שפּייז — דאָס איז גאָרנישט. די קליינע בין זאַמלט און שפּאָרט אַף ווינטער. האָרעוועט אַזוי שווער אַף די קעסטעלעך האָניק, ליינט אַריין אַזויפיל אַרבעט, אַזויפיל שיינקייט. דערנאָך קומט דער מענטש, נאַרט באַ דער בין אויס איר ביסל עסן, באַשווינדלט און באַרויבט זי אינמיטן העלן טאָג!

...די „אינדיאַנישע ניסלעך" וואָס וואַקסן אין אַריזאָנאַ, ווי אַזוי מיינסטו קריגט מען זיי? רייסן פון דיביימלעך לוינט זיך נישט. די ניס זענען קליין, די קוסטעס שטעכדיק. וואָס־זשע טוט דער מענטש, וואָס וויל אָבער פאָרט עסן אינדיאַנישע ניסלעך? גאַנוועט ער באַ די מייז. יאָ־יאָ, באַ די מייז! אַ מויז אַרבעט שווער אַ גאַנצן זומער, קלייבט־אָן ניסלעך אַף ווינטער, באַהאַלט זיי אין אַ גרוב, דער־נאָך קומט דער מענטש. גאַנוועט־צו באַ דער מויז דאָס ביסל ניס, באַרויבט די אָרימע באַשעפעניש פון איר ברויט. ווער גיט וועגן דעם אַ פּיפּס? קיינער נישט!

אָדער אַפילע דאָס פעלד: ציירט זיך עס דען מיט קאָרנבלומען אָדער מיט קאָרנזאַנגען צוליב אונדז? ניין מיר רעדן-איין דעם פעלד (דורך מיסט, זאָמען און אַנדערע אינסינואַציעס), אַז קאָרנ־זאַנגען פּאַסן אים זייער שיין צום פּאָנים. דאָס נאַרישע פעלד מוט־שעט זיך, בליט, מאַכט זאַנגען. דערנאָך כאַפּן מיר די זאַנגען אַוועק פונם פעלד, לאָזן עס ליידיק, מיט אַ פּליך, אָפּגענאַרט, באַליידיקט!

...די ערד ווי דער מענטש.ביידע האָבן אַ שלעכטן זיקאָרן, וואָס ראַטעוועט פון מאָרעשכוירע. ווייוואַט!

:: :: ::

„פאַרכלינגע דיך" (זאָגט ער צו מיר) מיין ליבער מאַקס וואַקס, איבער דער יונגער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, שעפּ נאַכעס.

דו אַליין האָסט אַמאָל געזאָגט, אַז די ליטעראַרישע „אַסערעס האַדיברעס" זענען נישט געגעבן געוואָרן אַפן באַרג סיניי. נו אויב אַזוי, טראַכט דער היינטיקער „יונגער", אויב דער „אָנויכי" איז אויסגעטראַכט, מעג מען דאָך שוין האַרגענען מענטשן אויך. ניין, נישט מען מעג, נאָר ס'איז בעפיירעש אַ מיצווע צו זיין אַ מיצווע־ברע־כער! שטייט דען נישט אין דער טוירע וואָס איז פון נאַדיר'ן אָפּ־געלאַכט געוואָרן, אַז „לוי סירצעך?" און אויב משה נאַדיר זאָגט בעפיירעש, אַז ס'איז נישטאָ קיין „לוי טאַיסעי", איז אַ סימען, אַז ס'איז ניטאָ קיין „לוי סירצעך" אויך!

ס'איז גוט, כ'לעבן, וואָס די „גרינע יוגנט" קומט אָן אין די יונגע יאָרן, ווען מ'האָט קויאַך אַריבערטראָגן די שווערסטע צייט אינם מענטשנס לעבן, די טונקעלסטע—.

אין אונדזערע יאָרן, נאַדיר, גייען די יאָרן שוין אַסאַך פלינקער, שפּילעוודיקער. דער „ערנסט" איז נישט מער קיין מעדאַל אַפן האַרץ. אַלע מעדאַלן זענען אַ לאַסט אַפן האַרץ. מ'שלעפּט קוים ס'האַרץ אַליין!

(ווי ווייט עס איז אַמאָל געווען צו פּורים, צו אַ נייעם אָנצוג, צו אַ קוש פון אַ פרוי, צו אַ שקאַרמיץ מאַרעלן!)

אַ בלאַט פּייער אַף אַ שטאַנג — דאָס איז דער כאָלעם פונם לעבן.

אַ בלאַט לאָקשן אַפן טיש, איינגעוויקלט אין אַ ווייס טישטוך — דאָס איז דאָס לעבן אַליין.

פּעסימיזם ביטערט און קרעפּטיקט דאָס האַרץ. אָבער שפּאַניען האָט קיין פּעסימיזם נישט, נאָר אויוועך־באַטלדיקע זיסקייט.

אפילע קיין ליטישע קלאָלעס הערט מען דאָ נישט:

— „גאָטס הונט ביזטו!"

אָבער אין לעמבערג ווי זאָגט מען?

— גאָט זאָל העלפן ס'זאָל דיר אַכט יאָר דורכאַנאַנד נישט גיין קיין רויך אויסן קוימען!

— גאָט זאָל געבן, אַז דו זאָלסט האָבן אַלדינג וואָס דיין

הארץ גלוסט, נאָר זאָלסט זיין געליימט אַף אַלע אייוורים און נישט קענען רירן מיט דער צונג!

— איך צעפּעץ דיר דעם טרעלבעך מיט אַ מילעכיק מעסער!

:: :: ::

ס'איז שוין שפּעט (אַלעמאָל איז שפּעט, אָדער ווייט!) טאָלעדאָ שלאָפט דעם רואיקן שלאָף פון דעם אומגערעכטן.

דער „טאָגוס" פליִצט שטיל. קלויסטערס שלאָפן. על גרעקאָ'ס גראָטעסק־הייליקע גייען אַרום אין קויטיקער וועש און זעגנען שאָטנס אַף די לייכט־גרינגע ווענט פון טאָלעדאָ.

מיין באַגלייטער קוקט אַף דער שענק־שילד מיטן קאָפּ פון געבראָטענעם כאַזיר און ער דערמאָנט זיך:

באַ אים אין שטעטל איז געווען אַ גוי, האָט ער זיך מעיאַשעוו געווען ער וועט זיך מעגאַיער זיין. האָט דער ראָוו באַשטימט דעם ברים־טאָג: מיטוואָך.

געקומען מיטוואָך, איז מען געגאַנגען נעמען דעם „גער"־צעדעק אין שול אַריין צו דער אָפּעראַציע. איז מען דורכגעגאַנגען דעם מאַרק, האָט דער „גער" דערזען, אַז ס'איז דאָ צו פאַרקויפן אַ כאַזירל זייער ביליג — אַ מעציע פון אַ גאַנעוו. האָט ער אַ טאַפּ געטון די „סכוי־רע" הינטערן בויך, זיך אויסגעדרייט צום מויעל און געזאָגט: „איך'ל מיך מעגאַיער־זיין שפּעטער מיט עטלעכע טעג, ראַבין". און ער האָט גענומען ס'כאַזירל אונטערן אָרעם און איז אַהיימגעגאַנגען.

איך ווייס נישט אַנטקעגן וואָס מיין אידישער באַגלייטער דערציילט דאָס. און קעדיי מיך נאָך מער צו „פּערפּלעקסירן", דעקלאַמירט ער פון אַן ענגלישן בוך וואָס הייסט: די בריק פון סאַן לואיס רעי":

...און ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ פּלאַם און איז געשטאָרבן.

אָ, ווי גוט איז זיך אָנצעשפּאַרן אָן אַ פּלאַם און צו שטאַרבן אויב מיר מוזן.

נאָך אַ בריוו פון פּאַריז

...איך האָב פאַרבעטן עטלעכע געסט צו מיר אַהיים, אין מיין האָטעלכן, אַף דעם „געסל פונם גרינעם וועג", וואו די באַן גייט פאַרביי, איז אַן אָפענעם טונעל, באַוואַקסן מיט גראָז, באַהאַנגען מיט פייגל־נעסטן.

דאָס עלעקטרישע ליכט דאָ איז שיטער. הויך־אַרויפגעצויגן — שווער צו לייענען בא אַזאַ ליכט. פונדעסטוועגן לייענט מען. מ'קומט זיך צענויף באַנאַכט נאָך דער אַרבעט און מען לייענט צעביסלעך. מ'זופּט צעביסלעך וויין: ס'איז נישט געפערלעך דאָרטן מיט דער קונסט!

ווי דער ווינט זענען דאָ גרינג און פריש און פאַרגייענדיק — די זיבן קונסטן.

נישט קיין שטייענדיק וואַסערל אין דער הייליקער (און פאַר־שטינקענער) בוכט פון אומשטערבלעכקייט, נאָר אַ פריש, רירעוודיק שטראָמעלע, וואָס קומט פון די גרינע בערג אַרונטער.

טרינק אוים. פאַרוואַרף דעם באָקאַל הינטער דיר. צעברעך אים.

לייען-אוים, וואַרף אַרוים די בלעטער, פאַרגעס עס.

דאָס לעבן איז דאָך ביכערדיקער ווי דאָס וואָס דו קענסט מיר באַשרייבן.

די „הייליקייט פונם געדרוקטן וואָרט" איז דעם פאַריזער פרעמד: קען מיין כאַוועֵר, דער פראַנצויז. נישט פאַרשטיין פאַרוואָס אין די אַמאָליקע אידישע רומל־דרוקערייען אַז אַ האַנט־זעצער האָט געמאַכט אַ גרייז, אין אַ בלאַט וואו עס האָט זיך געפונען דער „שעם הויה"; האָט מען נישט געטאָרט פאַריכטן, אָדער צעוואַרפן די אויפגעזעצטע שורעס. נאָר מ'האָט געמוזט אַוועקשטעלן דעם גאַנצן פורם מיט בליי, ער זאָל זיך צעפאַלן פון זיך זעלבסט.

:: :: ::

אַף דר'ערד זיצן מיר אַלע זעקס. גיטאַנאַ רעדט אַף פינף שפּראַכן. אַף יעדער שפּראַך איז זי אַן אַנדערער מענטש. ווען זי רעדט פּויליש איז זי אַ פּאַליאַטשקע — אַזוי צאַרטיש, ליאַלקיש. אַף ענגליש איז זי: אַ שטייפע „סקול־מאַרם", אַף דייטש: אַ פּראַק־טישע ווירטין, אַף פראַנצויזיש: אַ לייכטזיניק מיידל. אָבער אַז זי

רעדט אידיש, איז זי — א פראקטישע, קלוגע אידישע טאכטער פון ווילנע.

פלאנזשאן זאגט: איך האב ליב מיידלעך מיט קליינע וואנ־טשעלעך; איך האב ליב צו קושן אינגלישע ווייכע האר אף מיידלשע ליפן, וואס שמעקן מיט טיטין־רויך, מיט ווײַן, מיט רייד, ווי ביטערע איילבירטן.

די זינגער פון פאמגראנאטן האב איך נישט ליב. אהער צו מיר, איר אלע זינגער פון ערד און ארבעט, און מיסט, און בעט, און טיש! אהער צו מיר, איר אלע, וואס איר ביטערט־אויס אייערע באלוימעס און סערווירט זיי אף הארבע בלעטער פון כריין!

טאעפיל (דער שיין־פארפרישטשעטער מיט די צעפלווישטע געלע האר) זאגט: עס זענען דא שרייבער, וואס פארשניצן זיך א פינגער און שרייבן — גרינגע זינגערלעך יענע! א פלינק פעדערל. ארויפ־געכאפט זיך. אפגעריטן ביז צום שענקל, ביז צום קלויסטערל, קריק־געקומען א פארשוויצטער און — אויסגעשטעלט דעם קאסטן צײַן קעגן דער זון.

און עס זענען דא שרייבער (זאגט טאעפיל) כאשעווע, שווערע, בערדיקע. זיי טונקען־איין די בארד אין טינט, גיבן א שרייב מיט דער באָרד אף פארמעט: א פלאקאט פאר די געטער!

און ס'זענען אויך דא שרייבער, וואס האבן קיין בערד נישט, קיין פלינק פעדערל נישט, נאר זיי האבן צוויי עלנבויגנס שפיציקע. טונקען זיי איין די עלנבויגנס אין טינט, מאכן זיך א וועג דורך דעם ווייסן, קינדערשן סייכל פון דער וועלט.

יאהאן, דער דייטש מיט די הערנערדיקע וואנטשעס, זאגט: אלע קינסטלער זענען מיר גאטליב שולצע! (אמאל פלעגט מען זאגן: „שנופע"). עמעטע קינסטלער, מאכט ער, זיצן נישט און שאפן מענטשעלעך פון טינט, ווען דער נאטירלעכער אויפן איז אסאך באקוועמער, ביליקער, מענטשלעכער. ווי זאגט דער דאקטאר פאוסטוס?

פון פאוסטן האלט ער פונדעסטוועגן, אונדזער דייטש. דאס, זאגט ער, איז נישט גלאט אזוי שרייבעריי. דאס איז פיראמידיש!

באם דריטן גלעזל שערבעט אבער, פויעלסטו בא אים, אז „פויסט" איז בלויז די מעכאניק פון טרויער. די שפינדלעך און שרייפלעך און צאפנס פון א וואונדערלעכן זייגער, וואס שלאגט אלע האלבע שא, און א פויגל קומט־ארויס און מאכט: „קוקו".

פלאנזשאן פארבעסערט: עס איז א פראכטיק זייגערל, פון ריינעם גאלד. נאר — אן ווייזערס! ליגסטו עס צו צום אויער, איז עס א טרייסט (אז דו ביזט אין דער מידבער!), אבער וויסן

דערפון, וויפל דער טאָג האַלט, קענסטו נישט, סיידן די זון איז אַפן הימל.

מיט דער זון פאַר אַן ארויסהעלפער, איז „פּאוסט״ א גאַנץ גוט זייגער־ווערק, אָבער אַן דער זון, אַך יודע־יאָזעף!

ער פאַרקרימט זיך, צענעמט די דרילכענע פּאַרהאַנגען. שפּייט אַרויס דורכן פענצטער — טרעפט אַקוראַט דעם קעצל, וואָס מיאוקעט אינדרויסן באַם שטילן טויער.

גיטאַנאַ דערהערט דאָס לירישע מיאוקען, ווערט זי א מאַמע צום פאַרלאָזענעם קעצל אינדרויסן באַם טויער, זוכט מילך, געפינט נישט. טראָגט זי אים אַרונטער א טעלערל מיט וויין.

וועט דאָס קעצל טרינקען ווי א מאַן, אָדער וועט עס וויינען נאָך מילך, און נאָך קינדערשע זאַכן, וואָס זענען שוין לאַנג אַרויס פון דער מאָדע?

אַף פאַריזער קעץ איז שווער צו זאָגן!

:: :: ::

אַז יאָהאַן האָט מיט 15 מינוט פריער ארויסגעלאָזט דאָס וואָרט „פּיראַמידיש״, האָט זיך איצט קולפּאַן (דער בעלגיער) דערמאָנט אַן — מומיעס.

וואָס קומט אַרויס, זאָגט ער, אַז א קיניג לאָזט זיך שוין גאָר גוט איינבאַלזאַמירן, אַז שפּעטער מיט 5 טויזנט יאָר קומט צוגיין א רייכער אַמעריקאַנער, קויפט אָפּ די מומיע, ברענגט זי צושלעפּן קיין אַמעריקע, ווייזט זי אין די צירקן, אין די טעאַטערס, פאַר 15 סענט א קוק?!

פלאַנזשאַן האָט דערווייל צוגעבונדן א שפּיגאַטל צום פּיסל פון קולפּאַנס בעכער' — ער זאָל אים נישט איינשלינגען אינאיינעם מיטן געטראַנק, אָבער ער גיט צו, אַז ס'איז טרויעריק, זייער טרויעריק. „נישט אַזוי״ זאָגט ער, „דאָס שטאַרבן, ווי דאָס נישט־קענען באַוואָרענען זיך קעגן אַמעריקאַנער״.

גיטאַנאַ איז שוין דאָ קריק. דאָס קעצל האָט זיך, ווייזט־אויס, אָנגעשיקערט און איר צעדראַפּעט א פּוס. זי זעצט זיך אַוועק אַפן דיל, טוט אויס דעם זאָק, לעקט זיך אַליין ס'בלוט, ווי א טיגערין מיט שיינע וואָנטשעלעך, שמייכלט, פּאָנפּעט אַף שיינעם פראַנצויזיש.

פלאַנזשאַן נעמט גיטאַנאַס פּראַכטיקן פוס אין דער האַנט אַריין, ווי א גיטאַרע, שפּילט קלאַמפּערשט און זינגט איר זיין אייגן ליד:

די וועלט וועט זיין אָן מיר,
איך וועל זיין אָן דער וועלט,
נאָר דערווייל פעלט מיר אוים אביסל געלט.

מיט גאָלדפאַרב פאַרב איך אָפּ ס'קופּער
פון מיין קופּערנער קוואָרט,
און איך שפּיגל־אָן אין דעם מיין וואָרט.

בלישטשעט עס ווי זאַהאָוו־טאָהער,
ווערט מיר זייער גוט און זייער וואויל,
כאָטש די גאָלדענע קוואָרט איז דורכאוים הויל...

פלאַנזשאַן זינגט גרינג און „פונם אַקסל אַוועק". אָבער דער אידישער דיכטער, אַלפרעד אָרגעל, נעמט עס ערנסט. ער זינגט אין „סלאָו־מאָושן", ענלעך צו דעם שאַרזשירטן פּאַוואָליע־טעמפּ, וואָס ווערט געוויזן אין קינאָ, ווען דאָס „שפּרינגענדיקע פערד" הויבט אויף אַ פוס אַזוי פּאַמעלעך, אַז ס'נעמט עפּשער 10 רעגעס, און דאָס אַראָפּפאַלן פונם רייטער געדויערט העכער אַ מינוט.

אויסגעצויגן באַ דער ערד. מיין ביין איז לאַנג און דאַר.
איך צי די קליי פון מיינע ביינער,
ראַנגל־אוים מיין פרייד מיט ברויט און שטיינער,
נאָר איך בין אַלץ פון גאָרנישט נישט דער האַר...

דערויף ענטפערט גיטאַנאַ (דאַווקע!) און פּאַטשלט איר שאָכן איבער דער האַנט, ער זאָל איר אָפּלאָזן דעם פוס, וואָס ער נוצט ווי אַ צעבלוטיקטע באַלאַלייקע:

מיינע טעג זענען גרינג ווי דער טויט,
מיינע טעג זענען קליין ווי דאָס לעבן.
אָפּן יאַם גייען גאָלדענע קרוינען
און איך גיי מיטן קאָפּ צום הימל.

איך גיי מיר אַביסל שפּאַצירן
אין אַ פאַרשאָלטענעם קוואַדראַט,
דער גאָרטן האָט טייטלען אַסאַך,
און איך האָב אַ האַרץ פול מיט ווייטיק.

א הינטל גייט נאָך באַ מיין זייט,
וואָס קען איך דעם הינטל דען געבן? —
אַבוץ א טאָג פון בלוט און מילך,
אַבוץ מיין מאָגער שטיקל לעבן!

אַף דער „גאַס פונם גרינעם וועג" איז היינט, ווי דו זעסט, א טאָג פון לידער!

:: :: ::

איך האָב אומיסנע אויסגעבויערט א לעכל אין אונדזער טיר, קעדיי איר זאָלט אַלע קענען הערן אונדזערע שמועסן וועגן ליטעראַטור.

פון יוניאָן־סקווער ביז צו אונדזער פאַריזער הינטערגעסל איז ווייט, ווּעסט מוזן שטאַרק צובויגן דאָס אויער.

יאָהאַן רעדט וועגן דעם, אַז נאָכדעם, ווי א ליד איז אָנגעשריבן און געענדיקט, דאַרף דער דיכטער גיין קריק צו דער ערשטער שורע, און אָנהויבן אַפּסניי. אַט־דאָס (זאָגט ער) רופט מען: פּאָלירן, שלייפן.

אַף דעם ענטפער ט פּלאַנזשאַן:

אויסבעסערן? א ליד (אויב ס'איז א ליד) איז דאָך ווי א לעבעדיקער אָטעם. קען מען אָטעמען אַף קריק דאָס אויסגעאָטעמטע?

. . . וואָס פאַרא ליגן דאָס איז!

פּונקט ווי דער ליגן פון מאַלער, וואָס ספּעציאַליזירן זיך אַף געוויסע זאַכן, שטאָפן, אַטמאָספערן: איינער קען בלויז מאָלן א טיש און נישט קיין בענקל. דער אַנדערער גייט נאָך ווייטער און מאָלט נאָר ווינער־בענקלעך. א בערלינער בענקל וועט ער אייך נישט אויפמאָלן, ווען איר דערהאַרגעט אים!

די צייט איז שוין נישט ווייט, ווען „קונסטווערק" וועלן געמאַכט ווערן לויטן אַמעריקאַנישן פּלאַן פון מאַסנפּראָדוקציע: איינער וועט „שטעפּן" די נאַטור, דער אַנדערער וועט פאַרסטריגעווען „סעקס", דער דריטער וועט פאַרפירן די בלאָנדע גראַפינע, דער פערטער וועט זי ברענגען צו שאַנד און צו שפּאָט (ס'קען זיין, אַז צו דעם לעצטן וועט מען דאַרפן האָבן צוויי מענטשן: איינער וועט זי ברענגען צו שאַנד, דער אַנדערער וועט זי פירן צו שפּאָט). דער פינפטער וועט איר איינגעבן סאַם, דער זעקסטער וועט זי „באַערדיקן".

יאָ־יאָ. אין הימל פּוצן שוין די מאַלאָכים די טרומייטן און וואַרטן אַפן אָנקומען פון דעם „גרויסן ספּעציאַליסט"!

:: :: ::

. . . שלייפן לידער? פּאָלירן נאָוועלן? הובלעווען סקיצן?

הער זיך איין דורך אונדזער טירלעבל (אין „ריע דע לא וואוא ווערט”), וואָס פלאָנזשאָן זאָגט:

. . . אוואדע דארף מען שלייפן. אָבער ווען? און ווער? שלייפן דארף יענער שרייבער, וואָס זיין „שאפן” האָט די קוואַליטעט פון צירונג־שטיינער — טויטע, קאַלטע, בלישטשענדיקע זאַכן. די דאַרף מען שלייפן ביז צום העכסטן פונקט פון פיינקייט.

. . . אָבער יענע, וואָס זייער שרייבן טראָגט דעם כאַראַקטער פון לעבעדיק פלייש, פון יענע קען מען נישט פאַרלאַנגען, אַז זיי זאָלן ס׳לעבעדיקע פלייש אַרויפלייגן אַף אַ „שלייפשטיין” און עס שאַרפן...

פון אַזאַ גאַטונג ליטעראַטור — ווי דאָסטאָיעווסקיס, אַ שטייגער — קען מען אפילע ניט פאַרלאַנגען, עס זאָל דופטן מיט צימרינג און מיט נעגעלעך. —

. . . דאַפאַר זעסטו טאַקע, אַז פון לאָרד בייראָנס געשליפענע לידער, איז בלוט אָפּגערונען. עמעס, זיי זענען געוואָרן בלאַסער, לירישער, אָבער אַנעמישער, קאַלטער.

אָפּילע אין היינעס „בוך דער לידער” טרעפט מען „געשליפענע” געזאַנגען, וואָס פאַרוואַרפן נעבעך מיט די קעפּלעך, און היינע שפּריצט אַף זיי וואַסער.

די פראַגע איז בעקלאַל: שיינע איידלשטיינער (אין דער ליטעראַטור), צי לעבעדיק בלוט־און־פלייש?

דער ענטפער איז: ביידע!

די „דימענטלעך” זאָל מען שלייפן — זיי וועלן דאַפון קריגן אַ העכערן ווערט אַף דעם בעלגישן דימענט־מאַרק. אָבער נעז זאָל מען לאָזן צורו. ווי „גאָט גיט” אַזוי מוז זיין. — —

:: :: ::

. . . גוטע שרייבער גיבן די ראַנדן פונעם לעבן; בעסערע — שניידן אַריין! אומעטום איז אַ ראַנד, אומעטום איז סאָף.

אַף יעדער רעגע איז דער פאַטאָס פון אַ שיף, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען אַף אַ וויספּע. —

צייט און מענטש!

דער מענטש פאַרמאָגט דאָך מער גאָרנישט ווי צייט, די צייט פאַרמאָגט מער נישט ווי דעם מענטש — און ביידע מוזן איינס פון ס׳אַנדערע פאַטער ווערן, קעדיי צו קענען לעבן.

ווי אַ בעטלער, וואָס האָט אַ פולע קעשענע מיט גאָלדענע אַר־

בעסלעך, נאָר אין קעשענע איז אַ לאָך און עס רינט אַרויס. ער שמייכלט און איז גליקלעך דאָפּון, וואָס זיין גאָלדן פּאַרמעג צערינט אַזוי גרינג, אַז ער מערקט עס אַפילו נישט. נאָר ווען ער זעט, אַז די גאָלדענע אַרבעסלעך אין קעשענע ווערן וואָס אַמאָל וויניקער, ווערט ער טרויעריק. —

דער לעצטער פּאַראַגראַף וועגן מענטש און צייט איז פון מיין פריינט פלאַנזשאַן. שטענדיק אין די לעצטע טעג פון יעדן כוידעש פאַלט אונדזער פלאַנזשאַן אַריין אין אַן אַטלעסענער מאַרעשכוירע, ציטירט זיינע אייגענע פילאָזאָפישע מאַמאָרים, און טראַכט זייער ערנסט פון אַרויסגעבן זיי אין אַ ביכל. נאָר וואו קריגט מען אַ פאַרלעגער?

:: :: ::

. . . שרייב וואָס איז דאָרטן בא אייך אין דעם וויסטן ניו־יאָרק! איך הער, אַז דו שלאָגסט זיך מיט דער גאַנצער וועלט? אַ נאַרישקייט! צו וואָס מאַקריוו זיין דיין אייגן „ריין פּאַרטיכל" אָפּן מיזבייעך פון „ליטעראַרישער היגיענע"? ווער וועט דיר אַ דאַנק געבן? איבער הונדערט יאָר דיר אַ גאָלדענע מאַצייווע שטעלן?

. . . און דאָס, וואָס דו שרייבסט מיר, אַז דורך די זומער־כאַדאָשים וועסטו זיך אַביסל אָפּרוען פון דיין ליטעראַרישער „פּאָלי־וואַניע", דערמאָנט מיך אָן אַ געוויסן לעמבערגער אַקטיאָר, וואָס האָט באַדאַרפט שפּילן אַ מענטשן אָן הענט, און אַז עס איז געקומען צו דעם פּאַסעק, וואו ער האָט באַדאַרפט זאָגן „זיי האָבן מיר ביידע הענט אָפּגעהאַקט, די מאַמזיירים!", האָט ער — דורכן מאַנטל, וואָס איז געהאַנגען אויף זיינע אַקסלען — צענומען ביידע הענט און גע־זאָגט מיט אַ ברייטן זשעסט: „אַט־די־אָ ביידע הענט האָבן זיי מיר אָפּגעהאַקט, די מאַמזיירים, אַ פינצטער יאָר אויף זיי!"

(דעם „אַ פינצטער יאָר אויף זיי!" איז נישט געווען אין טעקסט. דאָס האָט ער שוין אַליין צוגעלייגט!).

אויך דו, נאַדיר, וועסט אָן הענט נישט קענען אויסדריקן די נישט־באַקוועמקייט פון אַליין בינדן זיך די הענט — כאָטש אויף אַ האַלבער שאָ.

דער ניקעלנער וועקזייגער האָט ערשט געגעבן דריי האַמערנע קלינג.

פלאַנזשאַן שלאָפט שוין מיט גיטאַנאַס פיס אין זיין האַנט, ווי אַ צעבלוטיקטע גיטאַרע.

אויך דאָס קעצל שלאָפט אָן איבערגעקערטס.

פּאַריז, יולי, 1928.

פון א ניו־יאָרקער בריוו צו מאַקס וואקס

איך האַלט מיין געליבטע אַף דער שוים און — בענק נאָך איר.
פאַרשטייסטו דאָס?

איך באַוואונדער ניו־יאָרק, האָב ליב פּאַריז, גרייט מיך קיין מאָסקווע און בענק נאָך — ווין.

אין מיינע כאַלוימעס גייען ווינער פיאַקערס, מיט געשליפענע לאַמטערנעס, אין מעש איינגעפאַסט. איבער די גאַסן איז שטרוי און רויך און דער כיין פון א צייט, וואָס האָט צייט.

דער זייגער־אומרו פּאַרטאַיעט זיך — אין דער קרום — ווייל דעם קריק־שוואונג נישט מאַכן. ער האָט זיך פאַרטראַכט איבער דער פאַרגאַנגלעכקייט פון רעיגעס.

צו וואָס איילן זיך?

ווין איז: ווינער שניצל און ווינער שניצלער, און שוּבערט און וואַלצער, און שפּאַציר־גערטנער, און — פּראַטער!

ניין, נישט קוני איילאַנד. קוני איילאַנד איז א געפאַרבט ווייב, וואָס איז זויער פון זנוס; „וואורשטל־פּראַטער" איז א „זיס מיידל", וואָס זינדיקט און פרייט זיך, זינדיקט און ציילעמט זיך, זינדיקט מיט אַזינע פרומע „דאַנוי־בלויע" אויגן!

דעמאָלט איז דער גרינגער פורעם־קיניג „קונסט" נאָך געזעסן אַף זיין פּאַפּירענעם „קיסיי מאַלכוס", געהאַלטן א פלעשל טינט אין איין האַנט און דעם וועלט־רונד אין דער אַנדערער. אַפן קאָפּ האָט ער געהאַלטן א קויש מיט טיראָלער ווייַנטרויבן, די ענגלעך טרויבן האָבן אים די אויגן פאַרשטעלט, און מויל אַריינגעקראָכן — האָט ער „אויוועך־באָטלדיק געקייט ווייַן" און גערערט טאַנצלידער.

דעמאָלט איז געווען ווין. דאָס יאָר איז געווען 1905.

מיין גרויע, צעפּליקטע פּעלערינע איז געהאַנגען אַף מיר ווי א צעריסענער ווינט. דאָס האַרץ איז אויך געווען גרינג, כאָטש מיט א דעקאָראַטיוון רים אין סאַמע מיטן, וואו די ליבע וואוינט. איך בין דעמאָלט אַלט געווען 20 יאָר.

ווען איך'ל האַלטן באַם שרייבן מעמואַרן, וועל איך זאָגן, אַז פאַר מיר איז דאָס דעמאָלטדיקע יאָר געווען לויטער איד, לויטער „אָן א סאָפעק", לויטער „וואָס כ'האָב געוואָלט האָב איך אויסגעפירט", לויטער בלאָנדע קעלנערינס, בלאָנד ביר, בלאָנדע זומערס, בלאָנדע פּעלדער . . .

וואָס פלעג איך דעמאָלט זאָגן צו מיר אַליין? איך פלעג זאָגן צו מיר אַליין: „יצחק רייז, יצחק רייז, די וועלט דרייט זיך און איז טעאַטראַליש־גרינג, אָבער ווי איז דאָס לעבן פון דעם וואַסערטרעגער, דעם האָלצהעקער, דעם קוימענקערער, דעם שערענשלייפער?"

מער פון אַלצדינג פלעגט מיך טאַקע ציען צום שערענשלייפער, דעם פונקען־מאַכער, וואָס מאַכט פייער מיט געזאַנג און עפּעס ווערט דערפון שאַרפער!

אין אַזוינע מינוטן פלעג איך טראַכטען: דאָס אויער פון דער וועלט איז פאַרלייגט מיט וואַקס. דעם האָניק האָבן פּריצימלעך אויסגעלעקט. מיט דעם אויסגעשפּיגענעם וואַקס האָבן זיי דער וועלטס אויער פאַרשטאָפּט, עס זאָל נישט הערן דאָס ביטערע קאָל פון דער אָרימקייט. אָבער איך, יצחק רייז, האָב איך דעמאָלט גע־טראַכט אַף אַ שיינעם ווינערישן דייטש, איך וועל זיך נישט מיסן און וועל דאָס וואַקס פון דעם וועלט־אויער אַרויסציִען, אין אויער אַריינשרייען דורך אַ מעשן טרומייטערל און ווען מיין קול נישט העלפן, וועל איך דעם גאַנצן טרומייטער אין אויער אַריינשטופּן.

דאָס איז געווען אין קייזערלעכן ווין, אין יאָר 1905.

היינט איז קוני איילאַנד, יוני 1928. און דו ביזט ווייט פון מיר, מאַקס, און ווין איז אונטערגעגאַנגען, און אין מיר איז אַ רויטע זון אויפגעגאַנגען, — אַ זון, וואָס איז אַזוי פיניקלעך־ליכטיק, גיט קיין רו נישט, דערלאָזט קיין שלאָף נישט.

רו איך מיך אַמאָל אָפּ אויף „שטילן שרייבן" (האָב עס פון דיר געגנאַשט, מאַקס!), אַף טריוויאַ. —

שטאָפּ איך איצט אָן מיין ליולקע מיטן דוימען פונם גראָבן פינגער, וואָס איז ברוין פון טאַבעק־שטאָפּן. איך פאַררויכער, און מיין טראַכטן איז אָפּן שמעקעדיקן רויך פון מיין ליולקע.

פאַלט מיר איין: פאַרוואָס נישט געבען אַ „באַשרייבונג" פון מיין רייזע פון... קוני איילאַנד קיין ניו־יאָרק? איז דען קוני־איילאַנד נישט פונקט אַזוי ווייט, ווי טיבעט אָדער סינגאַפּאָר, ווען מ'קוקט דאַרויף פון... טיבעט אָדער סינגאַפּאָר?

:: :: ::

די בלעטער שרייבן:

„נעכטן 88 אין שאָטן — ניו־יאָרק. 92 — פילאַדעלפיע."

היינט איז נאָך הייסער.

באַ פערד (זאָגט מען), וואָס גייען איבערן אַספאַלט, רינען אַראָפּ די פידקאָוועס פון די פיס.

ס'איז אַ וועטער, ווי טאַקע אַמאָל „אין די גוטע, אַלטע זומערס", ווען ניו־יאָרק האָט זיך אַוועקגעזעצט און אָפּגעשוויצט אַ יולי־אַווגוסט — אָן באַכמעס...

קוני־אײַלאַנד צעשרײַט זײַן שווערן אומעט אויף מיליאָנען גע־לעכטערס, הויכע, ווילדע.

בראָטוואורשטלעך זינגען אויף צעגליטע פאַנען, צוויבל־פלייש לאָזט הערן זײַן קאָל איבערן „אינזל פון פרייד" (אַך, פרייד! אַך, גראָשנדיקע פרייד פון קינדער מיט פאַרביקע גומי־באַלונען אין די הענט און פּאַפּירענע בלאָז־ווײַשעטלעך צווישן די ליפּן!).

דער סי־געיטער גוויר האָט געלאָזט צעקאַמען בײַ זײַן „גרינעם" זײַדן די ווײַסע, שיינע באָרד, האָט אים אַרויסגעזעצט פאָרנט פאַר זײַן טיר, אין גראָז־גערטנדל, אַלע זאָלן זען וואָס־פאַרא שיינער זײַדע זײַן זײַדע איז. —

אָט זעט: די שוואַרצע דינסט טראָגט אים ווײַסע מילך אין אַ גלאָז, די ווײַסע מילך דערנענטערט זיך צו דער ווײַסער באָרד, ווערט ערגעץ פאַרפאַלן.

דאָס נעגער־מיידל ווישט־אָפּ דעם גווירס זײַדן די ליפּן מיט אַ סערוועטל, מאַכט אים צורעכט די זײַדענע יאַרמיקע אויפן קאָפּ. דער זײַדע קייעט אַביסל זון און שמייכלט צו אַ פייגעלע, וואָס היפּט אַרום לעבן זײַנע נעגלאַנצטע היימישע שיך, מיט גומקעס און מיט אַרויסגעהאַנגענע אויערלעך—.

עס איז 2:45 באַטאָג. איך לאָז מיך צו דער סי־געיטער שיף, וואָס ברענגט דיך אין אַ שעה קיין בעטערי־פּאַרק, ניו־יאָרק.

דאָס שיפל איז קליין, נאָר אויסגעפּוצט, מיט אַן אונטערשטן און אייבערשטן דעק. געוואַנטענע בענקלעך. „בייגל" אויף צו ראַ־טעווען איינעם וואָס טרענקט זיך. נויט־שיפלעך. שווים־גאַרטלען—.

איך גיי־אַרויף אויפן אייבערשטן דעק. גיב מיך איבער צו דער זון, טו־אָן די פאַרביקע ברילן. נעם לייענען אַ צייטונג—:

אַמונדסען האָט זיך נאָך נישט געפונען.

„קראָסין" ראַטעוועט נאָבילע־גרופּע.

די פרוי פון פּרעזידענט־קאַנדידאַט, סמיט, טראָגט אַ בלאָען הוט מיט אַ פיאַלעטענעם באַנד.

אַ מאַן וואַרפט זיך אונטער די רעלסן פון טראַם.

קייעט ריגבי'ס קיי־גומי און „פאַרהיט אייער געזונט!"

איך וואַרף־אַוועק די צייטונג. אַ שטאַרק־פאַרנומענע פאַליע כאַפּט זי אויף, קערט זי איבער אויף דער לינקער זײַט, גיט אַביסל

א לייען די גרויסע רעקלאַמע וועגן „ריגבי'ס קיי־גומי", גיט א שפּיי־אויס און קאַטשעט זיך ווייטער...

א גאַטס גאַנעוול, מיט אַן אַטלעסענער בעקעשע און מיט פּייעס, ווי שטומפּיקע קאָרקנציערס. פּאַרט אויך אין „שטאַט אַריין". זיין ברייטע באָרד איז רויט־גרוי, ווי פּראָסט אַף זשאַווער. ער מאַכט מיטן מויל, ווי ער וואָלט געדאַוונט, און די סאַמעטענע קעלבערנע אויגן זענען בא אים פול מיט —

אונזער שיף האַלט זיך האַרט לעבן די ברוקלינער ברעגעס.

די וואַסער־ווענט זענען דאָ אויסגעלייגט פון שטיינער, אַרומגע־טעסעט, אויסגעגלייכט, באַרואיקט.

געציכטיקע וואַסער־הינט לעקן די ברעגעס, לעקן ס'גראָז צווישן די שטיינער...

— וואָס איז אַזוינס די קאָמוניסטישע אידייע? פרעגט איינער לעבן מיר און ציט דורך אַ שטרוי געצוקערט רויזנקאָלירט וואַסער פון אַ פלעשל.

א יאַכט־שיפל גייט פאַרביי. ס'לויפט איבערן וואַסער ווי אַ הירש איבער דער טרוקעניש. שטייט אַ יונגערמאַן אין אַ מונדיר פון אַן עמעסן קאַפּיטאַן און — געניצט מיט יונגע ציין.

דאָס יאַכט־שיפל האָט, אַכוץ אַ מאָדערנעם מאָטאָר, אויך אַלטמאָדישע זעגלען. די זעגלען זענען, דאַכט זיך מיר, בלויז צוליב אָנשטעל.

עס איז ווי איינער וואָלט געטראָגן שלייקעס מיט אַ פּאַסיק: דעם פּאַסיק — ער זאָל צוהאַלטן די הויזן, די שלייקעס — פאַר שיינקייט.

... אַ שפּיטאַל־שיף.

קינדער מאַכן אַן אַ טומל, פּאַכען מיט דינע הענטלעך, מיט שמוציקע נאָז־טיכלעך, רייסן זיך איבער די פּאַרענטשעס: הוראַ! הוראַ!

דאָס האָט זיך „ס'גאָלדענע האַרץ פון ניו־יאָרק" מעראַכעם געוועזן אַף די קראַנקע און אָרימע קינדער — גיט מען זיי צוויי שאָ פרישע יאַם־לופט, צערייצט מען די קליינע אַפּעטיטלעך און מ'שיקט זיי קריק הונגעריקע אין די פאַרוואָרלאָזטע גאַסן פון דער איסט־סאַיד...

:: :: ::

אונזער שיפל פאָרט פאַרביי גרינע אינזלען — מיט אָפּגעשוירענע גראָז־פּלאַכן, ווי קרימינאַלניקעס מיט אָפּגעשוירענע קעפּ.

דאָ איז „דער אַרסענאַל־אינזל".

אַרום דעם קײלעכדיקן אַרסענאַל איז אַ רונדע גראָז־ליניע, פֿאַרענדיקט מיט אַ ווײסן פּאַס פֿון קאַלכשטײנדלעך.

פֿון די אַרסענאַל־לעכער קוקט אונז אַקעגן דער גאַסטפֿרײנטלעכער טויט — דורך אַזוינע מעשענע שפּאַקטיוון.

שיפֿן גײען, אײלן זיך, שלעפֿן לאַסט, שלעפֿן לײדיקגײערס, שלעפֿן באַנען (אַ ריז טראָגט אַ ריז אױף די פּלײצעס!), שלעפֿן מיסט, שלעפֿן פּרוכט, שלעפֿן קעלבלעך.

קלײנע שלעפּ־שיפֿלעך, אויסגעפּוצט אין יאַנטעפֿדיקע אַרבעטקלײדער, שלעפֿן נאַרישע, פֿלאַכע מולטערס, וואָס זענען צען מאָל אַזוי שווער, ווי זי אַלײן, נאָר האָבן קײן אײגענעם ריר־מאָטיף נישט.

אַ פֿערי־שיף מיט גרויסע רעדער אױף בײדע זײטן, בוזשעט דאָס וואַסער, ווײל אויסשלאָגן פֿון יאַם — פּוטער...

אַלע קלײנע שיפֿלעך האָבן בערנפֿעלן פֿון פֿאַרנט, אַלע היטן זיך די נעז, סאַקאַנעס־נעפּאַשעס! — ווי די באַדנדיקע מײדלעך אױפֿן הײסן יאַם־באָרטן, וואָס קלעפּן זיך צו שטיקלעך ציגאַר־פּאַפּיר אױף די נעז — זײ צו שיצן פֿון דער זון.

ווידער אינזלעך גרינע, געשוירענע בײמלעך.

זעלנערישע באַראַקן, לײדיקע אין דער מילכאָמע־צײט געבויט. איצט פֿאַרלאָזן, פֿאַרלאָשן.

בלויז עטלעכע זעלנער דרײען זיך אַרום.

אױף אַ שטריק הענגען אַ פּאָר לאַנגע און נאַרישע מענער־גאַטיעס, פֿאַרפֿירן אַ פֿלירט מיט אַ מאַלינע־פֿאַרביק אונטערקלײדל.

פֿערד — שטײען אַלע מיט די פֿײנימער צו די ווענט, פּאָכן אונדז צו אַ „זײ־געזונט" מיט די עקן און קוקן זיך נישט אום—.

קלײנע אינגלעך נעצן זיך באַם ברעג, נישט ווײט פֿון די פֿאַרזשאַווערטע בלעך־באַראַקן. זײער נאַקעטקײט רופֿט־אַרויס דאָס בינאָקל באַ אַן עלטערער פֿרוי אין שוואַרצן—.

שיפֿן, שיפֿן, שיפֿלעך.

יעדעס שיפֿל מיט אַ מעשן אָדלערל פֿון פֿאָרנט, לעבן קאַפּיטאַנס פֿענצטער.

קוקט אַהין, זײט אַזוי גוט, אױף רעכטס: טראַנסאַטלאַנטישע „שפּיר־הינט" מיט ווענטילאַטאָרס, וואָס זענען רויטגעפֿאַרבט פֿון אינווײניק — בלוט־פֿרישע העלדזער פֿון כאַיעס, וואָס דאַנקען גאָט, וואָס זײ זענען פֿון זײערע אײגענע קעפּ פּאָטער געוואָרן!

פֿון אַ „שלעפּערס" קומען ציען זיך צווײערלײ רויכן: בלײ־

שווארצער און שוועבל־געלער —ביידע ווילן נישט וויסן איינס פון ס׳אנדערע, גייען זיך יעדער זיין וועג, ווי צעקריגטע ברידער —.

שוים, שוים, גרינער שוים, וואס די שיפן לאזן נאך זיך אין יאם—.

דאס איז א נערוועזער „אדיע״ פון א „סענטימענטאל שיפל״ צו דעם הארעפאשנעם יאם . . .

דער יאם ענטפערט־אפ מיט א שטיקל געוויש. א וואָרטשע אונטער דער נאז: „גו, פאר דיר געזונטערהייט, ווי דו הייסט דארטן!״ און זיין קינדערישגעמיט איז אין־א־מינוט־ארום פאר־היילט.

ער שפילט זיך שוין מיט א שפענדל אדער מיט א ליידיק הערינג־פעסל.

ניו־יארק קומט אונדז אנטקעגן. גייט אף אונדז!

עם דערנענטערן זיך די „פירס״ — טונקעלע, טרוקענע מיילער פון ריזן מיט די דאשיקעס צום יאם.

פונם דינעם קוימנרויך אף אונדזער שיפל — וואס מ׳קען אים מיטן אויג נישט זען, לויפן שאטן־האזלעך אפן דעק.

זון שפילט זיך מיט קאלכשטיינדלעך בא די ברעגעס.

דינע, לאנגע ביימלעך קוקן־אריבער איבער פארזשאווערטע דע־כער פון פארלאזטע באראקן—.

דעם אויג קומט אנטקעגן א מישפאכע הימל־קראצערס: קאלטע אויג־מעלעך־האבאשנס, מיט אסאך, נישט־נייגעריגע, פארלאשענע אויגן, וואס — ווי די סאוועס — זעען זיי בלויז ביינאכט.

א „יאם־גלעקל פאר זיך אליין״ כאפט זיך פלוצים אויף. גיט א צעשיט א דריי געצייילטע קלינגלעך און — בארואיקט זיך: גיל־גיל־גיל.

:: :: ::

ניו־יארק. בעטערי פארק.

א שווערע קייט קלינגט.

קויטיגע, קנאכיקע הענט כאפן די צוגעווארפענע שטריק פון אונ־דזער שיפל, בינדן זיי ארום, אין א נומער „8״, ארום אן אייזערנעם שמבאס . . .

דער קוילנווארפער פון אונדזער שיפל קריכט ארוים פון זיין קעלער. ער שמייכלט נעקאמעדיק, גרינצט מיט ווייסע ציין.

ס׳שיפל געאנקערט, טוט זיך אפ פון דיר דער מעסיקער צייט־ריטם.

ניו־יאָרקס מעשוגענער טעמפּ נעמט דיך אונטער די אָרעמס, לויפט מיט דיר, כאָטש דו האָסט צייט צו גיין פּאַוואָליע.

דו ווייסט, מאַקס, ניו־יאָרק האָט נייע „על־באַנען". ניין, נישט קיין נייע, נאָר ניי־אָפּגעפאַרבטע — אָנשטאָט קוויטיג־ברוין, זענען זיי רויט, ווי אַ מאַראַנץ!

און וואָלסטו געגלויבט, מאַקס? די אָראַנזש־רויטע „עלס" גייען אַסאַך שנעלער, ווי די אַנדערע, די טונקעלע — גייען שנעלער און זענען זיכערער.

די פריילעכקייט פון דער העלער פאַרב אַליין טרייבט צו שנעל־קייט—.

טשאַטהאַם סקווער. באָוערי. קאַנאַל.

די ביליקע האָטעלן זענען היינט לוידיק. די „באָמס" זיצן אויף פּאַרק־בענק, שלאָפן — די פּענימער צוגעדעקט מיט צייטונגען.

אַ שטיקל טרייסט איז: דער גוף איז גרינג, נישט אָנגעשטייפט מיט קראָכמאַלעטער וועש, דער קאָלנער איז ברודיק און אָפן, הינטער די אָרעמס שוויצן די האָר פריי—.

אָרימקייט אונטער דער זון איז נישט האַלב אַזוי מיעס, ווי אָרימקייט אין דער פינצטער...

„זע אונדזער אָרימקייט, ליבע זון! און טו, וואָס דו פאַר־שטייסט!"

(סאָף פון „בריוו פון מאַקס וואַקס")

די „פֿאָרווערטס"-געביידע.

א וואונד איז זי און 10 שטאָק די הויך!
וואָס טוט מען מיט איר?
וואָס טוט מען מיט איר?

אויפגעיאַטערט. צומערשט אַ פּינטעלע פון פּוילעניש —
אַ שפּילקעקעפּל — אַף דער ווייסער ליליע פּאַציפיזם.
אַ ווערימל אין פּאַקל פון דער בלוטרויז.
דערנאָך גרעסער, גרעסער, ביז בלאָטער, ביז געשווירן בראַנדיקע.
ביז פרעסנדיקער קאַנסער אַף דער צונג...

גייסט פּאַרביי אַף איסטבראָדוויי. זעסט פּיראַמיד פון ברודער-מאָרד. דעם הויכן פּאַראַט פון די, וואָס זענען אַט־ערשט נעכטן געווען אָרענטלעכע העמדלמאַכערס, קאַפּנמאַכערס, סטענדקיפּערס, סטודענטן וואָס כאַפּן שטייענדיק אַף 1 פוס די שטיקער וואַרעם פלייש וואָס זיי רייסן לעבעדיקערהייט פון דעם עלפאַנט וויסנשאַפט.

אַף העסטער סטריט, דיוויזשען, פּאַיק, קאַנעל, ביז גאָערק סטריט
ביז דער בויערי, ביז העט־העט אַף ווענסט בראָדוויי, ביז מוירסער סטריט
אין די אַלטע דאַקס און פּאַרקס און דענסינגהאָלס
אין בירסאַלונס אין לעקטשורהאָלס און דראַמאַטיק קלובס —
זעסטו די עמיגראַציע־כאַלוימעס אַרומשפּענסטערן:
הויכע פּאַליסאַדן פון הומאַניזם
וואָס האָבן געבוירן אַ מויז. . . .

דער מאָנומענט צו דער־אָ מויז
וואָס טראָגט די געלבע פּעסטע אַף אירע טענצלדיקע פיסלעך
ציענדיק פון שטראַל־גאַרן קנייטלעך פּאַר אַ רעביצינס נשאָמע...
פּאַר פּאַקל־פעדים צו פירן ביטער־געעפּנטע אויגן פון פּראָלעטאַריאַט
צו די זיסע ברונעמער פון פינצטערניש
(וואו עמערס שטויסן מיט די הילצערנע קעפּ די בריסט פון קוואַל)
אָט צו דער־אָ מויז, זיגזאַגנדיק מיט עקעל
איבער אַלע גלאַטן און פלאַכן

און קעלערס און ווינקעלעך
וואו עס ווינקט אַן אויג פון קעז, אַ האַרץ פון אַ ברויט
אַט צו דער שוואַנגערער מויז, געבוירן פונעם פעלדז
פון אַרבעטערגלויבן, נאַאיוויטעט, צוטרוי —
שטייט אַ גוילעמדיקער מאָנומענט פון שטיין, באַשפּרענקלט
דורכאויס מיטן בלוט פון הונגער, מיטן מאַרך פון נויט.
שטייט די טריפנדיקע וואונד 10 שטאָק די הויך
אָטעמדיק מיט עפּידעמיע פון הענצעס אָפן סאָוויעטנפאַרבאַנד,
אָפּגעבנדיק פון זיך די ווילדע בראַנדיקייט
פון אַן אָנגעווילדעט שטיק פלייש, וואָס איז אָפּגעריסן
פונעם קערפּער, —
פון אַן אָפּגעזעגטן פוס, פון וועלכן דאָס איבריקע
איז אין פאַרצווייפלונג אַנטלאָפן
אַף צו ראַטעווען זיך פון אַ לעבעדיקן טויט, —
אַנטלאָפן אונטער אַן אַנדערער פאָן אַרונטער
וואָס ניט פון זשאַווער איז זי רויט
נאָר פון שראַמען מיט אונזער בלוט און געשריי.

די קוקסט אַף די פענצטער־רעמען אומעטום וואו
אַ וואַנטשע־קאָפּ שטעקט זיך אַרויס, איז דאָס
ווי אַ גיפטיקער וואַזאָן, אין אַ גראָטעסקן טאָפּ.
דער פאַסאַד באַפאַרבט מיט פעטער זון, ווי אָקרע־פאַרב מיט אויל
לאָזנדיק פלאַמעס אַף די ווענט, געלשמוציקע

און אויפן שטערן פון דער הענדלערקע מיט שונד און פאַרראַט
פינטלען עלעקטרישע פערל גראָבע:
„פאָרווערטס! פאָרווערטס!”
אָה, דער שטיינערנער ביוזעק, עלעקטריש אָפּגעגילט
אַף וועלכער מ׳וואָלט זיך געקענט דעם קאָפּ צעשמעטערן פון ווייטיק,
(באַם געדאַנק אַז מען דאַרף אָפן אייגענעם לייב
די קייטן בייסן! — און די קייטן זענען אַזוי קורץ...
און די קייטן זענען אַזוי ביטער. — ווייל פונעם אייזן וואָס
אין אונזער אייגן בלוט זענען זיי אַרויסגענאַרט!).

אַ וואונד 10 שטאָק די הויך און זי טריקנט ניט!
און זי פאַרמאַכט זיך ניט!
שוין איר גערוך אַליין איז סאַם און איבל און טויט...

א בראַנדיקער האַרבּ אַ דורכגעפּוילטער — 10 שטאָק די הויך.
אַ היסטאָרישער בּראָק מיט גאַל אַף די אייגענע הענט
וואָס טראָגן דעם פאַקל, וואָס האָט אַמאָל געברענט
אין די פאַטערלעכע אויגן פון יודזשין וו. דעבּס.
מיט אונזער שוויים־געווייקטע סענטן
מיט אונזער אייפער, ליבשאַפט און אַקשאָנעס
האָבן מיר דיך אויפגעבויעט —
פאַר אַ שטיינערנער פעסטונג קעגן סוינע, און איצט
וועלן מיר מיטן זעלבן אייפער, מיטן זעלבן אַקשאָנעס
דיך אומוואַלגערן, צעטרעטן, מיטן שטויב צעמישן
דו פעסטונג פון אַרבעטער־פאַרראַט,
דו אומגליק וואָס דו ביזט פון אונזער אייגענער דיך געבוירן...

בריוולעך און ענטפערס

א יונגער שרייבער שרייבט מיר:

אַלע זאָגן (מאכט ער) אַז מ׳ דאַרף שרייבן אַזוי ווי מ׳ רעדט. פונדעסן אָט האָב איך סטענאָגראַפיש איבערגעשריבן אַ שמועס צווישן מיינע העלדן און עס איבערגעגעבן אין אַן עסקיז, האָט איר, ח׳ נאַדיר געזאָגט, אַז ס׳ טויג נישט. וואו איז דער עמעס?

דער עמעס, מיין ליבער יונגער שרייבער, איז אַז מען דאַרף טאַקע שרייבן ווי מ׳ רעדט, נאָר מיט אַ קליינעם אָבער. „און צוואַר", ווי לייזער־עליע זאָגט, מ׳ דאַרף שרייבן אַזוי ווי עס רעדט איינער וואָס קען זייער גוט שרייבן.

צו שרייבן אָבער אַזוי, ווי עס רעדן מענטשן וואָס קענען נישט רעדן... איז זיכער קיין מאַילע נישט!

:: :: ::

דערהאַלטן אַ בריוול פון אַ רעדאַקטאָר (ער רופט זיך „רעדאַקטעיר"; בעט ער מיך איך זאָל אים עפּעס צושיקן אַ „זאַכעלע", קיין סאַך צאָלן קען ער נישט, ח"ו, אָבער ער בעט מיך זייער, אַז אויב איך וועל אים עפּעס צושיקן פאַר זיין יאָנטעף־נומער „אין וועלכן נומער", שרייבט ער, „איך זאָל אייך נישט דרוקן, וועט ער זיין אַ יאָנטעפדיקער!" זאָל איך עס אים צושיקן אינאיינעם מיט מיין . . . „פּיקטשע").

מיילע, וואָס איך האָב יענעם „רעדאַקטעיר" געענטפערט איז נישט וויכטיק. איך וויל נאָר וואָרענען די יונגע און אומשולדיקע טאַלאַנטן, וואָס די ליטעראַרישע לײדנשאַפטן ברענען בא זיי סאַקאָנעס־נעפּאַשעס, — זיי זאָלן זיך נישט לאָזן פאַנגען אין דער נעץ פון . . . פּיקטשעס.

זינט איך געדענק מיך פאַר אַ שטיקל שרייבער, געדענק איך ווי רעדאַקטוירים וואָס האָבן קיין מעזומען נישט צו צאָלן פלעגן מיר שטענדיק אונטערלייגן אַ לעקעכל „און צוואַר" איך זאָל זיי שיקן מיין . . . פּיקטשע.

אין ניין פאַלן פון צען איז די צוגעשיקטע „פּיקטשע" נישט געווען געדרוקט.

אין צענטן פאַל איז די „פּיקטשע" ארויסגעקומען אַזוי פאַרקלעקט, אַז איך האָב נאָר געהאַט האַרצווייטיק דערפון.

דאפאר זאָג איך: יונגע שרייבער, היט זיך פאר די רעדאַק־טוירים, וואָס פארלאנגען בא אייך . . . פיקטשעס!

זיי וועלן זיי נישט דרוקן, און אויב יאָ, וועט מען סיי־ווי־סיי נישט דערקענען צי ס'איז איר אליין, אָדער הערמאן גאָלד.

:: :: ::

אז איך האלט שוין דאביי, לאָמיר זאָגן, אז די „צאָרע מיט דער אידישער ליטעראטור אין אמעריקע איז" (צאָרע נומער 999!) וואָס מיר האָבן קיינמאָל קיין רעדאקטאָר נישט געהאט. פארקערט, מיר האָבן נאָך געדארפט זיי לערנען ווי אזוי צו פארשטיין ליטעראטור.

איצט, אז מיר האָבן זיי שוין אביסל אויסגעלערנט — קומען זיי אונדז לערנען.

און קעדיי די וועלט זאָל כאָלילע נישט דערמאָנען, אז דער רעבע איז אמאָל געווען דעם טאַלמידס טאַלמיד, — האלטן זיך די מעלאַמ־דים אזוי גרויס, אז מי קען צו זיי גאָרנישט צוקומען...

ס'ראָוו קריטיקירן זיי אין דער „דריטער פערזאָן": „זאָל מען זיי זאָגן, דאָרטן, אז זייערע שרייבונגען וואָס זיי שרייבן, געפעלן אונדז ניט".

:: :: ::

אין די אידישע רעדאקציעס וואַרפן די מיטארבעטער אריין זייערע מאנוסקריפטן דורכן פענצטער.

סאָף־טאָג אָדער סאָף־וואָך, אָדער סאָף־כוידעש (סי ווענדט זיך צי ס'איז א טאָגבלאט, צי א וואָכן־ אָדער כוידעש־ביכל) קומט צוגיין דאָס שיק־אינגל, קערט צונויף די קסאָווים מיט א בעזים און טראָגט זיי אראָפּ צום דרוקער...

:: :: ::

גייען מיר אונטער? צי גייען מיר נישט אונטער?

אויב מיר גייען אונטער (ליטעראריש־דראמאטיש), טו זאָלן מיר אונטערגיין, צום גוטן יאָר, וואָס שנעלער, קעדיי מיר זאָלן זיך קאָנען רואיק אוועקזעצן שרייבן אונדזער ניי מייסטערווערק אף . . . אידיש!

עילע־ווידער, גייען מיר נישט אונטער, דארפן מיר זיך דאָך אוואדע אָפּשטעלן א ניי פעסל טינט אף ווינטער.

:: :: ::

מענטשנקינדער און וואונדערקינדער

ווען שרייבן קורץ: מי דארף שרייבן קורץ אַף 100 קאלומנעס, אָבער מי טאָר נישט שרייבן לאַנג אַף אַ האַלבן קאָלום.

:: :: ::

מיר דאַרפן אַוואַדע דערמוטיקן די יונגע שרייבער פון אונדזער גרופּע „יוניאָן־סקווער“. אַסאַך פון זיי „זאָגן צו“, אַנדערע באַצאָלן שוין טאַקע, נאָר זיי נעמען אַראָפּ אַ 35 פּראָצענט דערפאַר וואָס זיי צאָלן מעזומען.

טאַלאַנט לערנט זיך גיין, דורך פאַלן און אויפהויבן זיך, דורך שטרויכלונגען.

פאַר וואונדער־קינדער מיט בערד און וואַנטשעס שרעק איך מיך!

קינדער וואָס ווערן געבוירן מיט — שטעקשיך, ווען דער מאַמען שאַדן־טאָן.

קינדער טאָרן קיין „געשוואָלענע קעפּ“ נישט האָבן. — אַנישט וועלן זיי ביקלאַל נישט קענען געבוירן־ווערן.

האָבן מיר דאָך קאָמוניסטן אויך קיין פּאַטענט נישט אַף געבוירן־ווערן אַנדערש ווי אַף דעם אַלטן, בורזשואַזנעם שטייגער!

נישט מער: מיר דערוואַקסענע, קאָמוניסטישע, דאַרפן נישט נאָכזאָגן די כאָכמעס פון די קליינוואַרג, ווי די מאָדע איז בא די פּלישטים.

מיר דאַרפן צו זיי אויך נישט רעדן בעלאָשן „דיב מיר לעטאַך“, נאָר מיט פּראָסטע רייד.

מיר האָבן ווייניק צייט צו שפּילן זיך, ווייניק צייט צו שפּיגלען־זיך אין „אונדזערע יאָרשים“, — אונדזער צוועק איז: אויסלערנען די קינדער רעדן און נישט אַזוי רעדן ווי טאָן!

אָן כניפע, אָן גוזמעדיקע סענטימענטן. נישט זשאַלעווען אַ שטראָף־וואָרט דאָרט וואו ס'איז נויטיק. און אפילע אַ פּעטשל אָפּן געזעס.

— גיי אינגעלע, לערן זיך!

:: :: ::

דרייערליי שרייבער:

דער ערשטער דעקט אינגאַנצן נישט אויף דאָס קאַנאַל־דעקל, — ער האָט מוירע פאַרן . . . גערוך.

דער אַנדערער דעקט אויף דאָס דעקל, הייסט אייך אַריינקוקן

אין דער שטינקנדיקער טיפעניש, נאָר אינדערזעלבער צייט שטייט ער און האַלט אייך צו באַ די פּיס, איר זאָלט אַליין כאָלילע נישט אַריינפאַלן.

דער דריטער דעקט אויף ס'דעקל, הייסט אייך זיך אַראָפּלאָזן מיטן קאָפּ אַראָפּ אַזוי טיף ווי מעגלעך, און ער אַליין לויפט אַוועק, ווייל ער וויל נישט זען ווי איר וועט אַריינפאַלן.

דער ערשטער איז אַנאַטאָל פראַנס.

דער צווייטער איז טאָלסטאָי.

דער דריטער איז דאָסטאָיעווסקי.

:: :: ::

און נאָכאַמאָל די מיסטעריע פון ציפער 3:

איינער קראַצט אײַנגאַנצן די וואונד נישט, נאָר לאָזט זי פאַר־היילן אַף דער זון.

דער אַנדערער קען זיך נישט איינהאַלטן און קראַצט די וואונד, ביז סי בלוטיקט.

דער דריטער קראַצט זיך אַף אַ געזונט אָרט אַזוי לאַנג ביז סי ווערט אַ וואונד.

דער ערשטער איז שלום עליכם.

דער אַנדערער — י. ל. פּרץ.

דער דריטער — ה. לייוויק.

:: :: ::

פאַר ש. ניגערן אַ ציטאַט אַף אויסצעבאָרגן איבעראַכטאָג שאַ־בעס:

„דאָס וואָס דאָס שלעכטע פאַרגייט איז גוט, נאָר דאָס וואָס דאָס „גוטע" פאַרגייט אויך, דאָס איז שלעכט... דאַריבער — לאָמיר זיין „אידן", אָדער עפּעס אַנדערש, צו וועלכן מ'דערלייגט כאָלילע גאָר־נישט, אָמן."

:: :: ::

דער פענונביקסלער פילט אָפּט, אַז ער מוז שרייבן אַ צווייטע זאַך, קעדיי אויסצולעשן דעם נאָכקלאַנג פון דער ערשטער זאַך, קעדיי צו פאַרשטאָפּן דעם ווידערקאָל דאָס מויל.

דער נאָכקלאַנג פון אַ ליד מוטשעט אָפּט מער, פאַרנעמט מער צייט און אָרט, ווי דאָס ליד אַליין.

:: :: ::

דעם „דיכטעריס" שאָכען: — וואָס שרייבט איר איצט, מר. האָצעפּלאָצע?

„דיכטער": — איצט שרייב איך צוויי פּלעשלעך קאָניאַק אַף שאַבעס. נעכטן האָב איך אָנגעשריבן א טייערן מאַנטל פאַר מיין ווייב. נאָך שאַבעס, אז מ'וועט דערלעבן מיט געזונט, וועל איך מיך אוועקזעצן און אָנשרייבן אַן אויטאָמאָביל, אין דריי טיילן. גאָט זאָל כאָטש העלפן, אַז די מוזע זאָל מיר באַ־שטייען!...

אַ רעגע מיט ב. קאָוונער'ן.

ב. קאָוונער איז אַ יוסטער מענטש מיט צוויי פיינע היימען, גוט אויסגעגעבענע קינדער, מיט פּאַרנאַסע בעקאָוועד, מיט אַ געזילבערט וועטער־פּענדל אַפן דאַך פון זיין לאַנד־שטיבל.

זומער וואוינען מיר אין איין דאָרף. אין די קעטסקיל בערג. מיר טרעפן זיך באַם טייך־פּאַוויליאָן ווי קאָנקורענטן. לעבן זיין שטוב שטייען אָטאָמאָבילן. פרעמדע מענטשן וואַרטן אַף דעם קאָוועד צו פאָרן מיט אים שפּאַצירן.

איך גיי פאַרביי מיט אַ פּעקל בריוו וואָס איך טראָג פון דער פּאָסט. אָדער מיט אַ באַנקע נאַפט. מיר גריסן זיך מיט איך וויים וואָס. ער זאָגט מיר אַז דער באָד־פּאַוויליאָן קער צו זיין „קאָלאָניע" און אַז די „קאָלאָניסטן" וואָלטן זייער אָפּגעשאַצט מיין אײדלקייט ווען איך גיי זיך באָרן ערגעץ אַנדערש. איך ענטפער אים מיט הייסע אויגן און מיט ראַכמאָנעס. אַ אידעלע, אַ שיין זילבערן אידעלע שטייט פאַר מיר. אמאָל אַ כאַוור געוועןן.

נאָר אַז די זון זעצט זיך אַפן טייך מיט וויין־רויטן כעסעד־ראַכמאָנעס און דער שוועסטערדיקער ווינט צעבלאָזט מיר ס'העמד און די האָר פון קאָפּ דעמלט טרעט איך אַמאָל אָפּ אין קאָוונער'ס לאַנד־שטיבל. זאָג דער פרוי קאָוונער אַז איך האָב ערשט נאָר וואָס אָפּגעטרונקען טיי. קעדיי זי נישט צו באַאומרואיקן. קוק אַף די פיר געליישזילבערטע באַלן וואָס דרייען זיך אַף קאָוונערס דאַך מיט דעם ווינט־פּענדל. אַף די וואַזאָנקעס וואָס שטייען אַפן גאַניק און עס פאַרראָשטשינעט זיך ציַשן מיר און קאָוונערן דאָס ברויט פון פריינט־שאַפט. דעמאָלט נעמט מיך קאָוונער אויף ווי אַן אייגענעם. פרעגט מיך צו איך וויל עסן אַ מאַראַנץ, טראָגט אונטער אַן אַש־בעכער פאַר מיין ליולקע, בעט מיך איך זאָל מיך זעצן אַף אַ קישעלע. מיר צערעדן זיך ווי מ'רעדט געוויינטלעך ווען די זון איז אַף די האַלבע שויבן. איך דערצייל אים מיינע פּלענער, זאָג אים אַז איך גרייט מיך צו פאָרן קיין אינדיע אָדער צו שמאַדן זיך. ער דערציילט מיר, אַז ער ליידט פון ווי הייסט דאָס: „אינסאָמניא" (טאַקע מיט דעם אָ וואָרט) און אַז די קאָפּ־ווייטיקן לאָזן אים נישט אָפּ און אַז ער שרייבט איצט טראַגישע זאַכן.

דעמאָלט גייען מיר ביידע אַוועק צום פּאַוויליאָן. זומערניקעס וואָס גייען פאַרביי מאַכן פאַר אונדז אַ וואַרע. מען זאָגט: „אָט יע־נער מיטן ווייסן קאָפּ איז קאָוונער, דער אַנדערער איז ער, ווי הייסט ער?"

מי קען זיך נישט דערמאָנען.

מיט ה. ד. נאָמבערגן

ה. ד. נאָמבערג בעט מיך איך זאָל אים זאָגן וועלכע נייע דיכ־טער און נאָוועליסטן עס זענען צוגעקומען אין אַמעריקע די לעצטע 12 יאָר. איך טראַכט און טראַכט און זאָג:

מיר האָבן אַרום הונדערט נייע דיכטער און נאָוועליסטן. איינער בעסער פונם אַנדערן (ערגער פונם אַנדערן איז שווער צו זיין).

אָבער איך רעקאָמענדיר אים: היינע׳ן, סטענדאַל׳ן, האַמ־סון׳ען, דזשיימס סטיפענס, פלאָבערן און אונדזערע אידישע קלאַ־סיקער.

:: :: ::

נאָמבערג דערציילט מיר:

מ׳האָט אַמאָל געפרעגט בא אַ מינאַרנעם פּאָעט פּאַרוואָס ער שילט זיך אַזוי. האָט ער געענטפערט: „איך האָב זייער אַ שוואַך קאָל און אַז איך וועל ניט שעלטן וועט קיינער נישט וועלן הערן.״

:: :: ::

פּאַרנאַכט. בא די קראַטקאַ׳ס אין שטוב. דאָס אויפנעם צימער איז ווי אַ פּריוואַט טעאַטער. ליכטשיין איז אַף די ווענט. אין שווערע קליינע ראַמען — שלעכט איטאַליענישע ליטאָגראַפיעס. אַ נידריג זייז־געלעגער מיט בלאָען פּלוש שטייט פּאַרדעקט. אַ קליין בענקעלע נישט פאַר די פיס נאָר צום זיצן. אַף די פענצטער בלומענקלאָמפּן, מעשוואַרג. ווייערוויכדיקע ערינערונגען פון דעמאָלט און דעמאָלט.

נאָמבערג טרינקט שוואַכע טיי און רעדט און רייסט זיך אַף זיין קליינגרילצענדיק קאָל.

פויל איז נאָמבערג. אָנגעפיבערט מיט וועלט־ליבשאַפט (וועלט־פיבער?) זיין אינזעל איז די קונסט אָבער אַרום די ברעגן וואַקסט וועלט־פּאָליטיק (?). עקאָנאָמיק (?). נאָמבערג איז וועלט־מענטש. זיין בליק פּאַרנעמט די וועלט. אָבער זיין פענצטער איז וואַרשע. ווי בא וויסנבערגן זיין „זשעליעכאָוו״. דאַרומעט קוקט מען אַף דער וועלט, טראָגט זיין אייגען פענצטער און טיר מיט זיך, אָבער ווייט אין דער וועלט זעט ער אַרוים — אַזוי ווייט. הייסט דאָס, ווי מ׳קען זען דורכן פענצטערל פון אַ באַלכאַלוימעס.

סע קומט מנחם. עס זיצט חיימאָוויטש. מ׳רעדט וועגן וואַרשע, וועגן ליטעראַטור. נאָמבערג באַרעדט נישט קיין מענטשן נאָר ער זאָגט זיי אָפּ ס׳לעבן. קעפּ פאַלן אונטער נאָמבערגס פּאַפּירענער האַק. אָבער די קעפּ זענען אַף גומענע נאַקענס. זיי שפּרינגען צוריק אַרויף, האַלטן זיך, ציטערן בלויז פון דעם אימפּעט פון נאָמבערגס פאַרמעסט. אַנדערע מענטשן וואַקסן אויס ווי שוועמלעך־קאַלאָסן אינם האַלב־טונקל פון נאָמבערגס טאַלמודיזם, אָבער דעמבעס ווייזן זייערע שפּיצן איבער אַלע וואַלד־פּינצטערנישן אַריבער — י. ל. פּרץ, אַ שטייגער. וועגן פּרץ׳ן, וועגן דעם סאָד פון פּרץ׳ס שאַפן רייסט זיך נאָמבערג צו האַלטן אַ לעקציע נאָר מ׳זאָל אים פאַרזיכערן אַז מען וועט אים נישט באַצאָלן דערפאַר.

(פּאָזע גומער . . . ?)

:: :: ::

מיר ריידן פון דזשעק לאָנדאָן. נאָמבערג רופט אים „דזשעיק לאָנדאָן". האַלט אַז זיין „קאָל אָוו די ווײַלד", איז אַ נייע איינשטעלונג אין דער וועלט". אַ נייער זין. ביז לאָנדאָנ׳ען (זאָגט נאָמבערג) האָט מען פאַרשטאַנען אַז דער מענטש איז פּאַרט מענטש. ניין, סע גייט נישט אין דעם (היצט ער זיך) וואָס לאָנדאָן האָט פאַרשטאַ־נען אַז אַ הונט האָט אויך אַ נעשאָמע. דאָס האָבן אַנדערע אויך באַגריפן. דאָס איז גאָרנישט. סע האַנדלט זיך אין דער איינשטעל־לונג אין דער וועלט. סע גייט אין דעם אַז דער מענטש האָט עפּשער אויך קיין נעשאָמע נישט. אַז אַ הונגעריקער מענטש איז נישט אַנדערש ווי אַ הונגעריקער הונט, און אַז יעדער מענטש איז פּונקט אַזוי באַרעכטיקט צו גלויבן אינעם צווייפלען ווי צו צווייפלען אינעם גלויבן. בלויז „גענגסטערס" (מאַכט נאָמבערג) האָבן אָט אַזאַ ברייטן וועלטזין. באַ זיי איז מענטשן־פלייש און פלייש אַפן יאַטקע־קלאָץ— דאָסזעלבע. מיר גיבן דער ביייע אונדזער עקלהאַפטן ראַכמאָנעס. מיר באַגראָבן הינטלעך מיט „פּאָמפּ און צירקומסטאַנץ" און מיר שטעלן נאָך זיי מאַצייוועס קעדיי אונטערצושטרייכן אונדזער אויסערגעוויינלעכ־קייט. באַ לאָנדאָנ׳ען (מאַכט ער) איז גאָר עפּעס אַנדערש. ער האָט ניט ליב און נישט פיינט דעם הונט. ער הינטישט־מיט. ער צעשניידט אַ וואָרים פּונקט ווי ער וואָלט צעשניטן אַ מענטש. עס איז די גרויסע ברוטאַליטעט וואָס דערנענטערט אונדז צום וועלט־זין, צום וועלט־יאָדר.

נאָמבערג האָט זייער ליב ווייסנבערגן — דעם משוגענעם וואָס האַלט אַז „זיי זענען זיי און מיר זענען מיר", עפּעס איז באַ דעם

„פויערשן“ ווייסנבערגן שטענדיק נאר „זיי און מיר“. זיי דארף מען אויסמיידן. זיי זענען נישט גוט. זאלן זיי גיין אין דר'ערד אריין! מיר דארפן צו טאן אונדזוערס“.

נאמבערג דערציילט גוטמוטיק: ווייסנבערג האט מיך אויך געזידלט. געזאגט אז איך בין פון „זיי“. אז איך זיץ אף צוויי ביינקלעך און ער האט נאר געוואלט ברויגעז ווערן מיט מיר. אבער איך האב מיט אים ניט געוואלט ברויגעז ווערן. כ'אניש קיין גע־דילד דערצו.

נאמבערג גיט „טינטייפ־גראפיעס“ פון דעם יונגן דיכטער שלמה גילבערט. א מיסטישער יונג וואס רעדט מיט טויטע ווי מיט לעבעדיקע, מיט לעבעדיקע ווי מיט טויטע“. אלץ איז בא גילבערטן (זאגט נאמבערג) באטעמט מיט דעם אויסערגעוויינלעכן, מיט דעם וואס דארף טרעפן אלע מענטשן.

נאמבערג האלט ווייניק פון האמסונען. האלט אסאך פון טשעם־טערטאנען. האלט אסאך פון דער אידישער קאלאניזאציע אין רוס־לאנד, אביסל פון פאלעסטינע, וואו „די טייכן זענען לײדיקע בייטן, וואס ווארטן אף רעגן“.

ער ווארפט אן א בילד פון פאלעסטינע: א מאגער קיעלע ווי א קעלבל גייט דורך א טייכל וואס איז פונם בארג אנגעטריפט. ס'קיעלע שטעלט זיך טרינקען. דאס טייכל פארשווינדט ביסלעכווייז, ווערט נישט, איז נישטא. פעלזן. א לאנד פון לויטער פעלזן. א דארשטיקער באלעס, וואס לויפט־נאך דעם ביסל וואסער, דערזעט עס א וואסער ווערט א פרייד, א צעבליאונג, א ראכוועס, דערפאר אזוי פיל גלויבן בא די מענטשן, אזוי פיל „פארלאז זיך אף גאט“.

ווי די רויטע „בליהם“ וואס רייסט זיך פון א שטיין אף די בערג פון יהודה, רויט ווי א פייער! בלינד־ווערן קען מען פון דעם. א צעפלאקער פון אלע גלוסטן אין דער וועלט. פון אלע פריידן. א איין־איינציקע גרויסע בלום אף א וויסטעניש. „ירושלים“ רעדט ווייטער נאמבערג, איז היינט נישט דאס עמעסע ירושלים, נאר „יע־רושעלאיעם דליטע“, יערושולאיעם דאונגארן. עס איז די שטאט וואו יעדער פאלק שטעלט אויס איר רעליגיע. ער דערמאנט זיך אז די ברידער טארא זאגן אין זייער בוך „ירושלים“ אז די אידן נארן אף זייער גאט דורכדעם וואס זיי שיקן צו אים שטענדיק (אין רעזוי־דענץ אריין) דעלעגאציעס פון ארימע און קראנקע, קעדיי אויסצו־שווינדלען בא יעהאוועון א „גוט קוויטל“.

וועגן דריבנע זאַכן . . .

די גרינגסטע זאַך צו דערקענען אַ שרייבער איז לויט די נעמען, וואָס ער גיט זיינע העלדן.

אַ נאָמען איז ווי אַ — קאַפּעליוש אַף אַ מענטשלעכן קאָפּ: 1 נומער קלענער אָדער 1 נומער גרעסער און דער מענטש האָט שוין אַ פּאָנים ווי בויזעק.

:: :: ::

פאַרשטייט זיך, אַז דער טייערסטער „פּילצענער הוט", ווי גוט צוגעפּאַסט ער זאָל נישט זיין צום קאָפּ, וועט נאָך נישט מאַכן קיין פּאַרזעניש פאַר קיין מענטשן. דער שענצטער און געאייגענצטער נאָמען פאַר אַ „העלד" וועט דעם מענטשן נישט מאַכן שיין און ערלעך, אויב דער מענטש אַליין איז — נישטאָ, אָדער ער איז בלויז אַ שאָטן פון אַ צערונענעם קלעק. נישט מער: אויב דו האָסט שוין דעם מענטשן, און אויב דער מענטש מוז שוין האָבן אַ נאָמען (מיר האַלטן, אַז אַ ציפער איז אויך גענוג!)—טאָ גיב אַכטונג, אַז דער קאַפּעליוש (דער נאָמען) זאָל נישט אָקעגנריידן דעם פּאָנים!

:: :: ::

דער „טאָג" זאָל לעבן, וואָס רייסט זיך אַזוי דעם ספּאָדיק וועגן קולטורנע איניאָנים ביכלאַל און וועגן אידישער ליטעראַטור ביפראַט, האָט (— דאַכט זיך בעהאַשגאָכעם האַראַוו ר' ש. ניגער —) איינגעפירט אַ רובריק, וואָס הייסט „ליטעראַרישע נייעס". דאָרט גיט מען מעלדונגען וועגן נייע ביכער אין אידיש און העברייאיש. מיט אַ פרום, טאָמעוואַטע פּאָנים פון קולטור־אומפּאַרטייאישקייט טיילט מען דאָרטן אוים עליות פאַר אייגענע, פאַר האַלב־אייגענע, פאַר פרעמדע.

דעם פּענונביקסלערם אַ ניי בוך מיט לידער, האָט מען דאָרטן דערמאָנט אין 10 שורעס. און דאַביי אַריינגעלאָזט אַ מלמדיש קניפּעלע: „דעם'ם און דעם'ם בוך מיט פּערזן איז שוין דערשינען".

„פּערזן", ווי אַלע שרייבער ווייסן, ווערט גענוצט ווי אַ זידלוואָרט אַף לידער. און פאַרגעסט נישט, אַז דאָס — איז געזאָגט געוואָרן נישט אין קיין רעצענזיע כאָלילע, אָדער אַ קריטיק, וואו דער קריטיקער האָט אַ רעכט „אַראָפּצורייסן", — דאָס איז אומשולדיקע „ליטעראַרישע נייעס" . . .

מילא גייט עס איינעם פון איין אויג אַריין, און אַנדערן אויג

ארויס. אויב דער פּענונביקסלער דערמאָנט דאָ דאָס דאָזיקע עפּיזאָדל, איז עס בלויז קעדיי צו ציען אַ פּאַראַלעל צווישן דעם דערמאָנטן נאָטיץ און אַן אַנדער מעלדונגל, וואָס איז דערשינען אין „טאָג", דעם 6טן מערץ פון היינטיקן יאָר, אויך אין דער רובריק „ליטעראַרישע נייעס". דאָס מאָל איז עס וועגן דעם „באַרימטן" יחזקאל לעוויט, וועגן וועלכן זייערס אַ קריטיקער (שאַצקי, דאַכט זיך) האָט געזאָגט, אַז ער איז דער ענגליש-העברייאישער „פּאָעט-אימפּעראַטאָר" — וואָס דער טייטש דאָפון איז: „אַ פּרימאַ גראַפאָמאַן".

מיר גיבן דעם נאָטיץ ווי ער שטייט און גייט, קעדיי די וועלט זאָל זען, ווי ווייט דער „טאָג" (און די „קריטיקער" וואָס אַרבעטן בא אים) היטן אָפּ די ריינקייט פון דעם אידישלעכן קולטור-פראָנט. און ווי אַזוי זיי האַלטן ציכטיק זייערע הענטלפּענעס, ווען עס האַנדלט זיך וועגן זייערע אייגענע לאַיטע, יענע לאַיטע, וויסנזי, וואָס גייען צום קריטישער אהיים אויף טיי, א. א. וו.

„עס איז ערשט דערשינען אַ נייער באַנד געזאַמלטע לידער פון דעם באַרימטן העברייאישן דיכטער יחזקאל לעוויט. דער מעכאַבער איז דער אידישער אַזוי גוט ווי ניט-אידישער וועלט מיט זיין פיל-יעריקן שאַפן אין העברייאיש, אידיש און ענגליש, האָבנדיק רעדאַקטירט אידישע און ענגלישע צייטשריפטן און אויך אַרויסגעבנדיק פאַרשידענע ביכער אין דער ענגלישער שפּראַך. ווען דער ערשטער באַנד לידער פון יחזקאל לעוויט איז ערשינען איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס ענטוזיאַזם פון דער גאַנצער ליטעראַרישער קריטיק. דער גרויסער שריפטשטילער מאַקס נאָרדאַו איז געווען אַזוי באַגייסטערט פאַר דעם, אַז ער איז אַרויס מיט אַ בריוו אין וועלכן ער האָט דערקלערט דעם מעכאַבער פאַר איינעם פון די גרעסטע דיכטער פון זיין צייט. אין העברייאישע קרייזן פון אַמעריקע קלייבט מען זיך צו געבן דעם דאָזיקן ווערק די געהעריקע אויפנאַמע".

אויב איר האָט קיינמאָל נישט געהערט פון אַזאַ אידן ווי יחזקאל לעוויט, קענען מיר אייך בלויז זאָגן, אַז — שלמה שמולעוויטש איז אַ שעקספּיר אין פאַרגלייך מיט אים — ווער דער שלמה שמולעוויטש זאָל נישט זיין!

:: :: ::

די מאַיסע מיט לייוויקן איז, וואָס ער וויל זיך אליין „געבן אַ העירקאָט" (זיך אָפּשערן"). ווי דער מענטש מוטשעט זיך געבעך צו „דערגיין צו זיך" מיטן שערל — הינטן אַרומערט! דער קאָפּ

איז אים שוין (פון אינעווייניק) פול מיט „טרעפן" . . . און פרעגט צו וואָס איז דאָס נויטיק, עפשער ווייסט איר, אז פאר 15 נייע־גראהצער קען מען זיך לאָזן זייער שיין ארומשערן — בא א ציי־רולניק?

:: :: ::

פרץ'ס בטלן וויל וויסן, „ווער בין איך?" — וויל זיך אליין ארומשערן דעם נאקן. איז דאָס וויסטע מעשוגענע באטלאָנעס. וואָרין אז מי קוקט אריין אינם שפיגל פון פאָרנט, קען מען נישט זען ווי אזוי צו שערן זיך אליין פון הינטן. צום גרינגסטן איז, אז מען גייט צו א . . . „בארבירער". נאָר כ'מיי, ווי פאסט עס פאר מאַ־שיכן צו זיצן אף א . . . „בארבער־טשער" אין הוילן־קאָפ!

:: :: ::

זעלבסטקריטיק? ניין. זעלבסט־קראַצעריי פון א קארגן, וואָס פארגינט נישט א פרעמדן מענטשן ער זאָל אים א קראַץ טאָן — טאָמער וועט ער, (דער פרעמדער) דאפון אויך אביסל האנאָע האָבן...

:: :: ::

„סעמפלס" פון רייזען'ס לעצטע לידער — זומער־סעזאָן 1930, פרייז 50 דאָלער א „באָנטש" („בינטל"). מיר שטעלן בלויז איבער די אונטערקעפלעך:

איך, אברהם רייזען.
אזוי פיל גוטס, אזוי פיל טוגנד
אין זיינע טעג, פון סאַמע יוגנד...

(א. א. ו.)

איר שטויסט זיך שוין אָן, אז דער דיכטער, זאָל לעבן, האָט וועגן זיך זייער א גוט מיינונגל. אין זיין גרויס באשיידנקייט, זאָגט ער אייך אויס דעם גאנצן „עמעס", אז ער איז, קיין ע"ה זאָל אים נישט שאטן, פול מיט טוגנד און מיט גוטס.

ער, דער פענונביקסלער

דעם צווייטן זעה — מיט האָס און ביטול
ער יאָגט זיין פריינט מיט יעדן מיטעל.
און אלץ איז שעהן און אלץ איז גוט —
בארוישן זיך פון כאוועריס (!) בלוט,

און לאכן פון דעם כאווערם (!) צער,
און נעמען נאך געצאָלט דערפאַר.

א. א. וו.

:: :: ::

די לעצטע שורע האָבן מיר אליין אונטערגעשטראָכן. איר פאַרשטייט? מיר נעמען געצאָלטס דערפאַר, וואָס מיר פאַרגיסן א כאַווערס (!) בלוט, בעאייס דאָס לאַמעדוואָווניקל, אברהם רייזען, וואָס איז אזוי „פול מיט גוטס און טוגענד, פון סאַמע יוגענד" גייט נעבעך אויס פון הונגער!..

:: :: ::

געוויסע פען-קנעכט האָבן טאַינעס צו אונדז פּראָלעטאַרישע שרייבער לעמאַי מיר האָבן זיי נישט ליב.

איר פאַרשטייט? מיר וואָלטן זיי נאך באַדאַרפט ליב האָבן אויך!!

:: :: ::

לויט די לעצטע מאַכלויקעסן אין די „ליטעראַרישע ווייגערטנער" פון איסט-בראָדוויי-און-די-בויערי איז צו דרינגען, אז אויב שרייבערס זיינען בעטייווע מיסע באַלגייוועניקעס, זענען אָבער שרייבערלעך נאך אַסאך, אַסאך ערגער!

ס'האָט זיך פאַרלאָפן . . .

דער י. ל. פּרץ פאַראיין (וועגאָס דער אידישער שרייבער פאַר־איין פון פּוילן) האָבן געשיקט אב. קאהאנ'ען ווינטשעוואַניעס צו זיין יובילייע.

די פעז־קנעכט פון י. ל. פּרץ פאַראיין האָבן נאָך געטאָן ליפנים מישורעס האדין און האָבן געמאַכט קאהאַנ'ען פאַר אַן ערן־מיטגליד.

האָספּאָדי גאָט אין הימליכן! קאהאַן דער שונדיסט און פאַר־דארבער־האַגאָדל פון דער אידישער שפּראַך — אַן ערן־מיטגליד!

וואָס פאַר ליצים דאָס זענען, וואָס פאַר אַן עקלהאַפטע ליצים און אונטערלעקערס!

איצט וועט דער י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין שוין קעסיידער זיין מיט דער „ערע" אין דרויסן, ער וועט שוין קיינעם נישט אָפּנאַרן.

:: :: ::

פון אַן אַמאַליקן צארישן פּאָסקודנעם גובערנאַטאָר דערציילט מען, אַז ער האָט געהאַט אַ טעיווע, אַז ווען אַ מיידל איז געקומען צו אים בעטן עפּעס אַ טויווע, האָט ער עס געמאַכט קורץ און געזאָגט:

— ווי הייסטו, מיידל? ליג זיך!

מיט אב. קאהאַנ'ען איז דאָס אייגענע.

אַזוי גיך ווי אַ „מעדכען" קומט צו אים נאָך אַ שטעלע, זאָגט ער איר דעם פּאָסעק:

— ווי הייסטו? רייזען? ליג זיך!

— ווי הייסטו? מאַני לייב? ליג זיך!

די „אומשולדיקע מעדכענס", וואָס גייען בעטן טויוועס, ווייסן שוין פאָראויס פון דעם פּאָסעק און זיי קומען אין רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" שוין צעקנעפּלטע.

:: :: ::

אַן אָפּרו־הויז אין די בערג. אַ באַקאַנטער פונם פענונביקסלער, דערציילט:

— באַ אונדז שטייען איין עטלעכע שרייבער אידישע. גרויסע שרייבער — גאָר גרויסע. וואו שטייט איר איין?

— דאָרטן און דאָרטן!

— און וואו שרייבט איר?

— אין דער „מ.־פרייהייט".

— איך מיין אף וואס שרייבט איר?

— אף וואס סי מאכט זיך! אף דער קני אמאל.

— קיין טיש האט איר נישט?

— ס'איז דא בא אונדז טישן אויך!

— אונדזערע שרייבערס שרייבן נישט אף קיין פּראסטע טישן. זיי שרייבן אף — שאף־טישן... אונדזער באלעבאס האט זיי אליין אויפגעקלאפּט אזוינע ווייסע, לאנגע, היימישע טישן. דארטן שאפן זיי. זיי שאפן אלע טאג. קיינער טאר נישט נוצן די שאף־טישן אכוץ די שאפערס אליין. אונדזערע שרייבערס זענען גרויסע שרייבערס — גאר גרויסע, זיי שאפן אף שאף־טישן . . .

:: :: ::

פאראן אזוינע שרייבער, וואס קענען נישט קוקן א מענטשן אין די אויגן אריין — אפילע ווען דער מענטש איז א העלד פון זייערס א נאוועלע, אדער א „סקיצע". זיי באשרייבן אים פון הינטן בעשאס ער גייט אוועק!... זיי שטעלן זייערע העלדן מיטן פּאנים צו דער וואנט, פאטאגראפירן אים פון הינטען אין דער האלב פינצטערניש, און — גיי זאג, אז עס איז נישט ענלעך...

:: :: ::

אנשטאט גרינג צו מאכן דאס וואס ער האט צו זאגן, מאכט דער „ליבער דר. זשיטלאווסקי" שווער דאס וואס ער האט נישט וואס צו זאגן!

:: :: ::

א שטימונג־מענטש: ער קויפט זיך א ווארשטל־סאנדוויטש און עסט עס לעבן פארביקן פענצטער פון א קינסטלערישן קאפּיי.

:: :: ::

מר. מענקען שטעלט אן אפן לעזער פון זיין „מערקורי" א קאנאן אנגעפילט מיט... וואטע. ער דערלאנגט מיט דעם „מערקורי" א קאנאן אז דער לעזער פאלט אנידער אף דר'ערד און מיינט, אז ער איז טויט. נאר מיט א מינוט שפּעטער כאפּט זיך דער לעזער אויף און ער גיט א קוק: ער לעבט! עס האט אים גארנישט געשאט...

:: :: ::

ווייטערער פאָרשלאָג פאַר אידישע נעמען אַף דעם מוסטער פון די קריסטלעכע נעמען אין זיד־אַמעריקע, ווי יעזוס־מאַריא לאָפעז, און דעסגלייכן.

אַל־שדי באָטווינניק, שר־צבאות בובליק, א. א. וו.

:: :: ::

זייגער 9. צוריק אין קאַפּי. דר. זשיטלאָווסקי און ניגער און קאַברין. מ'רעדט וועגן טעאַטער, וועגן דער טעאַטער אויסשטעלונג. איך ווער געוואָר: זשיטלאָווסקי האָט איבערזעצט הייערמאַנס א פּיעסע. פונם טעאַטער האָט זיך נאָך קיין לעבעדיקער שריפטשטעלער נישט אַרויסגעדרייט. אַפילו דער „פילאָזאָף" נישט.

קאַברין רעדט וועגן דעם און יענעם. דער עיקער וועגן דעם אַז ער האָט נישט ליב צו ריידן וועגן זיך אַליין. ער איז באַשיידן.

איך דערמאָן זיך אָן דעם מענטשן (אַף דעם באַנקעט פון „וואָיר־קערס סקול") וואָס איז אַרויף אַפן טיש, געהאַלטן א צען דאָלער אַסיג־נאַציע אין האַנט, געפאָכעט דערמיט און געשריגן:

איך גיב 10 דאָלער. נאָר איך וויל נישט מ'זאָל וויסן ווער ס'ע גיט דאָס!

:: :: ::

דעם קריטיקער עקס געפעלן מיינע ביכער און טעאַטער קריטיקן. (דאָס איז דער ערשטער קריטיקער וואָס האָט דעם מוט אונטערצוג־ראָבן זיין אייגן ברויט!) אָבער אָפּט זאָגט ער בין איך ווי א אינגל וואָס מ'האָט אים געשענקט א גאָלדן מעסערל און ער צעשניידט דער־מיט דעם טיש.

איך האָב געוואָרט אַז ער זאָל ענדיקן פּאַטעטיש. אַז „ער צע־שניידט זיך די אייגענע פינגער" אָבער ער האָט עס נישט געזאָגט. לעאָן קאַברין האָט בלויז צוגעגעבן אַז איך בין א מערדער אַף זיך אַליין. איך שניץ קונסטווערק און צעשטער זיי (ווי טרויעריק, ווי טרויעריק דאָס איז!).

:: :: ::

אַז איך לייען ווי א מאַנצביל שרייבט וועגן פרויען־פּסיכאָלאָגיע האָב איך דאָס אייגענע געפיל, ווי איך וואָלט געזען (אַף דער בינע) א מאַן שפּילן פרויען־ראָלע.

:: :: ::

איך קוק מיך נישט אום אַף קיין שרייבער וואָס גריבלען זיך

אין „דער נעשאָמע" פון אַ פרוי. זיי זענען אין מיינע אויגן פאַר־זעענישן.

ס'איז שוין צייט, אַז עס זאָל אַרויס פון דער מאָדע פאַר מאַנצ־לייט זיך איבערטראָגן פאַר ווייבער — סיי אין דער ליטעראַטור, סיי אַף דער בינע . . .

די פרוי דורך דעם מאַנ'ס אויגן — דאָס יאָ. אָבער — מוזט איר זיך דען אַליין פאַרענדערן ס'קאָל און רעדן מיט אַ קוויטשיקל, בעאיים איר „שילדערט דאָס לעבן פון אַ פרוי"?

איך אַליין בין קיינמאָל קיין פרוי נישט געווען, האָב דעריבער קיינמאָל נישט געפּריפּט דערציילן וואָס מיין „העלדעכע" טראַכט און פילט — האַלוואי זאָל מיך דער ריבוינישעלוילאָם אַף ווייטער אויך אָפּהיטן פון אַזוינע נאַרישקייטן.

:: :: ::

די צוויבל־לעטריסטן אונדזערע וויינען מיט צוויבל־טרערן פאַר־וואָס מי שאַצט זיי נישט אָפּ, לעמאַי אונטערדריקט מען זייערע „שאַפונגען"?

די שאַפעכץ איז אַד־לעוו־האַשאָמאַיִם!

און יעדער איינער ציטירט זיך אַליין, ביז כּאַלאָשעם: „ווי זאָג איך דאָרטן ערגעץ . . . ?"

:: :: ::

באַ דעם געוויסן אידישן ליטעראַט מר. עקס איז דער קאָפּ גע־גליכן צו אַן . . . אַפּענדיקס (בלינדע קישקע):

מיט דוירעס קריק האָט עס מיסטאָמע צו עפּעס געטויגט, אָבער היינט איז דאָס אַן איבעריקע, אומניציקע זאַך, וואָס העלפן קאָן דאָס אוואַדע נישט נאָר קאַליע מאַכן קאָן דאָס.

:: :: ::

מיר קענען אַ אידישן שרייבער, וואָס איז אַזוי שרעקלעך זיס, אַז זיין יונגסט איינִיקל אַפילע ליידט פון . . . צוקער־קראַנקהייט.

זיך אַראָפּגעריסן פון האַרץ . . .

איך האָב מיך אַמאָל אַרויסגעכאַפּט, אַז די מאַדאַם קונסטיבע איז אַ מומע־שיילאָק — זי פאַרלאַנגט נישט אַנדערש ווי דאָס גאַנצע פונטעלע פלייש.

איך האָב אָבער פאַרגעסן צו זאָגן, אַז נישט בײַ יעדן קונסט־מאַכער פאָדערט זי דאָס פונט פלייש פון דעמזעלבן אָרט.

בײַ אַ טייל מענטשן נעמט זי דאָס פונטעלע פון סאַמע אַרום׳ן האַרץ, בײַ אַנדערע אָבער נעמט זי עס אין זיץ־פלייש.

:: :: ::

אַ טייל שרייבער שרייבן מיט געדולד.
אַנדערע מיט אומגעדולד.

די געדולדיקע זענען גרעסערע מייסטער, די געדולדיקע גרעסערע קינסטלער. דאָס סאַמע בעסטע איז: צו פאַרטראַכטן מיט אומגעדולד און צו שלייפן מיט געדולד.

:: :: ::

אַנדערע האָבן נישט וואָס צו טוען, שרייבן זיי. איך אָבער אייל מיך שטענדיק (בין באַם לעבן אַף שטיק־אַרבעט), האָב איך קיין צייט נישט, דעריבער שרייב איך.

:: :: ::

די קוואַלן, פון וואַנען טאַלענט שלאָגט, זענען אי ריינע, אי אומ־ריינע.

די ריינע קומען פון נאָענט — פון דעם מענטשן אַליין, די אומריינע קומען פון ווייט, אָפט פון אור־אור־דורותס.

ווען אַן אַלטער קוואַל־אָדער עפנט זיך פּלוצים, שלאָגט ער אַדורך דורך בלאָטע און שטיין — ער ברענגט אָבער אָפט די בלאָטע און דעם שטיין מיט זיך.

:: :: ::

מיט דעם וואָרט „טאַלאַנט" האָט מען אַמאָל באַצייכנט אַ גע־וויסע מאַטבייע.

טאַלאַנט איז פּאָשעט געווען — געלט. מיט דער צייט איז עס אָנגענומען געוואָרן פאַר אַן אַבסטראַקטער ווערט־מאָס.

:: :: ::

קוקט זיך צו ווי מענטשן שרייבן:
„דער וואַלד האָט גערוישט — רויש, רויש".
„די בין האָט געזשומעט — זשום־זשום".
„אַ דונער־קנאַל האָט אַ קנאַק געטון".

און זעט אַליין, ווי איבעריק עס איז די קלאַנג־באַצייכענישן פון גערויש, פון זשומען, פון דונערן.

דאָס וואָרט גערויש אַליין טראָגט אין זיך דעם טאָן־קאָלאָריט פון רויש.

דאָס וואָרט שטורעם גיט שוין אַליין דעם קויעך פונם שטורעם.

דאָס וואָרט זשומען גיט שוין אַליין דעם זשום־זשום.

און מיט וואָס פאַר אַ וואָרט וועט איר דען באַצייכענען דאָס קנאַקן פונם דונער בעסער ווי מיט דונער־קנאַל? אָדער מיט דעם וואָרט דונער אַליין, — איך מיין דאָס וואָרט „דאָננערר", ווי דער דייטש זאָגט עס אַרויס?

:: :: ::

אַז איך לייען אַ בוך, וואָס האָט אַף זיך אַ „פירוואָרט" נישט פונם מעכאַבער אַליין, נאָר פון אַן אַנדערן שרייבער, האָב איך דאָס געפיל, ווי ווען איך זאָל זען אַ מענטשן אין גאַס אין אַ נייעם ראָק, פון וועלכן ער האָט פאַרגעסן אַראָפּצורייסן דאָס צעטל מיטן נומער.

:: :: ::

דוד בערגלסאָן זאָגט מיר:

דו מענסט אויפדעקן בא שרייבער אַ פעלער, אַזוינעם וואָס מי קען אויסבעסערן, אָבער נישט קיין מום.

מיילע, איז דאָס אַ זאָג ווי אַלע זאָגענישן. בא אַ שרייבער איז יעדער נאַטירלעכער מום אַ פעלער, וואָס דאַרף אויסגעבעסערט ווערן. נישט מער: אונדזערע קריטיקער זענען געוואוינט צו היילן מיט אַ שפרונג. אַף אַן אָפּעראַציע, וואָס זאָל ווייַ טאָן אי יענעם אי זיך, באַשליסט מען זיך נישט.

מיט „אָפּשפּרעכן" איז מען זיכערער, און מי האָט אַ גרעסערן קליענטעל.

:: :: ::

אַז איך טראַכט פונם דאָקטער קאָראַלניק, טראַכט איך פון אַ

פּאָנעם מיט לויטער ברילן, און פון זיבן קאַסאַקע אויגן — אַלע אַף איין (1) זייט.

:: :: ::

ווער איז אַ גרעסערער שרייבער?

דער וואָס באַשרייבט אַ שטאָט, אָדער אַ לאַנד אַזוי אַז סי כאַפּט איך אָן אַ כיישעק אַהין צו פאָרן, עס זען מיט די אייגענע אויגן, אָדער —

יענער וואָס באַשרייבט אַ שטאָט, אָדער אַ לאַנד אַזוי, אַז איך דאַכט זיך, אַז איך זענט דאָרטן אַליין געווען, און איך פאַרשפּאָרט שוין צו פאָרן?

:: :: ::

...פּונקט ווי די גוט-געגערטע גלוסט זיך אַמאָל אוועקצעוואַרפן דעם קאַרטאָפל-אינהאַלט און עסן די שאָלעכץ, אַזוי גלוסט זיך מיר אָפּט אוועקוואַרפן די ביכער און — לייענען די שרייבער.

:: :: ::

אַ כאַווער פרעגט מיך:

פון וואַנען ווייסט איר, אַז איר זענט ערלעכער אין אייער קריטיק, ווי דער־און־דער און יענער־און־יענער?

איך ענטפער:

דער פאַקט, אַז איך האָב יאָרנלאַנג דיזעלבע מיינונג וועגן שריפטשטעלער, איז אַ סימען, אַז איך נאַר מיך אַליין נישט אָפּ. וואָרין מיט מיין שרעקלעך-שלעכטן זיקאָרן (איך געדענק נישט קיין 10 שורעס פון דעם וואָס איך האָב נעכטן אָנגעשריבן), וואָלט איך מיך זיכער געוואַלטיג סויסער געווען אין מיינע מיינונגען, ווען זיי זאָלן זיין אויסגעטראַכטע.

:: :: ::

צי האָב איך אַ פּאַטענט אַף דער בעסטער מאָס ווייסיך נישט. איך ווייס נאָר, אַז איך מעסט נישט פון דער ווייטן, און אַז דאָס וואָס איך מעסט, ריר אָן איז אַזוי נאָענט, אַז סי טוט אַזש זיי.

ווי מיין פעטער איציק פלעגט זאָגן:

„איך האָב נישט קיין שום ליטעראַטור־מאָס — איך בין!"

:: :: ::

אזוי אָרעם זענען מיר אין אונדזער ווייגאָרטן, אז מיר „בויען אונדזער הויז" נישט אָרום א ברונען, נאָר ארום — א ליידיקן עמער.

דערמאָנט זיך וואָס אונדזער אייגענער מאַני־לייב האָט אמאָל צעאַרבעט מיט די „וויינרעבן".

פאַרשטייט זיך, אז קיין שום איד ווייסט נישט וואָס „וויינרעבן" זענען (רויטע און ווייסע ריבן ווייסן מיר אָבער ווייגרעבן !).

כאַדאָשעם און יאָרן דורכאַנאַנד האָט געקלונגען „וויינרעבן". דער דיכטער פון די וויינרעבן האָט געמאַכט — עפּאָך, אָווא, מיט וויינריבלעך. שפּעטער זענען געקומען אנדערע ווערטער: גערַאנגל, שקיעה, קאיאָר. נישט לאַנג האָבן מיר געהאַלטן בא — פאַרכלינען זיך. פעלדער האָבן זיך פאַרכלינעט מיט טוי. דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט האָט זיך פאַרכלינעט מיט בלוט. דער יאַם האָט זיך פאַרכלינעט מיט א שקיעה, וכו'...

איצט האַלטן מיר אַקוראַט באַם — אָנגיסן זיך. אירע בריסט גיסן זיך אָן מיט לײַדנשאַפט. דער הימל גיסט זיך אָן מיט שטערן, די זאַנגען גיסן זיך אָן מיט קליאַק... דער ווייגאָרטן גיסט זיך אָן מיט — שטאָניעבוּם.

:: :: ::

א טייל שרייבער פאַרנעמען זיך מיט אויסקערן דעם מענטש אַף דער לינקער זייט, — א מעטאָד פון וועלכן קיין „העלד" איז נאָך נישט אַרוים קיין לעבעדיקער !

:: :: ::

ווען וועט מען שוין אמאָל אויפהערן שרייבן אין אידיש „צעשויבערטע פון ווינט גריוועס", אָדער „די זייער באַקוועמע פאַר אים לאָגע" ?

:: :: ::

איך בין געוועזן אפן לאַנד אַף מיין וואַקאַץ (וואַקאַציע) און בין מיר געזעסן אונטער אַן אַקאַץ (אַקאַציע) האָט מיר איינער פון מיין נאַץ (נאַציע) דערלאַנגט א טאָג־בלאַט, אין וועלכן עס איז געווען בעפּיירעש געשריבן (אין „די נאָטיצן פון א לעזער און א שרייבער") „לויט אַ געוויסער פּראָפּאָרץ" . . .

אין אָנהויב האָב איך נישט פאַרשטאַנען אַקוראַט וואָס דאָס וואָרט פּראָפּאָרץ באַטייט. נאָר איך האָב מיך געכאַפּט אזוי ווי עס איז היינט א מאָדע בא אידן מאָל צו זיין ווערטער אַף די עלטערע

יאָרן, האָט מען מיסטאָמע דאָ אויך געמאַכט אַן אָפּעראַץ און אָפּגע־שניטן דעם „יע". פון פּראָפּאָרציע (וואָס איז ביכלאַל אַ גראָב וואָרט) איז געוואָרן... נו, איר ווייסט דאָך שוין.

איצט איז אַ קאַשע צי וועט דער לאָשען־ראַבים פון פּראָפּאָרץ זיין פּראָפּעריץ, צי פּראָפּערצן ? אבקש תשובה!

:: :: ::

די בעסטע זאַך צו לערנען זיך שרייבן איז זיך פּאַרצושטעלן, אַז מי דאַרף דאָס אָנגעשריבענע שיקן דורכן טעלעגראַף און סי קאָסט 5 סענט איבערצושיקן אַ וואָרט אין רעדאַקציע אַריין. אָנשטאָט זיך אָפּצומאַלן, אַז מ'איז אַ גרויסער שרייבער און מ'באַקומט 5 סענט פאַר יעדן אָנגעשריבענעם וואָרט, אנדערהאַלבן סענט פאַר אַ סעמיקאָלאָן, אַ פּעני פאַר אַ פּינטעלע.

:: :: ::

איך בין בייגעווען אַף בראָדוויי, באַ אַ טעאַטערשטיק, געשריבן פון צוויי אויטאָרן מיט אַמאָל.

איך האָב לאַנג געטראַכט צו וואָס מי האָט צו אַזאַ שטוס באַ־דאַרפט האָבן צוויי שרייבער, און איך בין געקומען צום שלוס, אַז איין מענטש אַליין וואָלט נישט געקענט זיין אַזאַ אידיאָט. עס האָט זיך געפאָדערט דאָצו צוויי מענטשלעכע געהירנס!

:: :: ::

עס וואָלט נישט געשאַט עס זאָלן זיין אין אידיש מער „שרייבערס מיט פידקאָוועס". איך מיין אַזוינע אַקשאָנעס וואָס שטייען טאָמער אַף די אייגענע פיס, און דער רעדאַקטאָר מוז שטענדיק צושטעלן אַ פידקאָווע צו זייערע אַרטיקלען.

איינער אַזאַ איז געווען דער פאַרביסענער, קורצזיכטיקער זייער־פּייאיגער מ. באַראַנאָוו.

ס'ראָוו אידישע שרייבער שטייען אַף די אייגענע פיס אַזוי שוואַך, אַז זיי רייבן קיינמאָל נישט אויס קיין שיך און קיין פידקאָוועס דאַרפן זיי אוואדע נישט.

:: :: ::

איך וויל טאַקע, אַז מי זאָל וויסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַז איך האָב נישט די מינצטע קאַוואָנע צו ווערן ווען־עס־איז אפילע אַ פעלדפעבעל פון דער רעוואָלוציע. פון אַ גענעראַל איז שוין אָפּגע־

רעדט. מיר וועלן שטענדיק, ווי איר קוקט אונדז אָן, זיין און בלייבן נישט מער ווי אַ פּראָסטער רויט־אַרמייער.

:: :: ::

ס'ראָוו מענטשן ווילן נישט עסן ווען זיי זענען הונגעריק, ווייל זיי האָבן מוירע, אַז זיי וועלן נישט קענען עסן שפּעטער ווען זיי וועלן נישט זיין הונגעריק.

אַ טייל שרייבער ווילן נישט אויסנוצן אַ געדאַנק איצט, ווען זיי דאַרפן אים האָבן, ווייל זיי האָבן מוירע, אַז זיי וועלן אים דאַרפן אַף שפּעטער, ווען זיי וועלן נישט וויסן וואָס צו טאָן מיט אים.

:: :: ::

איך האָב פאַראַכטאָגן געלייענט אין דער „פרייהייט" אַ פיינע דערציילונג פון אַ יונגן שרייבער און בשאָם־מאַיסע איז מיר איינגע־פאַלן, אַז ער שרייבט איבערזעצוּנגען.

איך מיין נישט, אַז ער נעמט ערגעץ זיינע טעמעס, אָדער אַפילע אַז ער איז באַאיינפלוּסט פון אַנדערע, נאָר אַז ער טראַכט אויס אי־בערזעצונגען.

:: :: ::

דאָס קאָן זיך אַמאָל נעמען דערפון, וואָס דער שרייבער האָט זיינע העלדן געגעבן פּרעמדע נעמען, זיי געלאָזט אויסלעבן־זיך אַף אַ הינטערגרונט, וואָס האָט אַ דייטשן אַקצענט.

און עס קאָן זיך אַמאָל אויך נעמען דאַפון, וואָס דער שרייבער איז אויפגעוואַקסן לעבן אידיש, אָבער נישט אין אידיש.

:: :: ::

ווען איך וואָלט געדאַרפט איבערזעצן מענדעלין אַף ענגליש, וואָלט איך אים איבערגעפּלאַנצט אין אַן אירלענדישער סוויווע, און גענוצט אירלענדישן דיאַלעקט.

הויך־ענגליש האָט קיין פאָרם נישט פאַר מענדעלין, אָבער איר־לענדיש — דאָס איז דאָך דער ענגלישער ליטוויש. די שפּראַך פון אָרעמקייט, געדולד, דריבנע מאַראַליזאַציע, ניכטערע האָפנונג, בלישט־שענדיקער סייכל.

אַז איך טראַכט פון די שפּראַך־קאַפּריזן פון אַלערליי לעשוינעס, קום איך צום שלוס, אַז פון אידיש לאָזט זיך צום בעסטן איבער־

זעצן אף פויליש. פון רוסיש — אף אידיש. פון ענגליש — אף פראַנצויזיש.

:: :: ::

איר זענט אַמאָל דורכגעפאָרן דורך אַ שטאָט וואו אַלע הייזער שטייען ליידיק און אין דערזעלבער צייט שטייען אַ מאַסע מוליאַרעס און בויען נייע הייזער מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ס'איז אַ שרעק?

אַזאַ געפיל האָב איך, אַז איך קום אַריין אין דער גרויסער שטאָטישער ביבליאָטעק אף דער 42טער גאַס, וואו מיליאָנען ביכער שטייען ליידיק, און אַ „מיליאָן" שרייבער זיצן און שרייבן נאָך ביכער.

:: :: ::

—„וואָס איילן זיך אַזוי די מוליאַרעס אין יענער שטאָט? און צו וואָס די נייע הייזער, אַז די אַלטע שטייען און פוסטעווען?"

— „אַך, איר זענט אַ נאַר. יענע הייזער האָבן טירן מיט מעטאַלענע הענטלעך. אונדזערע, די נייע, וועלן האָבן גלעזערנע הענטלעך".

:: :: ::

ווען אידן זאָלן האַלטן פון דעם מעקסיקאַנישן מינהאָג — אַ נאָמען צו גיבן מענטשן נאָך גאָט: („יעזוס מאַריע כוארעץ"), וואָלטן מיר פאַרגעשלאָגן לויט דעמזעלבן מוסטער איבערצומאַכן אַ פּאָר באַ־קאַנטע נעמען. לעמאָשל:

יעהאָוואַ עלאָקים ש. ניגער.
רבונו של עולם אב. קאהאַן.
אל נוקם ונוטר ש. יאַנאָווסקי.
אל רחום וחנון זשיטלאָווסקי.
שמע־ישראל ש. ראָזענפעלד", וכו'.

:: :: ::

אַן אייצע צו שרייבער:

אַז איר זענט נישט זיכער מיט עפּעס אַ וואָרט, גיט עס אין „גענזענפיסלעך". וועט איר בלייבן דער כאָבעם, נישט אייער קריטיקער.

אַז איר קענט נישט געפינען קיין אידיש וואָרט פאַר אַן ענגלישן, גיט דאָס ענגלישע וואָרט אין גענזנפיסלעך, וועט עס הייסן, אַז איר טוט עס אומיסנע. דאָס וועט אייך ראַטעווען. איר וועט קענען זאָגן „קעיטן־קראָמען", „סאַצענגווידען", וכו'.

:: :: ::

א באקאנטער מיינער פרעגט מיך: פארוואס מיין איך אז די פלישטים וועלן בעשום־אויפן ניט באזיגן די סאוועטן־מאכט?

— דאפאר, מיין טייערער, ווייל א ליכט־שטראל קען מען נישט איבערשניידן מיט קיין שווערד, ווי שארף און ווי לאנג און ווי מאכטיק די שווערד זאל נישט זיין!

:: :: ::

איך זיץ אין דער זון און איך פויל מיך אזוי צו שרייבן, ווי די זון פוילט זיך אונטערצוגיין.

ארום מיר איז גרין, זומערדיק און שטיל, אז איך הער מיין דויפעק קלאפן, נאר מיין פען וויינט מיט טינט. מ׳דארף איר ס׳נעזל אפווישן. אנטשולדיקט.

:: :: ::

אין קאפ איז שטיל, ווי אין א נעסט ווען די פייגל טאטע־מאמע פליען אוועק, און דאס קליינווארג בלייבט אליין מיט אפענע פיסקלעך צום הימל.

:: :: ::

„מאזל־טאוו!״,—מאכט ער—„א קאמוניסט און האט זיך גאר אין מיטנדרינען פארקוקט ווי פייגעלעך פליען, ווי וואלקנס בויען־זיך־אויף, ווי גראזן ציטערן!״

שרעקט זיך נישט, כאוויירים, ס׳איז נישט געפערלעך.

ווער זאגט עס דען, אז א קאמוניסט טאר נישט קוקן אפן הימל, טראכטן איבער די רעטענישן פון לעבן־און־טויט?

אלעם וואס מ׳קאן פארלאנגען פון רויטן־ארמייער אין מילכאמע־צייט איז, ער זאל האלטן זיין ביקס אין ארדנונג, זאל גיין אין טאקט, אזוי אז די גאנצע ארמיי זאל זיך נישט ארויסשלאגן פון ריטם, זאל גייען אהין וואו מי הייסט אים, אבער פארווערן אים צו קוקן בעשאס־מאיסע אפן הימל — דאס לייגט זיך נישט אפן סייכל.

:: :: ::

איך ווייס נישט: סי קאן זיין, אז ס׳איז אפילע נישט קיין זינד קעגן קאמוניסטישער דיסציפלין אף א רעיגע צו בלייבן שטיין און א מאך־טון: „אהה!״ ווען א שטערן פאלט פונם הימל, כאטש אין דעם בין איך שוין נישט זייער זיכער. ווארין סי קען זיין, אז אין דער רעיגע, וואס איר בלייבט שטיין און מאכט „אהה!״, זאל זיין גע־

װענדט צי איר װעט פריער פארכאפן א פאזיציע, צי דער סוינע.

:: :: ::

װי עס זענען דא אזױנע אידן, װאס זאגן, אז זײ זענען געװען אידן נאך פאר מאטאן־טוירע. אזוי געפינט איר צישן אונדזערע כאװײרים װאס װילן האבן, אז זײ זענען געװען מארקסיסטן נאךפאר קארל מארקסן . . .

:: :: ::

איך קאן מענטשן, װאס מאכן דעם אײנדרוק, אז זײ זענען גע־קומען אף דער װעלט װי א שװערער כױװ פון זײערע טאטע־מאמע, און איך קאן מענטשן װאס זעען־אויס, װי זײ װאלטן געקומען אין דער װעלט ארײן װי א לײכטער קאפריז פון א פארליבט פאר פאלק.

:: :: ::

די יונגע שרײבער, װאס הױבן־אן מיט „ארשפרײסן" די עלטערע, זענען װי יענע ציגײנער, װאס װארפן מיט א גרינג הארץ שטײנער אין אײערע פענצטער, װײל זײ װײסן, אז איר זײערע שױבן קענט נישט אויסשלאגן — זײ װאױנען דאך אף א לײדיק פעלד!

:: :: ::

א טײל שרײבער מאלן א לאנד מיט אזױנע רעקלאמישע פארבן, גלײך — זײ װאלטן עס געװאלט פארקױפען.

:: :: ::

די װאונדער פון ראדיא: דו רעדסט גלײכצײטיק ארײן אין נעכטן, הײנט און מארגן — געװענדט אין װעלכן טײל װעלט מי הערט דיך.

כ׳מיין...

א אידישער דיכטער, וואָס איז אַ שטיקל צייט געווען אַ „פּאַב־ליסיטי־אַגענט" (געדונגענער רעקלאַמיסט) פאַר אַ געוויסן כאַזן, האָט איינמאָל זיך צעזונגען וועגן אים (אין אַ רעקלאַמע), אַז ער איז דער גרעסטעסטעסטעסטער כאַזן אין דער גאַנצער וועלט און אומגעגנט.

אַז ער האָט דאָס איבערגעלייענט פאַרן כאַזן, האָט זיך יענער אויס־גערייניקט דעם „גאָלדענעם האַלז" זיינעם, זיך אַ גלעט־געטון דאָס האַריקע קמצ׳על זיינס אויף דער געמבע און אַ מאַך געטוען:

„איר געפעלט מיר, יונגערמאַן אַנדערע פּובליסיטי־אַגענטן האָבן אַ טעיווע, אַז זיי טרייבן־איבער, זענען מעגאַזעם, הייסט דאָס... איך האָב ליב, אַז מען זאָגט דעם עמעס — אפילע אין אַ רעקלאַמע!"

:: :: ::

א „פלאַנק־אַטאַק" איז אויף מיר געקומען (דורך אַ בריוול) פון אַ כאַווערטע, וואָס האָט צו מיר טאַינעס: לעמאַי מיש איך מיך אין קאַמפּזאַכן? לויט יענער כאַווערטעס מיינונג דאַרף איך מיך אָפּגעבן בלויז מיט „קונסט, ליטעראַטור, וכו", וועט זי מיך לעזן מיט אינ־טערעס, נאָר אין קאָמוניזם זאָל איך מיך נישט מישן.

איז וועגן דער טאַינע, אַז איך, אַ מיטאַרבעטער פון דער „פרייהייט", דאַרף מיך „בלויז אָפּגעבן מיט קונסט", מיין איך וועט אויך דער כאַווער רעדאַקטאָר צוגעבן, אַז מ׳פאַרלאַנגט פון קאָ־מוניסטישע שרייבער, אַז זיי זאָלן זיך דאַווקע מישן אין שטרייקס, און אין אַנדערע זאַכן, אויף וועלכע איר, מיין וואוילע כאַווערטע, האָט האַפּאָנעם אַ פּאַטענט . . .

והא ראיה: זעט די טאַינעס, וואָס מיר האָבן צו ה. לייוויק׳ן, בלויז דאַפאַר וואָס ער — מישט זיך נישט !)

:: :: ::

וואָס איז דער כילעק פון איינעם, וואָס איז אַ כאַזער, אַ פלישטי, און וויל פאַרזשעברען די גאַנצע וועלט, אוילעם־האַזע, ביז אַ צווייטן, וואָס איז אַ שוויין און טוט אַלדינג, וואָס סי פאַדערט זיך, קעדיי צו פאַרכאַפּן די גאַנצע וועלט אומשטערבלעכקייט — די גאַנצע וועלט אוילעם־האַבע ?

:: :: ::

קענן וואָס איז דאָס צו־רייד געקומען? — קענן דעם, וואָס אַ געווייסער שרייבער און אַ געווייסער קריטיקער זענען ווי צוויי מעל־קעדיקע ווייבער, וואָס שטופּן זיך קעסיידער איינס ס׳אַנדערע די ציצן אין מויל אַריין...

:: :: ::

ליטעראַטור — ווי קימאַט יעדער אַנדערע קונסט — באַשטייט אין דעם וואָס מי נעמט צייט שטאָף און מי מאַכט דאַפון זאַכ־שטאָף.

אַ צווייטער (דינערער) מין פון ליטעראַטור ווערט באַשאַפן דורך דער קונסט אויפצולעזן צייט אין רוים — פּאַר־רוימן צייט.

קלויבט זיך אויס אייער שרייבער: אָדער צישן די, וואָס נאָג־לען־צו די שאָטנס צו דר׳ערד, אָדער צישן יענע וואָס גאַנווענען אימ־גאַנצן אַוועק די שאָטנס פון דער ערד!

:: :: ::

זיי זאָגן: „יסורים, פּיין״.

אַוואַדע איז דאָס אַריינקוקן טיף־אין־זיך פאַרבונדן מיט גרויס צער. נאָר וואָדען? עס איז אַ בילעך צישן דאָסטאָיעווסקי׳ס פּיי־ניגן זיך און צישן קאַלעגע גימל׳ס פּייניגן זיך.

עס איז די מאַיסע מיט די צוויי כאַסידעם, וואָס זענען געקומען צום רעבין ער זאָל זיי זאָגן ווי אַזוי טשואווע צו טון אָף זייערע זינד. האָט זיי דער רעבי געהייסן אַ וואָך דורכאַנאַנד טראָגן אַרבעס אין די שיך.

אין אַ וואָך אַרום טרעפן זיך די ביידע טשואווע־טוערס:

איינער הינקט, נעבעך, אָף ביידע פיס, איז גרין און געל—קוים וואָס ער לעבט. דער אַנדערער האָט רויטע בעקלעך, דרייט מיטן שטעקעלע, שמייכעלט:

— נו?

— נו!

— דו האָסט נישט אַריינגעלייגט קיין אַרבעס אין די שיך?

— אַריינגעלייגט.

— ס׳פּאַרוואָסזשע בין איך אַזוי גרין־און־געל און דו נישט?

— שויטע! דער רעבי האָט דען געזאָגט וואָסערע אַרבעס מ׳זאָל אַריינלייגן אין די שיך? איך האָב אין מיינע שיך אַריינגע־לייגט אָפּגעקאָכטע אַרבעס . . .

:: :: ::

דער נימשעל איז: איין שרייבער פּייניגט זיך מיט די „אַרבעס" דער אַנדערער קאָכט זיי אָפּ און — עסט זיי אויף!

:: :: ::

צו די וואָס קייען אונדזער קולטור־אַרבעס:

ניין, אַדויניםלעך. מיר וועלן מיט אייך נישט גייען „דורך פלאַטבוש קיין מאָסקווע". מיר האָבן אַ נעגטערן וועג. און אַ גליי־כערן — אייער וועג איז שוין קרום דאַפאַר, וואָס איר אַליין זענט קרום.

ביכלאַל גייען מיר נישט מיט אונדזערע סאָנים אַפילו ווען זיי גייען זיך בלויז אויסשנייצן די נעז... מיר האָבן קיין צייט נישט פאַר קיין אומשולדיקע עקסקורסיעס. „קונסט" איז ניט קראַנק צו האַלטן אַ פעבלדיקע שווערד אין דער האַנט. אויב אייער „קולטור" איז אַזוי אויוועך-באַטל, אַז מער ווי בליאַבען ליפּעווע טיי און רעדן שיינע ריי־דעלעך קען זי נישט, דאַנקען מיר זייער שיין.

:: :: ::

אויב איר זענט אַ באַלן צו גיין אַף אונדזער וועג (אַפילו ווען נישט אימגאַנצען מיט אונדז), וועלן מיר אייך מיטנעמען און האַלטן אַף אייך אַן אויג... אָבער מיר מיט אייך וועלן קיינמאָל נישט גיין. מיר וועלן פון אונדזער אָנגעצייכנטן שליאַך נישט אַראָפּ. דאָס זאָלט איר וויסן!

:: :: ::

אונזער לאָזונג אין באַצוג צו דעם אינטעליגענטן מיטגייער:
כבדהו וחשדהו...
(אויף ענגליש: Respect 'em and suspect 'em)

:: :: ::

די אַמאָליקע מענער־מאָדע צו טראָגן פּאַרוקן איבער די אייגענע האָר איז היינט צום לעבן געקומען אין דער אַמעריקאַנישער ליטעראַ־טור: ס'ראָוו איצטיקע שריפטשטעלער (פון טהאָרנטאָן ווילדער ביז ראַדקליף האָל) טראָגן שייטלען אַף די אייגענע קעפּ. אָף די שייטלען — ווייסער פּודער. אָף דעם פּודער — גאָלד־שטויב.

...און אונטער די שייטלען? פּלישטימדיקע אומפּליט, אומ־צוכט. דער קאָפּ איז פּאַרדעקט. דער קאָפּ וויאַנעט אונטער „קינסט־לערישע" פּאַרוקן.

:: :: ::

...איך האָב געהערט אַ פּראָסטע אידענע זאָגן וועגן אַ געוויסער פּויערטע:

„זי איז געווען אַזאַ געפּערלעכע שעלטערקע, אַז פייגל פלעגן אויסמיידן איר פעלד."

:: :: ::

אַף דעם שלום־עליכם יאָרצייט, האָט כאַווער אָלגין געפּריפט גיבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס מיר קאָמוניסטן האַלטן הויך דעם אָנדענק פון אונדזער גרויסן קלאַסיקער, שלום־עליכם. עס איז דערפאַר — האָט ער געזאָגט — ווייל שלום־עליכמ'ס „טוביה", „פּעפּערל" און אַנדערע זענען אונדזערע מענטשן. ווייל (האָט כאַווער אָלגין געזאָגט), אויב ש"ע אַליין איז עפּשער נישט געווען זייער נאָענט צו אונדז, איז אָבער זיין מענטשן־מאַטעריאַל געקומען פון אונדזערע רייען.

ווייס איך נישט כ'לעבן, צו וואָס מ'דאַרף האָבן די אַלע פאַרענטפערונגען. די זאַך איז דאָך זייער פּאָשעט: אַז די באָלשעוויקעס פאַרכאַפּן ערגעץ די מאַכט, נעמען זיי צומערשטן צו די פּאַלאַצן. מיט די קליינע און שאָקלדיקע כאַטעס — האָט מען צייט שפּעטער.

מיט דער קונסט איז אויך אַזוי: מיר האָבן פאַרכאַפּט שלום־עליכמ'ען, ווייל ער איז אַ גראַנדיעזער פּאַלאַץ. אי וואָס אין אַ געוויסן ווינקל פון דעם (אָדער יענעם) פאַרכאַפּטן פּאַלאַץ געפינט זיך אַביסל מאָיל, אָדער אַפילע שימל? — נו, עפענען־מיר אויף די פענצטער, לופטערן־דורך! געפינען מיר אַ שטיקל מעבל, וואָס איז פול מיט וואַנצן, אַזוי, אַז מי קען עס נישט ראַטעווען, איז נעמען מיר עס אַרויס אין דרויסן אַרוים און מיר לייגן צו אַ שוועבעלע.

שלום־עליכעם (און מענדעלע און פּרץ און גאָלדפאַדען) זענען אונדזערע דאַפאַר, ווייל אַלע אויצרעס פון דער וועלט זענען אונדזערע! וואָס גרעסער דער אויצער, אַלץ מער קערן מיר זיך אָן מיט אים, און ער מיט אונדז.

:: :: ::

אַף דעם שטיקל נייעס, אַז די צאָל פון די פּאָעזיע־לעזערס האָט זיך די לעצטע צייט פאַרטאָפּלט, באַמערקט אַ קלוגער לעזער:

„עס ווייזט אויס, אַז אונדזערע פּאָעטן האָבן די לעצטע צייט זיך גענומען — כאַסענע האָבן."

... און וועגן באַריישע׳ן אויך

„אַט דאָס איז עס?"

יאָ, דאָס איז עס. וועגן דעם בוך האָט מען געהערט עס האָט א סקאַנדאַליעזן נאָמען. עס מוז זיין אינטערעסאַנט. דאָס דינע ער־לעכע בוך הערט קיינער נישט. עס ליגט אין דער זייט. צופעליק גיט מען עס א טאַפּ. א מיש ס׳ערשטע בלעטל. א בליק אַפּן פּאַנים. עס האָט קיין ביינ־גריבלעך ניט. קיין דראַמאַטישן פּוץ. א שטיל א באַשיידן בוך אין פּראָסטע קליידער. ווער הערט עס? ווער דאַרף עס?

די שרייענדיקע, די „בלישטשנדיקע" האָבן אַף זיך אַלעמענס אויגן. זיי קריכן אין אויג אריין. זעצן זיך אָן ווי א בעלמע. מ׳זעט אַז ס׳איז א בעלמע. מ׳זעט בלויז: עפּעס איז נישט קלאָר אין דער וועלט...

:: :: ::

א לעזער שיקט אונדז צו השערות, אַז (1) דאָס ענגלישע וואָרט „News" (נייעס) נעמט זיך פון די ראשי־תיבות איסט, וועסט, נאָרט, סאוטה, אַלע עקן וועלט — פון וואַנעט נייעס ווערן געזאַמלט און (2) דאָס וואָרט „אדאם" (אָדם, מענטש) נעמט זיך אויך פון זעלבן שוירעש — נאָר אַף גריכיש: די איניציאַלן פון „אדאם", שרייבט אונדזער לעזער, איז: אַרקטאָס (צפון), דוסים (מערב)׳ אַנאַטאָלע (מזרח) און מעזעמבריא (דרום).

:: :: ::

אַז מיר האַלטן שוין בא רייזען׳ען און בא ליטעראַטור ווילן מיר אייך אָנזאָגן א בסורע" (מיר שרייבן די־א ווערטער מאָנטאָג 23 טעג אינם יוני־כוידעש), אַז מאַני לייב דער „דיכטער וואָס האַלט ריין זיין פּען ווי גאָלד" האָט סאַף־קאָל־סאַף איבערגע־ענטפערט זיינע ליטעראַרישע „פּסולים" — דעם אַלפּאַנז וואָס הייסט מיסטער פאָרווערטס.

:: :: ::

אַז מנחם־באַריישע וועט אויך קריגן זיין ראַסלפלייש באַם „געלן פעטער פון אַמעריקע", וועט זיך דער פאָרווערטס מעגן באַרי־מען, אַז בא אים הערט מען דאָס לעצטע ליטעראַריש־וואָרט, פון די סאַמע לעצטע־שבלעצטע שרייבער.

:: :: ::

איז שוין א כידעש, וואס דער ארבעטער האט צום שרייבער און צום אינטעליגענט אזוי ווייניק צוטרוי?

„גאטפארדאמזיי" אלע — די ראסל־פלײשניקעס, די מוילמא־כערס, די באשאפער פון איידעלע פראזנשפיצן, וואס זענען ווי די קרוזעשוועקעס אף די אונטערהויזן פון ביליגע זוינעס.

:: :: ::

אקעגן אונדזערע „אטלעסענע פעדים":

א פאדים האט בלויז דעמאלט א ווערט, ווען ער איז איינגעוועבט אין א געוועב. א פאדים, וואס שטעקט ארויס פונם (סאציאלן) געוועב, איז א דיסאנאנס. אזא פאדים דארף מען אפשניידן—ווען ער זאל זיין אפילע פון גינגאלד. אזא פאדים איז פונם ריטם ארויס, מ'דארף אים איבערענפערן צו דעם עקס־צייכן פון אונדזער אפענער שער.

:: :: ::

דער פענונביקסלער האט פאראכטאגן זונטאג געכאפט א בליק אין ש. ניגערס „נאטיצן פון א לעזער און שרייבער", האט ער דארטן געלייענט:

„אויב איינער פילט קעגן א שריפטשטעלער א טיפע פער־זענלעכע פארביטערונג, איז די גלייכסטע זאך אפצוהאלטן זיך א געוויסע צייט פון שרייבן אדער רעדן וועגן אים און זיינע ווערק. און ניט ווייל ער דארף מוירע־האבן, טאמער וועט ער פארפירט ווערן און ניט דערשאצן זיין ווערט. נאר, פארקערט, ווייל ער קאן פארפירט ווערן פון דעם יעיצער־הארע צו שרייבן אדער רעדן וועגן אים — צו־גוט".

:: :: ::

דאס טאמעוואטע מעלאמעדל מאכט זיך פרום ווי א פלוי אף א פארויכעס. איר פארשטייט? ער האלט זיך אפ פון שרייבן וועגן איינעם, וואס ער האט פיינט, נישט כאלילע פון שלעכטסקייט (זאל דער אויבערשטער אפהיטן!) נאר... מאכמעס ער האט מוירע, אז ער קען נאך (פון גרוים סינע) שרייבן וועגן אים צו גוט.

:: :: ::

לויט דערזעלבער לאגיק קומט אויס, אז מר. ניגער וואלט זיך אויך באדארפט „אפהאלטן א געוויסע צייט" פון שרייבן וועגן זיינע

פערזענלעכע פריינט, מאכמעס ער קען נאך כאלילע וועגן זיי שרייבן „צו שלעכט". פונדעסטוועגן איז דעם פענונביקסלער נישט באקאנט קיין איין פאל, וואו מר. ש. נ. זאל נישט האבן געשריבן וועגן די, מיט וועלכע ער האט זיך געקושט אין די פיסקלעך — ווי, לעמאשל: ל. קאברין, יהואש, ליעסין און אזוי ווייטער. אונדז געדיינקט זיך אויך נישט, אז דאס הייליקע מעלאמעדל זאל געווען האבן געשריבן „צו שלעכט" וועגן זיי. עפשער געדיינקט איר?

:: :: ::

דאס איז גאר א שפאגל-נייע פילאזאפיע: וועגן אזוינע, וואס מ'האט נישט ליב, טאר מען נישט שרייבן, ווייל מ'קען וועגן זיי כאלי-לע שרייבן „צו גוט". וועגן אזוינע, וואס מ'האט ליב, טאר מען נישט שרייבן ווייל מ'קאן נאך וועגן זיי שרייבן „צו שלעכט". שרייבן, הייסט דאס, מעג מען בלויז וועגן אזוינע, וואס מ'האט נישט פיינט און נישט ליב, דעמאלט קען מען זיך היטן די „קריטישע ערע" אז מען האט נישט ליב און נישט פיינט, שרייבט מען נישט צו גוט און נישט צו שלעכט, מ'שמעקט נישט און מ'שטינקט נישט.

:: :: ::

דאס „הייליקע מעלאמעדל" טראגט זיך אום מיט דער „גאולה" אין ביידע הענט, גלאצט מיט די אויגן, טאלעפעט מיט דער צונג, מאכט אלערליי כוילע-נויפלדיקע שטיק — קעדיי מ'זאל מיינען, אז ער טראגט משיח'ן, און דאס קוויטל-געלט זאל זיך הויבן.

:: :: ::

פלוצים און מיטאמאל און נאט אייך: קאשערע אידן האלטן פון גאנדים שיטע: זיך נישט קעגנשטעלן מעקדאנאלדס פאגראמ-טשיקעס.

ערשט נעכטן, אויב איר געדיינקט, האבן די „קאשערע אידן" געשריגן געוואלד: „סטייטש, מ'שעכט אידן, און זיי גיבן נישט קיין ריר מיט א פינגער זיך צו פארטיידיקן". ערשט נעכטן, אויב איר געדיינקט, האבן די פרוגס מיט די ביאליקס מיט די אש'ס געפינעט מיט די מיילער: „איר זענט מייז, מייז! איר באהאלט זיך אין די קעלער-לעכער, איר קריכט אף די בוידעמער. איר שטעלט זיך ניט אנטקעגן דעם סוינע. ווילט איר דען, אז די וועלט זאל פאר אייך דערעך-ערעץ האבן?"

אט דאס איז געווען די פראזן-פיגורע, וואס די הויפט-נביאים

האָבן געטאַנצט בעשאַס די קעשענעווער פּאָגראָמען.

אַלע אידישע שרייבער האָבן געוועקט צו „קידעש האַשעם נישט מיט ווערטער און קאַוואָנעס, נאָר מיט אייזן און שטיין, מיט די ציין און מיט די פויסטען, מיט די נעגל און מיט גאַל, מיט שפּייעכץ און מיט סאַם".

אַד־יאָ, אַף פרעמדע קעשענעס איז מען אַ מילדער מעכוטן. אויף אינדיש בלוט איז מען מילד און — פּאַציפיסטיש. עמעס טאַקע „מיר־אידן" טאָרן זיך נישט לאָזן אויסשעכטן ווי די שאָף. מיר דאַרפן זיך ווערן. אַז נישט וועלן קומען אונדזערע פייוור־ענד־טען־סענטס־נעוויאים און אונדז שיטן זאַלץ אַף די וואונדן, אונדז אָנרופן מיט די ערגסטע נעמען, אונדז באַשפּייען מיט טויזנט טעפּ טינט. אָבער אַז מעקדאָנאַלדס פּאָגראָמטשיקעס שעכטן די אינדיער הונ־דערטערוויז, איז... האַלטן מיר מיט ר' גאַנדין. אַז ס'איז שוין אַזוי, און אַדראַבע, וואָס מער מ'שניידט דיר דעם האַלז, אַלץ מער „דזשענ־טעלמאַן" דאַרפסטו זיין און זאָגן „טהענק־יו"...

וואו זענען די ראָסלפּליש־שרייבער, וואָס זאָלן (אין די טעג פון די פּאָגראָמען אויף אידן) האָבן געקלאַפּט בראַוואָ די נארישע שאָף, וואָס זענען אַרויפגעלאָפן מיט די העלזער גלייך אַפן שויכעטס כאַלעף און אים איינגעשפּאָרט אַרבעט?

:: :: ::

געלייענט מיסטער קאַוועקייער'ס גלאַנצענדיק ליד?

— געלייענט.

— פול מיט אומעט, אַ־יאָ? און מיט פאַרצווייפלונג — אַ־יאָ? ס'איז שרעקלעך, האַ?

— ניין, ס'איז גאָר נישט שרעקלעך.

— פאַרוואָס?

איך האָב מיר אַ קלאָל, אַז אויב אַ מענטש פּוצט זיך אויס די שיך איידער ער לויפט אַוועק צום טייך זיך טרענקען איז אַ סימען אַז... ער איז אָלרייט און אַז ער וועט בלייבן לעבן.

— לייקנט איר, הייסט דאָס, אָפּ, אַז קאַוועקייער'ס לידער זענען פול מיט פּיין און מיט שרעק.

— ניין. נאָר מיר ווייגען נישט דאַפון. דאָס איז אַ ביליג אַי־דיש־טעאַטער מיטל: דו ווילסט, אַז דער „קאַסטימער" זאָל וויינען? — שנייץ דיר אַליין די נאָז, און פּליוכע מיט טרערן. אונדזער איי־נעם קומט דאָס פאָר קאָמיש... אַז איינער זאָגט אין אַ ליד „איך בין אַ גרויסער דיכטער", האָט ער אונדז נאָך ווייט נישט איבערצייגט, אַז

ער איז אַ גרויסער דיכטער. און אַז איינער שרייבט קעסיידער פון טויט, הייסט דאָס נאָך נישט — אַז ער זוכט נישט צו מאַכן קיין לעבן פון שרייבן.

:: :: ::

זע! אַ פולער הילצערנער קאַסטן אָפּגעפּאַרבט אַף אייזנקאָליר. דער פאַרבער זאָגט. „ווער אייזן — דו האָלץ!" דאָס עגאָאיסטישע האָלץ לאָזט זיך איינרעדן און ווערט... אייזן.

דאָס דאָזיקע אייזן וואָס קאָן נאָר אָפּנאַרן דאָס אויג, קאָן אָבער נישט אָפּנאַרן דאָס פייער.

:: :: ::

דאָס צאַדיקל אין פעלץ, א. רייזען, איז געגליכן צו דער „שאָטל-טרעין" (פאַרבינד-באַן) צישן דער צווייטער און דריטער עווע-ניו על, בא דער 42טער גאַס.

לויפט, פייפט, טשאַדעט, מיינט מי־יעדייע וויפיל מיילן עס מאַכט. אָבער מער ווי צישן אַ קורצן, נודנעם, שטויביקן אהער־און־אהין באַוועגט זיך עס נישט.

טעאַטערײ

איך האָב מיר אַ שטיקל סימען ווי אַזוי צו דערקענען אַ גרויסן שוישפּילער פון אַ מיטלמעסיקן:

דער גרויסער (לעבעדיקער) שוישפּילער וואָס לענגער ער שפּילט אַ ראָלע, אַלץ שוואַכער שפּילט ער זי. דאָס איז אַ פּאַשעטער פּראָצעס פון אויסברענען זיך.

דער מיטלמעסיקער (מעכאַנישער) אַקטיאָר, וואָס לענגער ער שפּילט אַ ראָלע, אַלץ בעסער שפּילט ער זי. ער איז ווי אַ שטיין, וואָס אַז מען (דער רעזשיסאָר) גיט אים נאָר אַ שטופּ באַרג אַראָפּ, קייקלט ער זיך און ווערט וואָס אַ מינוט שווערער, וויכטיקער.

:: :: ::

זיטאַ יאָהאַן אין דער פּיעסע „מעקינאַל" (מאַשינאַל), איר האָט נאָך אַזאַ אַקטריסע נישט געזען.

אַזאַ מוזיקאַלישן קערפּער! אַזאַ רייכן וואָקאַבולאַר פון שווייגן!

איר פּאָנים פאַרמאָגט העכער אַ מיליאָן ווערטער און איז רייכער ווי וועבסטערס נישט־געקירצטער ווערטערבוך.

איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז די שוישפּיל־קונסט האָט דריי מאַדרייגעס: 1) רעדן; 2) הערן; 3) שווייגן. זיטאַ יאָהאַן (אין דער סצענע ווען איר „באַביט" לייענט ס'בלאַט צייטונג) שווייגט העכער דריי מינוטן.

אַזוי הערלעך שווייגן האָב איך נאָך אַף קיין שום בינע נישט געהערט.

:: :: ::

אין אַ געוויסער פּיעסע אין אַ אידישן טעאַטער איז דאָ אַ סצענע, וואו די העלדיכע דאַרף נוצן אַ נאָדל־פאָדים אַף צו פאַרנייען אַ קנעפּל. וואָס, מיינט איר, טוט זי? אַ גרויסע אַקטריסע וואָלט, פאַרשטייט זיך, גאָר קיין נאָדל־פאָדים נישט גענוצט. אַ קלוגע אַק־טריצע וואָלט גענוצט זייער אַ דינע נאָדל מיט ווייסן פאָדים, קעדיי אָפּצונאַרן דעם עולעם, מ'זאָל מיינען, אַז זי נייט מיט די הוילע הענט. אָבער אונדזער שוישפּילערין האָט גענוצט אַ גראָבע נאָדל, מיט שוואַרצן פאָדים!

:: :: ::

. . . דערמאָנט זיך:
מיט יאָרן קריק האָב איך אין אַ אידיש טעאַטער געזען ווי דער „ליבהאָבער״ גייט אַרום אויף דער סצענע מיט אַ ווייס־פאַרוויקלטן פינגער.
דאָס האָט מיך אַזוי נערוועזיש געמאַכט, אַז איך האָב געמוזט אַרויסגיין הינטער די קוליסן און אויסמוסערן דעם אַקטיאָר.
„אָבער וואָס זאָל איך טוען״, האָט ער געזאָגט, „אַז איך האָב פאָרט אַ קראַנקן פינגער?״
„בעהיימעניק״, האָב איך אים געענטפערט, „ווער זאָגט דען, אַז דו טאָרסט נישט האָבן קיין קראַנקן פינגער? נאָר וואָדען, אויף דער בינע איז דער פינגער נישט דיינער. ער קער צו דעם העלד וואָס דו שפּילסט ער קער צו דער פּיעסע. אַפילו האַמלעט מעג האָבן אַ זאַניטיצע. נישט מער: ער איז מעכויעוו אונדז צו זאָגן פונוואַנעט זיין קראַנקער פינגער האָט זיך צו אים גענומען. אַז דו וועסט קריק אַרויפגיין אויף דער בינע זאָלסטו טאַקע באַמערקן, אַז דו האָסט דיר פאַרשטאָכן אַ פינגער. דאָס וועט זיך אַריינפּאַסן אין יעדן טייל פונם טעקסט פון דער פּיעסע און דיין פינגער וועט אויפ־הערן צו באַאומרואיקן״.

:: :: ::

מאָריס שוואַרץ שרייבט שוין אויך אין „פאָרווערטס״. ער שרייבט פון „זיין״ אידישן יאַם אין קוני־איילאַנד, וועגן קליינע קינ־דער, וואָס ער האָט אַזוי ליב... וועגן זיין „ערשטער קלאַס״ רייזע, וועגן די „אידן זיינע״ אין אַרגענטינע, וואָס האָבן אָנגעגרייט פאַר אים אַ באַרג מיט לאָקשן־קוגלען.
יאָ, נאָכדעם ווי מאָריס שוואַרצ׳ס „סטאָקס״ האָבן אָפּגעקראַכט אויף דער קינסטלערישער בערזשע פון בראָדוויי, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער קאָן אָן אידיש טעאַטער נישט לעבן...

:: :: ::

דאָס דערמאָנט אונדז, אַז באָריס טאָמאַשעווסקי האָט אין די שמאָלע יאָרן פון זיין לעבן אויך געשריבן אין „פאָרווערטס״, אויך געשפּילט אין וואָדעוויל; אויך געפאָרן קיין אויסלאַנד, און איצט הערן מיר, אַז... מ׳האָט שוין אַ לאַנגע צייט נישט געהערט פון אים, פון טאָמאַשעווסקי׳ן.

:: :: ::

אין אונדזער אייגענער „מאָרגן־פרייהייט״ האָבן מיר פאַראַכטאָגן שאַבעס געלייענט אַ „צעכלעבעץ״ איבער אַ בסילע, נעלי קעסמאַן. דער צעכלעבעץ, אין געשטאַלט פון אַ רעקלאַמע, האָט אין זיך געטראָגן די „הייליקע אונטערשריפטן״ פון אַסאַך וואַרשעווער אידישע שרייבער. די־יעניקע שרייבער, וואָס זענען זייער מפורצעם ביי אידן, לאָזן וויסן דער וועלט, אַז האשה מרת נעלי „דערמאָנט אָן די פּלאַסטישע ליסטונגען״... פון — — . דער ליטעראַט מלך ראַוויטש וויל אַפילע האָבן, אַז עס וואָלט געווען אַ גרויסער קאָוועד פאַר דער אידישער ליטעראַטור, ווען די „הינטער־קוליסן״ פון (נע־לי׳ס) טעאַטער זאָלן זיך אַביסל מער פאַראינטערעסירן מיט דער אידישע ליטעראַטור... און אַזוי ווייטער און ווייטער און ווייטער.

:: :: ::

ששט! אידישע אַקטריצעס, בויגט־צו אַן אויער; מיר וועלן אייך אויסזאָגן אַ סאָד:

אויב עס קאָנווינירט אייך נישט אויסצוגעבן די נויטיקע פּאָר דאָלאַרן אָף צו איבערציינגן די איסט־בראָדווייער קריטיקער, אַז איר זענט פּלאַסטיש און אַזוי ווייטער, טאָ פאָרט אַוועק קיין וואַרשע. דאָרט מאַכט מען עס אַסאַך ביליקער און שנעלער.

קונסט לשם קונסט!... איר וואָלט באַדאַרפט זען, ווי די וואַר־שעווער ליטעראַטן רעדן בלויז מיט „גאָט״, און איידער זיי שרייבן־אָן אַ לידל, שלינגען זיי איין אַ ריין האַנטוך און שלעפּן עס אַרויס דורך דער אַנדערער זייט, קעדיי צו רייניקן די אינגעווייד. איר וואָלט באַדאַרפט זען, וואָס סיטיצאַך אַביסל, אַז פּלוני בן פּלוני ווערט „באַפּ־רוכטעט״ מיט אַן אידייע... ווי מ׳פּאַטשט די פרישגעבוירענע „גייס־טיקע קינדערלעך״ אין די טעביסלעך, ווי אין אַ פּויק אַריין, אַז אַלע זאָלן זיך צעגויפּלויפּן. און פּאַרקערט־זשע, ווידער, האָט איר באַ־דאַרפט זען, ווי מ׳עפּנט־אויף אַ לאַנג, שמאָל, פּאַרדאַרט טייסטערל, מיט אַ פּאַרזשאַווערט קנאַק־שלעסל, און ווי מ׳וואַרפט אַריין צוויי קאָ־שערע, מאָגערע, ציטערדיקע פינגער און מ׳שלעפּט פון דאָרטן אַרויס אַ גראָשנדל און מ׳האַלט עס לעבן אויג און מ׳לייגט צו ס׳טייסטערל צום אויער און מ׳גיט אַ קנאַק מיט די שלעסלעך. איר וואָלט באַ־דאַרפט זען, ווי פּילסודסקי׳ס אידישע ליטעראַטן באַפּאַלן אַ שטיקל ראָסלפלייש, — די ערגסטע פליגן סאָף־זומער זענען נאָך קיינמאָל אַזוי נישט באַפּאַלן אַן אָפּטריט!

:: :: ::

איך האָב געהערט אין אַ אידיש טעאַטער ווי איינער האָט געזאָגט צום אַנדערן:

„סאַ גודנע שטיק — אַ כאַלאַשעס. אויב די קריטיק וועט כאָטש זאָגן, אַז ס'איז אַלרייט — איז אַלרייט, אויב נישט — וועלן זיי מיר שוין זען דאָ אין טעאַטער, ווי זיי זעען די אויערן!

:: :: ::

לודוויג זאַץ.

איך האָב נישט קיין מוירע געהאַט צו זאָגן מיט יאָרן קריק, ווען קיינער האָט נאָך זיין נאָמען נישט געהערט, אַז ער איז אַ גרעסערער קאָמיקער פון מאָגולעסקאָן.

און איך האָב נישט קיין מוירע צו זאָגן היינט, אַז ער איז אַן ערגערער קאָמעדיאַנט פון...

הומאָר מוז באַלייכטערט ווערן דורך עפּעס, קעדיי צו זיין דורכ־זעכטיק, קרישטאַליק.

ווייזן מענטשלעכע וואונדן איז אַ גרויסע זאַך, ווען דאָס ווערט געטאָן מיט דער קאַוואָנע צו היילן!

הומאָריסטן, וואָס האָבן ניט קיין כוש פאַר דעם טרויער פון אונדזער לעבן, האָבן אָבער אַמאָל פערזענלעכן צאַר און טרויער — דאָס קויפט זיי אוים.

לודוויג זאַץ, אַ קראַנקער, מעלאַנכאָלישער מענטש, וואָס שפּילט „זיידאַלעך" אין הירשביינס פּיעסן, איז געוועזן אַ גרויסער טאַלאַנט.

דער זאַטער, באַרימערישער, פּוסטער — לודוויג זאַץ איז אַ . . . ביליקער, שלעכטער, קאָמעדיאַנט.

:: :: ::

די „ניו־פלעיריטס"? דאָס איז דער לינקער פליגל אַף ענגליש.

פאַראַיאָרן האָט איר געזען דאָרטן אַזאַ פיינעם שפּיל ווי „בעלט" (אביסל פּערקלעקט אין לעצטן אַקט), היינטיקס יאָר האָבן זיי אָנגעהויבן מיט אַפּטאָן סינקלעירס „סינגינג דזשייל־בוירדס" (פּריי־לעכע בריגידניקעס" וואָלט מען עס פאַרטייטשט אין לעמבערג).

צוליב דעם, וואָס די בינע פון „פּראָווינסטאַון פּלייערס" אין מאַקדוגאַל סטריט איז אַזוי קליין, זענען די מאַסנסצענעס געבליבן ווי אַ שיינע, נאָר צענויפגעוויקלטע פאָן.

:: :: ::

אַ לעזער וויל וויסן: צי איז דער מערצאָל פון „קאָרק" — קערק,

אזוי ווי אין בארג (בערג), און צי איז דער לאָשן־יאַכיד פון „קנאַכן״ — קנאָך.

איך וויים נישט וואָס צו ענטפערן, כ׳לעבן. „אין קישן באַ־האַלט איך מיין פּאָנים״ פון — בושע.

:: :: ::

„מאַמיר״ געהערט א. גלאַנץ׳ן אף דעם „טאָגס״ „אידישע שטונדע״. ער האָט גערעדט וועגן אידישן טע־יאַה־טער. מיט אזא פּעט באַלעקעניש איבער דעם טע־יאַהטער, אז איך האָב שיר באַקומען די יאַם־קראַנקהייט —.

צישן „בראַנפמאַנס וואָרשט״ און „אַקיידעס־איציק״ האָט דער איידעלער, בלאָנדער „יונגערמאַן״ („יעזוסל קוואַלוואַסער״) גערעדט וועגן אידישן גייסט, אידישער קונסט און אידיש טע־יאַהטער.

מיר זענען געשטאַנען (אין „קעמפּ ניטגעדייגעט״) ארום דעם ראַדיאָ־מאַשינדל, זיך איינגעהערט, ווי ער קלינגט מיט זיין גלאָט צינגל אין . . . באָד אריין, אין טע־יאַהטער אריין, און מיר האָבן זיך דערמאָנט אָן יעקב גאָרדינס ווערטל, אז א מענטש קען זיצן אף 100 דאָלאַר א וואָך, אָבער 100 דאָלאַר א וואָך קענען נישט —״ וכ״ו.

:: :: ::

אין זיין פירוואָרט צו „מאַדמואַזעל דע מאָפּין״ רעדט טעאָפילע גאָטיע וועגן קריטיקער, וואָס זייערע פּענשפּיצן זענען „ווי שנאָבלען פון שווארצע קראָען״, וואָס פּיקן אין לעבעדיקע הערצער. —

ער זאָגט:

דאָס ווידער־געפיל פונם קריטיקער צום שרייבער איז זייער נאַטירלעך. עס איז דאָס געפיל פון דעם וואָס באַשאַפט עפּעס צו דעם וואָס באַשאַפט גאָרנישט; פון דעם זשומער צו דער בין...

א קריטיקער (זאָגט גאָטיע) איז ווי א „הייליקער, קריסטלעכער טאַטע״, וואָס פאַרפירט אייער פרוי, און אַליין האָט ער קיין פרוי נישט איר זאָלט זי קענען פאַרפירן.

עס איז (זאָגט ווייטער גאָטיע) מאַיסע־כויזעק צו טראַכטן, אז איינער, וואָס באַשרייבט בלויז ערלעכע און קאָשערע מענטשן איז אַליין א צאַדיק־אין־פּעלץ, און אז דער וואָס באַשרייבט מענטשלעכע פאַרדאָרבנקייט איז אַליין א פאַרדאָרבערנער מענטש.

:: :: ::

איך האָב אייך שוין אמאָל דערציילט דעם אנעקדאָט וועגן דעם

יונגגענמאַן, וואָס האָט זיך געלערנט פון שילדקרויטן „שפּילן טעאַטער", און גאָר צום ערשטן האָט ער געפּרופט נאָכמאַכן זיין הייזעריקייט.

די צאָרע מיט אונדזער אידישער פּראָלעטקונסט דאָ־הי איז, וואָס מיר טוען נאָך סאָוועט־רוסלאַנד אין אַלדינגס, אפילו אין די פּראָטים, וואָס ווערן דאָרט באַטראַכט ווי אַ כיסאָרן.

דער איבערגאַנג פון אַ פרייער, אומאַקאַדעמישער שפּראַך צו אַ קאָרעקטער מעלוכע־שפּראַך, וואָס מוז גענוצט ווערן אין קאָנצע־לייען, אין אַזאַ, וואָס נעמט אָפּט אָפּ דעם כיין פון דער „שיפכע",— עס איז אַ מין סאָרט דערהויבונג פון אידיש, וואָס שטעלט אַוועק אונדזער שפּראַך צו דער מאַדרייגע פון אַ... לאַשנקוידעש. דער „לעגאַליזירטער מאַמזער" איז ס'ראָוו אין געפאַר צו פאַרלירן זיין מאַמזערישן קאָפּ, זיין מאַמזערישן שויבער. מ'דאַרף די „דינסט" נישט באַהענגען מיט צופיל טאָפּלפונקטן און גלעקלעך. מי דאַרף זי (אַ שטיק צייט, כאָטש ביזוואַנען זי וועט זיך צוגעוואוינען) נישט אָנטון אין קראָכמאַלעטע שירצן, און נישט פאַרקעמען אירע האָר אַזוי גלאַט אויף לינקס און אויף רעכטס, אַז עס זאָל אויסזען, ווי צוויי פאַלשע אַטלאַסענע העלפטן.

מיר דאַרפן זיך נישט לערנען רעדן מיט אַ הייזעריק קאָל! און קענען דעם, כ'בעט אייך זייער, וואָס די זשיטלאָווסקיאַנער זאָגן „ערנסט" — ווייסיך נישט וואָס איר מיינט אַזוינס דאָמיט.

איך האָב אַנומעלטן אומיסנע איבערגעקוקט אַ בוך מיט בילדער פון קרימינאַלניקעס און עס איז מיר אויפגעפאַלן־געוואָרן, וואָס קיינער פון זיי טראָגט נישט קיין שמייכל אויפן פּאָנים. אַלע האָבן „ערנסטע אויסדרוקן", אַלע זענען גוואַלדאָוונע סעריעז...

זאָלן מיר זאָגן, אַז אין דער ליטעראַטור איז פּונקט פאַרקערט? אַז נאָר קרימינאַלניקעס שמייכלען? איז וואָס־זשע וועלן מיר טוען מיט אונדזער אייגענעם שלום־עליכמ'ען, מיט מענדעלען, מיט פּרצ'ן, מיט אַש'ן, מיט איציק פעפער'ן, מיט איציק קיפּניס'ן, מיט אַלבער־טאָנ'ען?

:: :: ::

איך האָב מיך שוין לאַנג אויפגעהערט צו כידעשן איבער דער נאַרישקייט פון די מענטשן, וואָס האַנדלען מיט אידיש טעאַטער, אָבער פון זייער אַריפמעטיקע קאָן איך מיך נאָך אַלץ נישט אָפּ־כידעשן.

אַז אַ שלעכט טעאַטער שטעלט אַ שלעכטע פּיעסע און זי „ציט נישט", שטעלט מען אַן אַנדערע, נאָך אַן ערגערע. פיין! לאָגיש!

אָבער לויט אַט־דער פאָרמל וואָלט דאָך אויסגעקומען, אַז אויב אַ בעסער טעאַטער שטעלט אַ בעסערע פּיעסע און זי „ציט נישט", דאַרף מען שטעלן נאָך אַ . . . בעסערע? איאָ? אַזוי איז דאָך דער פּאָשעטער סייכל מעכאַיעוו! וואָס לאָזט זיך אויס? עס לאָזט זיך אויס, אַז אויב אַ שלעכטע פּיעסע ברענגט נישט קיין געלט, נעמט מען זי אַראָפּ און מען שטעלט אַן . . . ערגערע. און אויב אַ גוטע פּיעסע „ציט נישט קיין פולע הייזער", כאַפּט מען זי אַראָפּ און מ'שטעלט אויך... אַן ערגערע!

:: :: ::

אידיש טעאַטער: עס קומט אַרויף אויף דער בינע דער אַקטיאָר ס. ער איז אַן אויסגעדינטער אָפּערעטן־קיניג. איצט איז ער אַלט און הייזעריק, „מאַכט דזשאַבס" אויף דער פּראָווינץ.

— וואו איז דער מענעדזשער?

— אַט!

— וואו טו איך מיך אָן?

— אויבן, אויפן צווייטן שטאָק.

ער שלעפּט זיך אַרויף, אין אַ צוגעדישעט געמיט, הוסט, טוט זיך אָן, שמינקט זיך, קלעפּט זיך צו אַ באָרד מיט וואָנטשעס, פּלעטשעט זיי צו צום פּאָנים, קוקט זיך אויף דער ווייסער צונג, שפּיגלט זיך, זיפצט. ער איז שוין פאַרטיק.

אַז ער קריכט אַראָפּ אונטן טרעפט ער ווידער דעם דירעקטאָר. יענער העגנט מיטן קרומן מויל אויף אַ ברעג פון אַ ציגאַר. מיטן „צעפּטער" אין דער האַנט ווישט זיך דער אַקטיאָר אָפּ דעם שוויים הינטער דער קרוין, און גיט אַ פרעג מיט אַ צוגעדישעט קאָל: „איז וואָס פאַר אַ פּיעסע שפּיל איך היינט?" (אַז ער שפּילט פאַר אַ קעניג — דאָס איז באַ אים קיין סאַפעק נישט. ווייל וואָס דען וועט ער שפּילן אויב נישט קיין קיניג?)

:: :: ::

מיר האַלטן, אַז דער טעקסט פון „דזשים קופּערקאָפּ„ איז אַן אומיסטנדיקער פּלאַקאַט, וואָס איז אַרויסגעהאַנגען געוואָרן נאָסער־הייד און די פאַרבן האָבן זיך צעשמירט.

:: :: ::

אין אונדזער „אַרטעף" האָט זיך דער סטאַר־סיסטעם איבערגע־

טראָגן פון די אַקטיאָרן אַפּן — רעזשיסאָר, און דער עיקר: אַפּן קונסט-ראַט.

ווי מיר הערן, האָט פּראָלעטפּען אויסגעקליבן אַ נייעם קונסט-ראַט פון אירע מיטגלידער. דאָס איז אַ שריט צום גוטן. די „אָפּנאַ-רערישקייט" פון טעאַטער האָט אָפּט אַ שלעכטע ווירקונג אַף זיינע אָנפירער. דער בינעגלאַנץ פאַרדרייט דעם קאָפּ. עס איז אַ פראַגע: זאָל מען שטעלן פּיעסן וואָס געפעלן דעם רעזשיסאָר, ווייל ער קען דאָרטן ווייזן זיין קענטעניש; זאָלן מיר שטעלן בלישטשענדיקע פּיעסן אויף אַריבערצובלישטשען די בורזשואזע טעאַטערס; אָדער זאָלן מיר שטעלן פּיעסן באַוואָפנטע, פאַרניכטענדיקע, רעוואָלוציאָנערע — נישט אין זין פון נייע קונסטפאָרמען, נאָר אין דעם זין, וואָס זיי גיבן דעם צייט-קאָליר פון אונדזערע קאַמפן, פון אונדזער פאַר-ניכטנדיקן געלעכטער, פון אונדזער צאָרן און פרייד?

מיר זענען אויך נישט איינשטימיג מיט כאַווער ג., אַז אַ פּיעסע וואָס מיר שטעלן, איז שוין מעמיילע די בעסטע פּיעסע אין דער וועלט. אַזאַ צוגאַנג צום „אַרטעף" איז נישט ווייניקער שעדלעך, ווי אַן ענלעכער אַמאָליקער צוגאַנג צו אונדזער ליטעראַטור-ליניע. אויב דאָס זאָל זיין אַ מיטל אַף „איינצוגעבן כיישעק" צו גיין זען אונדזערע פאָרשטעלונגען, זענען מיר גאָרנישט אַזוי זיכער, אַז מ'דאַרף עס. אַ דיסקוסיע אין אונדזער רעוואָלוציאָנערער פּרעסע, וועגן דער גערעכטנקייט פון דער אָדער יענער אויפפירונג, קען אַרויס-רופן פונקט אַזוי פיל אינטערעס און נאָך מער.

:: :: ::

„בריליאַנטן" זענען אַרויסגעקומען אַסאַך בעסער ווי מיר האָבן דערוואַרט.

די קאָמעדיע איז פול מיט גרינגן, אויפרייסנדיקן כויזעק-מאַטע-ריאַל. צישן די טעקסט-שפּעלטלעך לייכט-דורך דער נייער (שוין היינט אַביסל-פאַרעלטערטער) שטייגער פון די סאָוועטן באַלד נאָכן בירגער-קריג.

די שפּיל איז הויך קאָמעדיאַנטיש, אַביסל איינגעשטילט און פאַרפיינערט דורך גלאַסענער רעזשי. די בינע איז פּראַקטיש גע-בויט, עקאָנאָמיש אויסגענוצט. די „טענץ" האָבן די מאָלע, וואָס מ'ווייסט נישט אַקוראַט וואו זיי געפינען זיך. עס איז, ווי אָרן קורץ'ס גראַמען. ערגעץ געפינען זיי זיך יאָ, אינם ליד, נאָר גיי געפין זיי!

שווישפּילעריש איז „בריליאַנטן" נאָך פון אַ פיקסערער קוואַ-

ליטעט ווי „קופּערקאָפּ״. אונדזער טעאַטער־קאָלעקטיוו וואַקסט און צעשפּאַרט אונטער די אָרעמס סיי די טעקסט־קליידלעך, סיי אַפילע די רעזשי.

עס זענען פאַראַן פּיעסן, וואָס הויבן זיך ערשט אָן דעמאָלט ווען דער פאָרהאַנג פאַלט אַראָפּ. דאָס זענען די טיפע, ווייט־נאָכ־קלינגענדיקע פּיעסן, וואָס לאָזן אַ רוישעם, וואָס צעוויגן זיך אינעם לייבונלעבן פון צושויער ערשט נאָכדעם ווי ער פאַרלאָזט דאָס טע־אַטער, דאָס זענען פּיעסן פון ריזיקן פאַרנעם („ריטשי קיטאַי״, „רעוויזאָר״, „אַ כאַסענע אין־ קאַסרילעווקע״).

„בריליאַנטן״ איז פון יענע מעסיקע גוטע קאָמעדיעס, וואָס אַזוי לאַנג ווי מען זיצט אין טעאַטער האָט איר אַסאַך פרייד, איר ווערט מיטגענומען, דער טומעל האָט אָפּקלאַנג אין אייך, נאָר אַז די פּיעסע ענדיקט זיך, ענדיקט זיך אַלצדינג — עס איז מער נישטאָ, ווי די עטלעכע גאַנץ־געראָטענע אַקטן. אַף דער אַנדערער זייט פּיעסע איז— הימל און ערד...

:: :: ::

וועגן דעם קריטיקער עקס רעצענזיעס גייט־אַרום דערזעלבער וויץ (לעהאַוודיל) ווי וועגן עמיל לודוויגס ביאָגראַפיעס פון גרויסע מענטשן. צומערשטן שרייבט לודוויג אָן זייער אַ שיינע ביאָגראַפיע, דערנאָך קומען זיך צענויף די פאַרלעגער־שותּפים און באַשליסן וועמעס ביאָגראַפיע דאָס זאָל זיין...

:: :: ::

„דער אייזל קען דעם זשלויב פון זיין באַלעבאָס״. דער גע־שטאָרבענער רודאָלף שילדקרויט האָט זייער גוט געקענט די האַנט, וואָס האָט אים דערלאַנגט עסן.

אַן אַקטיאָר פון יענעם מין אַקטיאָרן וואָס עס איז קימאַט אַ באַליידיגונג צו זיצן אין טעאַטער בעאיים זיי שפּילן, מאַכמעס וואָס דאַרף מען זיי היטן? וואָס זענען זיי? — קאַטשעלאַבעס? היני־קענדיקע שניידערס? מען קען זיך אַף זיי פאַרלאָזן, אַז זיי וועלן אָפּאַרבעטן דאָס שטיקל אַרבעט ריכטיק. מען דאַרף זיי נישט קוקן אין די הענט אַריין.

שילדקרויט האָט געשפּילט אַלדינג וואָס מ׳האָט אים אונטער־געטראָגן. „אייקעלע מאַזיק״, „קעטנגלידער״ און ענלעכע שמאַטעס. צום אידישן טעאַטער איז ער געקומען נאָכדעם ווי דער דייטשער טעאַטער איז (אין די מילכאָמע־יאָרן) געגאַנגען קאַפּוט. רודאָלף איז

געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער איד. נאָר אַז די „יוהדן" האָבן אים געגעבן אַביסל צו ווייניק ראָסל־פלייש איז ער אוועק קיין האָליוואוד און געשפּילט „קינג־אָור־קינג" — אַ פילם־שטיק, וואָס איז גע־נוצט געוואָרן פאַר אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע. שילדקרויט'ס טאַנע: „וואָס האָבן צו מיר דיזע יוהדן? צומערשטן שטופּן זיי מיך אוועק פון זיך, (ער מיינט, אַז מ'גיט אים נישט גענוג ראָסל־פלייש) און דערנאָך ווילן זיי, אַז איך זאָל זיי זיין געטריי". צום סאָף שטאַרבט רודאָלף שילדקרויט מיט דער „התקוה" אויף די ליפּן, און אַלעם איז אויסגעצייכנט.

:: :: ::

„עס איז קיין אונטערשייד
ווי מען זינגט
אַבי עס קלינגט
דאָס יודיש ליד."

ווּעמענס פּערז זאָל דאָס זיין? וועלכער שמעגעגע האָט גע־קענט אָנשרייבן אַזוינע סלאָנימישע ווערטער, אַז ווּשיסקאָ־יעדנאָ גאַנצעגאָל. „אַבי עס קלינגט, אַבי מען זינגט" — אויב נישט דאָס מעדכען, וואָס דרייט זיך אַרום ווי אַ... פּאָרוועטס אין ראָסל? (אָדער אין ראָסלפלייש).

... און היינט פרץ הירשביין!

דער גרויסער „וועלט־רייזנדער" פון אונדזער ליטעראַטור, פּרץ הירשביין, פּעדלט מיט „קאָמוניזם", ווי אַ „סיידליין". געוויינלעך רייזט ער אין די אינטערעסן פון... מענטשלעכקייט, קונסט, יושער, אומשטערבלעכקייט, גאָלדענע רייד. די אַלע מוסטערן טראָגט ער אין גרויסן רענצל. אין קליינעם רענצעלע אָבער, וואָס עס פירט מיט זיך — אין דעם „נעסעסעיר", וואו עס ליגן האַרבערשטלעך, קעמעלעך, בריטוווע־קלינגלעך, יאָד, און אַזוי ווייטער, פירט ער אויך אַביסל קאָמוניזם.

דאָס גרויסע רענצל איז — פאַר פאַרנאָסע. דאָס קליינע רענצעלע איז גלאַט אַזוי פאַר זיך אַליין. מי פאַרט אַמאָל אויפן וועג, סי ווערט נישט גוט. מי פאַרביינקט זיך, דאָס האַרץ גיט אַ לעכץ.

פון דעם קליינעם רענצעלע קען מען, פאַרשטייט זיך, קיין לעבן נישט מאַכן. אָבער — אַ שפּיל־טוען זיך דאָמיט, זיך שיין־מאַכן דאָ־מיט ס׳פּאָנים, — פאַרוואָס נישט?

רויטע ליפּנפּאָמאַדע, ברודער הירשביין, אויף— „רויטע ליפּן", איז דאָך אַוואַדע קיין סייכל נישט.

פאָלג מיך און — נו, וואָס קאָן איך דיך ראָטן, ברודערל פּרץ הירשביין, דו וואָס האָסט שוין אַ שמעק געטאָן אונטערן עק פון אַלע קולטורן און איזמען און דו קענסט דיר נישט צו־קלייבן? דו, וועלט רייזענדער מיט אַ רענצל נומער איינס און אַ רענצל נומער צוויי?

:: :: ::

אַז דו לייענסט דעם שרייבער עקס האָסטו ס׳געפיל, אַז ער שרייבט אָן אַן אונטערשלאָג. לויטער אויבערשטע און גלאַנציקע סכוירע, אָבער סע האָט קיין האָפּט נישט, און באַם ערשטן ריס וועסטו אַרויסזען די — לופט.

:: :: ::

באַ מאַרסעל פּרוסט׳ס שרייבערייען, האָט מען דאָס געפיל ווי מי וואָלט מיט אים געטיילט זיין קינסטליך־קינסטלעריש קראַנקצימער, — דאָס צימער, וואו ער האָט געלאָזט אויסקלאָבן די ווענט מיט שווערע געוואַנדן, פאַרהאַנגען אַלע פענצטער מיט סאַמעט־שטאָף און נישט אַריינגעלאָזט פון דרויסן קיין שיין, קיין זערנע ליכט.

אין פּרוסט'ס שריפטן כאַפּט זיך קיינמאָל נישט אריין קיין קלאַנג פון דרויסן, קיין אָפּשיין פון עפּעס אנדערש אַכוץ פון זיין אייגן קראַנק, קאַפּריזנע, טערפּקע געמיט, וואָס שמעקט ווי יאַמקיפּער באַרלעך אַף אַ בוידעם.

פּרוסט איז אַ קראַנקער, איבערטריבן־שאַרפער מאזאָכיסט. ער האָט האַנאָע פון יסורים, פון ביטערע טראַכטענישן, פון טויטנג־דאַנקען, פון קראַנק־זיין.

פּרוסט — די פיינסטע לעצטע פּרוכט פון דעם פוילן בוים, וואָס הייסט בורזשואזנע דעקאַדענץ, דער קולט פון שפּילנזיך מיטן אייגענעם קנופּ און האָבן די מענטשהייט ארום זיך ווי אַ פאַרגאַפּטער אוילעם פון ליידיגגייער, וואָס האָט נישט מער וואָס צו טאָן, ווי צו שטייען און קוקן ווי פּרוסט לויזט די האָרוואָרצלטיפּעניש פון זיין נעשאָמע און — אפּלאָדירן.

פּרוסט טראָגט אַ מאַסקע, וואָס איז אַקוראַט ווי זיין אייגן פּאָנים.

דאָס איז די — „ריכטונג".

„נעם אראָפּ די הויט פון דיין פּאָנים", זאָגט די בורזש־קונסט, „און מאַך דיר דאַפון אַ מאַסקע" — אַלדינג נאָר נישט דאָס אייגענע פּאָנים, אָדער דאָס אייגענע פּאָנים הינטער שלייערן.

:: :: ::

מאַרסעל פּרוסט האַלט זיך אַליין אַף דער שוים און... בענקט נאָך זיך.

„וואו בין איך?" פרעגט פּרוסט מיט פּלוצימדיקער שרעק, בעאיים ער האַלט זיך אַליין ארומגענומען מיטביידע הענט. „אָט בין איך!", ענטפערט ער בארואיקט און ער קריכט אראָפּ אין קעלער אריין, און קריכט אַרויף פון קעלער, און באַשרייבט זיין אראָפּקריכן און באַשרייבט זיין אַרויפקריכן, און באַשרייבט זיין באַשרייבן.

:: :: ::

די מאָנומענטן פאַר די „אומשטערבלעכע קינסטלער" זענען געמאַכט פון בלאָען אייז. און דער גרעסטער „קינסטלער" איז יענער־יעניקער, וואָס קאָן פון אייז אויסהאַקן דינעמלעכע „אייביקע מאַציוועס".

:: :: ::

פּלאַסטיק:

מיט אַ פּלאַסטישן באַוועג פון איר גוף, האָט זיך די פּלאַסטישע

אידישיסטקע פון די בראָנקס אוועקגעזעצט באַ אַ פּלאַסטישן מאַלצייט פון ראָסלפּלייש, וואָס איר מאַן האָט „פּאַרדינט" פון די פּלאַסטישע באַוועגונגען פון הונדערט מענטשן, וואָס ברעכן זיך באַ מאַשינען. מיט אַ פּלאַסטישער מינע האָט זי אָנגעזידלט איר דינסטמיידל פאַר באַוועגן זיך צו פּאַוואָלי, ד. ה. צו פּלאַסטיש, און מיט דעם פּלאַס־טישן ברוינעם שוים־הינטל אַף די הענט איז זי אַרונטער די טרעפּ, וואו עס האָט אַף איר געוואַרט אַ פּלאַסטישער אָטאָמאָביל, מיט אַ פּלאַסטישן מאַנצביל, מיט וועלכן זי איז געפאָרן פאַרברענגען אַ „פּלאַסטישע" נאַכט.

:: :: ::

אַ בירגלעכער האָטעל אין עלענוויל. אַ אידישיסט מיט זיין אידישיסטיכע. זיי האָבן אַ שיין קינד, אַ מיידעלע פון אַ יאָר פינפט־האַלבן.

פּאָטער: (צום קינד) זאָג דעם מאַן, ווי דו הייסט. ווי איז דיין נאָמען? וואו וואוינסטו? זאָג, נעשאָמע־מיינס, זאָג, קרוין!

קינד: (מיט שיינע לעקעלעך און שטומפּיק־שיינע אייגעלעך, רעדלט־אָפּ אַף גיך ווי אַ שווערע לאַסט, וואָס מען וויל פּאָטער ווערן, קוקט בעשאַס מאַיסע אַף קיינעם ניט) מיין נאָמען איז זעלדע ראַסקין, איך וואוין אין נומער 66 יענע־ און יענע גאַס, אין די בראָנקס. מיינע איניציאַלן זענען ז. ר. מיין טאַטע הייסט מיסטער ראַסקין. מיין מאַמע הייסט . . .

פּענונביקסלער: (גלעט ס'קינד איבער די שיינע לעקעלעך). נו, געַנוג, געַנוג, קינד.

פּאָטער: (ווי אַ קליעשטש צום קינד) זאָג דעם מאַן, ווען דו ביזט געבוירן געוואָרן, און ווי אַזוי דו לייגסט אויס דיין נאָמען.

פּענונביקסלער: כ'לעבן, מי דאַרף נישט.

פּאָטער: זאָג, זאָג, קרוין מיינס, זאָג!

קינד: (זאָגט, ווי עפּעס אַ בלינדן שפּרוך, וואָס מיינט גאָר־נישט).

פּאָטער (צום פּענונביקסלער): זי קען דעקלאַמירן אויך. (צום קינד — נאָך איידער איך האָב צייט צו זאָגן, אַז מי דאַרף נישט.) דעקלאַמיר, גאָלד מיינס, דאָס ליד... דו ווייסט שוין וועלכס.

קינד: (טאַמעוואַטע, מיט אויסגעצוואָגענע אייגלעך) וועלכעס?

פּאָטער: דאָס ליד פון שש...

קינד: דאָס ליד פון שניי?

פאַטער: יאָ, גאָלד מיינס. יאָ, זעלדעלע, נו, זאָג: „אַף די פעל־דער איז געגאַנגען —" נו, דו ווייסט שוין!

קינד (פרופט דעקלאַמירן אויטאָמאַטיש און קאַלט, ווי די לינקע זייט פון א בלעכן לעפעלע, נאָר זי פאַרפּלאָנטערט זיך).

פאַטער: (שטרענג) אזוי האָב איך דיך געלערנט, האַ? זי האָט זיך אביסל צעטומלט. זי'ט זיך דערמאָנען. (צום קינד) נו, זעלדעלע! נו, קרוין מיינס. „קאמאהן"- נו! נו!! נ־ו?? נו?!!!

דאָס קינד האָט געמאַכט פון די ליפּעלעך א ווינשל. האָט זיך געוואָלט צעוויינען. האָט דער זלידנער אידישיסטישער טאַטע א געשריי געטאָן „ניין". האָט זיך דאָס קינד נעבעך נאָך מער דערשראָקן און ארויסגעפּלאַצט אין א געוויין. האָט דער טאַטע שוין לענגער נישט געקענט אויסהאַלטן און געגעבן דעם פיפטהאַלבן־יעריגן מיידעלע א פאַטש.

„די צאָרע מיט דער אידישער ליטעראַטור איז . . . “

די צאָרע מיט דער אידישער ליטעראַטור איז":

טאָנען מיט קאַווע ווערן אויסגעטרונקען באַ די־אָ רייד. טוצן מיט גאַיוועס ווערן אויפגעבלאָזן, ווי פיש־פּענכערס, באַ די־אָ ווערטער...

ווילדפרעמדע דיאַגנאָסטיקער פון „שרייבערשע קרענק" טאַפּן אונדז באַ די דויפּעקס, לייגן אַרויף די הארטע, שטעכנדיקע געלערנטע בערד אַף אונדזערע קאַלטע פּלייצעס.

מיך קיצלען זיי — די בערד פון די דיאַגנאָסטיקער, צעלאַך איך מיך און ווער קריק אַנשלאָפן...

אַנדערע ווערן מי יוידייע ווי ערנסט דאַביי: ס'דיר אַ קלייניקייט, אַ דאָקטאָר טאַפּט דיך!...

אַף קרענק קרענקען מיר טאַקע — דאָס איז עמעס.

פון אַ צוויי ווייס איך אַליין: „ליטעראַרישע צוקערקראַנקייט" און „ליטעראַרישע גאַלשטיינער".

די „צוקערקראַנקע" — די זיסע, די גוטע, האָבן פּעטע געמיטן, לויבן יעדן איינעם, שמייכלען מיט לאַקריץ, האָבן אויוועך־באַטלדיק ליב אַלעמען.

דער אַנדערער ליידט פון אַ צעברייטערטע גאַל — זענען אַלע זיינע שריפטן ביטער און פאַרסאַמט...

פּרעטענציעס:

— דערלאַנגט ס'טעלערל פונם הימל!...

— דעם רעגנבויגן — זייט אַזוי גוט!...

אַביסל גאַל שאַדט נישט, ווי אַביסל „צוקער" שאַדט קיינעם נישט, נאָר צופיל איז אומגעזונט...

באַ די „אַקום" מישט מען גרינגער, געראָטענער.

דער „ביטערער" באַקומט פאַר זיין קינסטלערישער „גאַל" אַ שיינע מאַטבייע, קען ער זיך קויפן צוקערלעך און זיך זיס מאַכן ס'מויל.

דער „זיסער" האָט אַן אָפּזאָץ פאַר זיין זיסקייט, ליגט עס נישט אין זיין „לעבער", און סי יעירט נישט.

באַ אונדז — איז נישט מיין ביטערקייט, ניט דיין זיסקייט האָט עפּעס אַ ווערט.

מיר דאַרפן עס אַליין אַראָפּשלינגען און זיך פאַרסאַמען דאַמיט.

איז טאָקע אונדזער ווייַנגאָרטן פול מיט די זיסע טרויבן, וואָס זענען פעטיק, קלעפּן זיך צו די הענט, און מיט די גרינע זויערע טרויבן, וואָס מ'קריגט פון זיי בויכווייטיק.

די „טערפקע" און האַלב־זיסע וויינטרויבן זענען קימאַט אין אונדזער גאָרטן נישטאָ.

(סיידן איר ווילט אַריינרעכענען די ש. ניגער'שע „צמוקים" — אָבער זיי זענען דאָך „געטריקנטע און געקוועטשטע".)

:: :: ::

. . . אַז מען שרייבט אַסאַך, שרייבט מען סאָף־קאָל־סאָף אַמאָל אָן אַ קלוגע זאַך אויך. דאָס איז עמעס אַפילע וועגן קאָנפוציוסן, וועלכער זאָגט ערגעץ:

„ . . . אויף דריי אויפאַנים קאָן דער מענטש קומען צו כאָכמע: דורך נאָכטראַכטן, וואָס דאָס איז דאָס נאָבעלסטע; דורך אימיטאַציע, וואָס דאָס איז דאָס גרינגסטע; דורך דערפאַרונג, וואָס דאָס איז דאָס ביטערסטע!"

:: :: ::

איז קונסט אויף צו פאַרשלעפערן? אָדער אויף אויפצעוועקן?

די פּלישטים האָבן פון אייביק־אָן גענוצט קונסט, ווי „שווערע שלאָפגעטראַנקען", אויף צו באַרואיקן און פאַרטשאַדען, ווייל זיי האָבן געהאַלטן, אַז בעסער מאַכן דאָס לעבן קען מען נישט, מען קען נאָר רייכער מאַכן דעם כאָלעם.

מיר גלויבן, אַז דאָס לעבן קאָן נאָך אַ היפּש ביסל אויסגעבעסערט ווערן: אַסאַך נויטן, קראַנקהייטן, נעשאָמע־פּיין קאָנען דערלייכטערט ווערן — אויב נישט אינגאַנצן געהיילט ווערן.

דאַרפן מיר אַ קונסט אַ ליכטיקע, אַ קלאָרע, זי זאָל די אויגן מונטערן, דאָס האַרץ אויפוועקן.

און קאָן אונדזער קונסט נישט ענטפערן, מוז זי כאָטש פרעגן: וואָרין אַ פאַרשוויגן רעטעניש איז אַ טאָפּל רעטעניש.

אַ סאָד אין אַ פינצטערן וואַלד איז אַסאַך מער סאָד ווי אין אַ זוניקן סטעפּ.

:: :: ::

. . . וואו זענען אונדזערע פייאיקע צייטונג־לייט, אונדזערע רעפּאָרטאָרן?

פאַרוואָס לערנען זיך נישט אונדזערע „יונגע" אָנשרייבן א גוט שטיקל נייס?

פאַרוואָס איבן זיי זיך נישט, ווי די אַמעריקאַנישע שרייבער, אַף רעפּאָרטאַזש, אַף גוטער מעלאָכעשאַפט, איידער זיי גייען איבער צו דער העכערער מאָלעריי?

איך זוך אין אידישן בלאַט א שטיקל נייס, וואָס זאָל האָבן אַן אייגן פּאָנים, אַן אייגענעם דעך, — נישטאָ אַזוינס!

מיר זענען אַזוי אָרים, אַז מיר שעמען זיך אַרויסצונעמען פון קעשענע ווייניקער ווי א . . . רענדל.

:: :: ::

דער בילעט פון „קונסט" ביז נישט־קונסט איז א . . . רעגע!

דער „קינסטלער" הערט־אויף 1 רעגע איידער ער הערט־אויף צו קענען; דער נישט־קינסטלער הערט אויף 1 רעגע נאָכדעם ווי ער הערט־אויף צו קענען...

אין דער איינער רעגע איז עס געווענדט.

:: :: ::

אַז איכ׳ל אַמאָל האָבן צייט, וועל איך מיך אַנידערזעצן אָנשרייבן אַן עסיי איבער שריפטשטעלער און די נעמען פון זייערע העלדן.

זייער אָפט גיבן די נעמען פון די העלדן אַרויס דעם סאָד פון זייער באַשאַפער.

בא שלום עליכם זענען די נעמען צו די העלדן צוגעוואַקסן.

בא מענדעלין זענען זיי אַריינגענייט אין גוף אַריין.

בא פּרצ׳ן זענען זיי שטענדיק מיט דעמזעלבן שטאָף איבערגע־צויגן, — ווי זייערע קאַפּאָטעס.

בא אָפּאַטאָשון קען דער „העלד" פּונקט אַזוי גוט הייסן דזשעק ווי באָרוך!

ס׳איז קיין בילעט נישט.

רייזען היט זיך מיט די נעמען; ער האַלט זיינע נעמען שטענדיק אין גרוי, — „גאָלדמאַן", „לעווין" א. א. וו.

שווער צו זען בא רייזענען ווי אַזוי די העלדן הייסן.

בא מיר אַליין הייסן די מענטשן „קאַסטעלשפּענער", „באַנטשי־נעלאָ", „מעלאַכרינאָ" — א סימען אַפּאָנים, אַז דאָס איז בא מיר אומיסנע.

אָפט, אַז איך האָב קיין צייט נשט צו לעזן א גאַנץ בוך, גיב איך א בליק־איבער די נעמען פון די העלדן, קען איך דאַפון וויסן מיט וואָס דאָס בוך שמעקט.

אין „קונסט" ווי אין לעבן פארראטן אפט קליניקייטן, זשעסטן אומגעריכטע, מינעם נישט אויסגערעכנטע.

:: :: ::

ס'איז נישט צו פארשטיין:

א שרייבער שרייבט 25 יאר. אפן 26טן יאר פארבעט מען אים אין שטעט און שטעטלעך, ער זאל קומען האלטן רדאשעס און דער־קלערן, וואס האט ער געמיינט מיט זיינע 25 יאר שרייבן.

ווי קאמיש דאס איז!

יעדן טאג פון 25 יאר (אדער צו מינדסטן יעדע וואך!) האט דער שרייבער געשריבן, דאס הייסט דערקלערט, וואס ער טראכט, וואס ער מיינט... אבער דאס איז אפאנים נישט געווען גענוג קלאר. פארבעט מען אים דערפאר אפן 26טן יאר, ער זאל אין א שא־צוויי קלאר־מאכן דאס, וואס ער האט נישט געקענט קלאר מאכן אין 25 יאר!

:: :: ::

מען רעדט שטענדיק וועגן דעם, אז דער לעזער דארף קענען אריינטראכטן אינם שרייבער אריין דאס, וואס (דער לעזער) וויל.

איז דאס טאקע אזוי?

איז די ליטעראטור בלויז א ליידיק גלאז? צי עפשער איז די ליטעראטור א פול גלאז מיט וויין, אדער מיט וואסער — איר קענט דאס באלויכטן ווי איר ווילט, אבער אראפנעמען און צולייגן קענט איר נישט?

איז ליטעראטור דער בלומענטאפ אדער... די בלום אליין?
דארף קונסט האבן בלויז א פאנים, אדער א טאם אויך?
זאלן די ליטעראטור־בלעטלער ענטפערן דארויף.
זיי האבן גענוג צייט.

:: :: ::

פארוואס זענען מיר, „גאליצישע מענטשן", מעכויעוו צו וויסן וואס איז „סקאווארעדע" און „מאכשאוועסן" און „זאראזע" און „אונטערגיין צום ראוו" און „צעדרומשקעט" און „כניעקן", בעאיים די ליטוואקעס ווילן ניט וויסן פון אונדזערע „רונעטן" און „געשריבענע פאסאליעס" און „גראנשל" און „ווייקשעפל" און „טראיגל" און „קראכער" און „האצאדראלא" און „בארגידקיניג" און „א האוואדיע

הינט", און „סי פערעט די גאַל"? און „סי פּליט אַ קאַניע"? און „וואָס האָסטו פיר מיט אים"?

איך מיין, אַז די נישט־גאַליציִשע שרייבער מעגן זיך אַביסל באַמיען צו פאַרשטיין די מעכאַיעדיקע גאַליציזמען, זיי גיבן גלייכע רעכט אין דער מישפּאָכע פון אונדזערע אידישע דיאַלעקטן, און נישט קרוינען קיינעם פון זיי ווי די „הויך־שפּראַך"!

דער פּלאַט־אידיש פון די ליטוואַקעס איז מיר (גלויבט מיר, בענעמאָנעם!) פּונקט אַזוי שווער אָנגעקומען, ווי דער מיטל־הויך־אידיש פון מיינע לאַנדסלייט קומט אָן איזי כאַריקן.

פונדעסטוועגן וואָלט איך מיך געשעמט צו זאָגן, אַז איך ווייס נישט, אַז „קיטקע" איז אַ „קוילטש", בעאיים איזי כאַריק שעמט זיך ניט צו זאָגן בעפאַרעסיאָ, אַז ער ווייסט נישט, אַז „פּיאַרן" הייסט אַ מעשוגאָים־הויז!

עס איז שוין צייט, כ׳לעבן, אַז עמיצער זאָל פאַר אונדז (נישט אַף כויזעק, נאָר אין ערנסט) אַנטפּלעקן דעם רומענישן און אונגאַרישן אידיש, ווי אויך די ציטערדיקע ווייבלעכקייט פון דעם אידיש, וואָס ווערט גערעדט אין יענע פּוילישע קאַנטן, וואו אַ לעפעלע איז אַ „לעפּלעכן" און אַ „שטערנטיכל" — אַ "שטערנטיכעליי"!...

:: :: ::

עס זענען פאַראַן שרייבער, וואָס באַגייען זיך מיט זייערע „העלדן", ווי שיך־פּוצערס באַגייען זיך מיט — שיך: צום ערשטן שפּייען זיי אַף זיי אַרויף. דערנאָך פּוצן זיי זיי אַרום, זיי זאָלן גלאַנצן.

:: :: ::

דער נאַר טראַכט קימאַט דאָסזעלבע וואָס דער קלוגער, נאָר דער קלוגער טראַכט דאָס מיט אַ פּאָר יאָר פריער.

דער אַנטלאָפֿענער אברהם רייזען

ווען דו האָסט ווי אַ ביליגער טעאַטער־העלד אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר פֿון דער פֿרייהייט־רעדאַקציע, און זיך געזעגנט מיטן אַרבע־טער־קלאַס, האָסטו אָנגעגעבן פֿאַר אַ סיבע דאָס, וואָס די „פֿרייהייט״ האָט געשריבן עפּעס אַזוינס מיט וועלכן דו האָסט נישט מאַסקים געווען. עמעס? דאַמיט האָסטו, הייסט עס, געזאָגט, אַז דער שרייבער אידענטיפֿיצירט זיך אידייאיש מיט זיין ציטונג. ריכטיק? און אַז יעדער איינציקער מיטאַרבעטער פֿון אַ בלאַטציטונג טראָגט אַף זיך די אַכראַיעס נישט נאָר פֿאַר דעם אייגענעם נאָמען, נאָר אויך פֿאַר אַלצדינג וואָס זיין ציטונג שרייבט. איז׳ס וואָר?

נו, גוט, מיר האַלטן דיך באַ דיין וואָרט, אברהם רייזען, און מיר פֿרעגן דיך, צי ביזטו איינשטימיג מיט דיין ציטונג, דער „פֿאָר־ווערטס״, וועלכער שרייבט אַף דער ערשטער זייט, דעם 26טן טאָג אין יוני־כוידעש, 1930:

„. . . . ווי באַוואוסט, האָבן זיך צישן די פּאַפּירן וואָס דער געוועזענער ניו־יאָרקער פּאָליס־קאָמישיאָנער ווהעילען האָט פֿאַרעפֿנטלעכט, געפֿונען עטלעכע דאָקומענטן וועגן דער פֿאַר־בינדונג צישן דעם „אַמטאָרג״ און דער פּראָפּאַגאַנדע פֿון די קאָמוניסטן אין אַמעריקע.״

דיר איז אודאי באַוואוסט, אברהם רייזען, ווי אַזוי די־אָ „דאָ־קומענטן״ זענען מיאוס־געפֿעלשט געוואָרן. דער סקאַנדאַל פֿון דער פֿעלשונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער ניו־יאָרקער דרוקער, וואו די „דאָקומענטן״ האָבן זיך געדרוקט, האָט אַרויסגעגעבן אַלע באַווייזן פֿון דער פֿעלשונג פֿאַר דער „דיילי ניוס״. קימאַט אַלע קאַפּיטאַליסטישע ציטונגען האָבן נאָך אָט־דער אויפֿדעקונג אַראָפּגעלאָזט די נעז און... אָדער געכאַפּט אַ שוויג, אָדער געזידלט דעם פּאָליס־קאָמישיאָנער פֿאַר זיין נישט־געראָטענעם אַקט.

איז דאָס דיר באַקאַנט, מר. רייזען, צי נישט?

סיי־ווי־סיי: מיט דעם: וואָס דו האָסט נישט אַרויסגע־פֿאָדערט דיין ציטונג זי זאָל אָפּלייקענען אָט־די שענדלעכע מסירע אַף די אַרבעטער, האָסטו צוגעגעבן, אַז — דו ביזט מאַסקים מיטן פֿאָר־ווערטס, אַז „ס׳איז באַוואוסט, און אַזוי ווייטער״. הייסט דאָס, אַז דו ביסט מאַסקים מיט בעסעראַווסקין! הייסט דאָס, אַז דו ביזט — וואָס דו ביזט? . .

:: :: ::

א פּאַנסיאָן אין די קעטסקילבערג.

דער פּענונביקסלער לאָזט זיך אַראָפּגיין די זייער הויכע טרעפּ פונם הויז. פאַרטשעפּעט ער זיך אָן עפּעס און פאַלט שיר.

ער קוקט זיך אַרום, זעט ער לעבן אים שטייט א דיקער פּליכע־וואַטער מאַן מיט א גרויסער דימענט־שפּילקע אין קראַוואַט און — טאַפּט זיך קלוימערשט דעם העמד־קאָלנער ווי ער וואָלט אים גע־קוועטשט.

מיינט דער פּענונביקסלער אַז דאָס איז א כוליגאַן וואָס שטייט קאַלטבלוטיק און קוקט צו ווי יענער ברעכט שיר האַלזונאַקן.

דער פּענונביקסלער לאָזט זיך אַוועקגיין. טרעפט אים אָן א כאַווער און זאָגט:

— איר ווייסט ווער דער מאַן איז, וואָס האָט אייך דאָ פּריער אונטערגעשטעלט א פוס? דאָס איז א רייכער האַלץ־סוחר פון ניו־דזשורזי, א גראָבער נעפּעש... דאָס איז אברהם רייזענס א ברודער.

:: :: ::

דער פּענונביקסלער באַשולדיקט כאָלילע נישט דאָס „מערכען", אַז ער האָט אייגנס אונטערגעשיקט דעם ברודער ער זאָל אונטער־שטעלן א פוס. ווי ווייט דער פּענונביקסלער געדענקט פלעגט אברהם זיך אָפט באַקלאָגן, אַז ער האָט א רייכן ברודער איז ער א ראָשע מערושע און א גרויסער כאַזיר... און טאָמער דאַרף ער (אברהם) אַמאָל א צענערל אַף צו טרינקן וויין בא מאַשקאָוויטשן גיט ער נישט דער שוויין... בעעמעס א פּאַרך, א בורזשוי... א גראָבער פּליגל.

פונדעסטוועגן איז נישט אָפּצולייקענען אַז „בלוט איז בלוט". דאָס אונטערשטעלן א פוס אין דער פינצטער, בעאיים יענער לאָזט זיך אַראָפּ פון דער העכסטער טרעפּ — איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש רייזען'יש! ווי זיין ברודער, דער האָלץ־סוחר, האָט אויך אברהם אונטערגעשטעלט א פוס אין דער פינצטער, בעאיים ער האָט געמיינט, אַז מיר לאָזן זיך אַראָפּ פון די טרעפּ.

ווי זיין ברודער, דער האָלץ־סוחר, האָט ער אויך געמאַכט זיך טאַמעוואַטע, און זיך פאַריכט דעם קראַוואַט, און געקוקט צום קולטור־הימל, בעאיים כוליגאַנעס האָבן געריסן די טירן פון אונדזער רע־דאַקציע.

אָבער פאַני ש. ניגער!

מיין פעטער איציק פלעגט זאָגן: „קיין זאַך איז נישט אזוי לינג, ווי דאָס וואָס איז נעבכן געווען עמעס!"

:: :: ::

אין „טאָג"־ארטיקל וועגן „שרייבער וואָס שרייבן נישט" כי־דעשט זיך ש. ניגער לעמאַי דער און יענער שרייבער האָט אויפגע־הערט שרייבן (ווי, לעמאָשל, זיין גוטער פריינט דר. א. גינזבורג, צו־ליב וועמען דאָס גאַנצע ארטיקל איז נעבעך געבוירן געוואָרן, וואָרין גלאַט אזוי ארויסקומען און דערמאָנען א. גינזבורגן קען מען דאָך נישט, און דר. גינזבורג איז דאָך א דאָקטער און נישט קיין אָרעמער איד, און אַן אייגענער מענטש. אַן דעם קראַנקן און אהינגעקומענעם ערלעכן דיכטער אַפּראַנעל דערמאָנט ער זיך כאָלילע נישט. פון וואַנען זאָל ער זיך דערמאָנען ?!)

איך קען אייך, ליבע לייטע, זאָגן דעם גאַנצן עמעס, אַז מיר רינט נישט אריין דורכן דאַך, אז א שרייבער הערט אויף צו שרייבן. סאָף־קאָל־סאָף האָט דאָך אפילע באַלזאַק אויך אויפגעהערט צו שרייבן.

אויב מיר זאָלן אפילע וועלן גיין אין דעם בעהיימע־שליאַך פון דער פּראַזע, אַז אויב אַ „שאַפנדער מענטש" הערט־אויף צו „שאַפן" איז ליהיי ח"ו ווי ער וואָלט זיך באַגראָבן לעבעדיקערהייט, קען מען אויך צו קיין מענטשן קיין טאַנע נישט האָבן פאַרוואָס ער איז יונג געשטאָרבן.

אויב איר, ש. ניגער, זענט זיך שוין יאָ אזוי מעצאַיער וועגן יענע וואָס זענען אזוי יונג־אַוועקגעגאַנגען פון אונדזער ליטעראַרישער וועלט, ווייל איך איר זאָלט זיך דערמאָנען, אז ווען איר זענט געווען מיט־רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל „דאָס נייע לעבן" האָט איר גענו־מען אזוי גרויס ווי 75 דאָלאַר א וואָך. צו אייך איז געווען נאָך אַ רעדאַקטאָר — אויך פאַר 75 דאָלאַרן אַ וואָך. איז דאָס אינאיינעם ארום 600 דאָלאַרן א כוידעש פאַר צונויפשטעלן א דינטשיק ביכל. און אַז איך האָלט שוין אין דערמאָנען, דערמאָן איך זיך אין איין וועג אויך די מאַיסע מיט אַ געוויסן אידישן שרייבער, וואָס האָט יאָרן־לאַנג

נישט פארדינט בא שרייבעריי קיין צעבראָכענע פעני. האָט ער אייך פאר אייער „נייעם לעבן" צוגעשיקט א פּאָעמע אף 8 אָדער 10 דרוק־זייטן (ער האָט אף איר געארבעט 5 כאָדאָשעם), האָט איר אים דערפאר מער ווי א דאנק־בריוול נישט געשיקט, כאָטש איר אַליין האָט אכוץ די 75 דאָל. א וואָך פונם זשורנאַל אויך געהאַט א גאַנץ פעטע שטעלע אין א רעדאַקציע פון א טאָג־צייטונג.

וואָס־זשע הייסט דאָס, א שטייגער? דאָס הייסט, א שטייגער, אז איר, פאני ש. ניגער, מיט אייערע פרומע ריידאַלעך, האָט אויפגע־געסן א... זשורנאַל, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן פון פרעמדע גראָשנס. וואָלט איר פון אייערע 300 א כוידעש געוועז אָפּגעשפּאָרט א העלפט פאר מיטארבעטער, וואָלטן עטלעכע זייער וואוילע שרייבער געקענט לעבן דערויף. און וואָלטן נישט באדארפט אף צו לאָכעס זיך לאָזן אויסשניידן די „קינסטלערישע געבער־מוטער", פארשטייט איר מיך?

:: :: ::

און דאָס וואָס איר טיילט־אויס „קניפּעלעך הינטערן טיש", האָט טאַקע אויך געהאָלפן ביטער מאכן נישט איין שרייבעריש האַרץ.

איך קען, לעמאָשל, א שרייבער וועגן וועמען איר זאָגט, אין דעם סייפער א. פון אייערע איינגעזאַמלטע שריפטן, דאַף 75, אז ער איז „אונדזער סענטימענטאַלער ליריקער, וואָס מען וויל אים מאכן מיט געוואַלד פאר א הומאָריסט", און אף אַנ׳אַנדער אָרט (אין זעלבן בוך), זאָגט איר, אז ער פּאַסט בעסער צו מאכן קאָזשעלקעס, ווי צו מאכן קידעש . . . איז דאָך די קאַשע: ווי איז דאָס געמאָלט, אז אונ־דזער סענטימענטאַלן ליריקער" זאָל גאָר פּאַסן צו „מאכן קאָזשעל־קעס"? מיילע, אף א הומאָריסט קען מען נאָך אמאָל אָנמעסטן אזא נאַריש וואָרט־היטל ווי „קאָזשעלקעס", אָבער אף א סענטי־מענטאַלן ליריקער?

היינט ווייסט איר שוין, ש. ניגער, ווער ס׳איז שולדיק אין דעם, וואָס א טייל שרייבער ווערן אָפּהענגיק, און שפּייען קלעק אף דעם ווייגגאָרטן, פון וועלכן איר זענט דער היטער!

:: :: ::

ש. ניגער איז א מענטש וואָס שטעלט שטענדיק די אידישע ליטעראַטור העכער פון זיך אַליין, — אויב אים אַליין קען נאָר עפּעס אַרויסקומען דאפון . . .

:: :: ::

זאָגט מיר, איר זאָלט מיר זיין געזונט, פאַני ניגער, וויפיל ערשט־קלאַסיקע טאַלאַנטן, אַ שטייגער, זענען דאָס אויפגעוואַקסן בא אייך אין אַמעריקע אין די לעצטע 12־13 יאָר? עפּעס קאָן איך מיך נישט דערמאָנען קיין איין נאָמען! בעאייס אין ס"פ זענען אויפגעוואַקסן אַזוינע שרייבער, ווי פּעפּער, כאַריק, אַליעווסקי, קיפּנים, דאַניעל, קושניראָוו, גאָדינער, אַבטשוק, פעלדמאַן, לוריא, פינענבערג, כאַש־טשעוואַצקי, חאַלקין און אַ האַלב טוץ אַנדערע.

איר רעדט פון „אָפּשפּיגלען די צייט"? ווער שפּיגלט זי בא אייך דאָ־הי? אייערע אַלע שרייבער, וואָס האָבן אַ באַטייט שרייבן פון... נויאָכס טייווע, פון צאַרישן רוסלאַנד פון פראַנציאָזעפ'ס גאַליציע, פונם קאָצקער רעבן! דער גרעסטער פּראָצענט פון אייער ליטעראַטור איז פול מיט ביינקעניש אַהיים צום שטעטל, צו טאַטע־מאַמעניו, צו „די גוטע אַלטע צייטן"!

ווער שפּיגלט דאָ־הי יאָ אָפּ ס'רווישענדיקע, נאָך־נישט־פאַר־קילטע לעבן? ווער לעבט דאָ איבערהויפּט אין דער ליטעראַטור, און שלעפּט זיך נישט ווי אַ פייגער נאָך אַ טרונע? אונדזערע, פון פּראָ־לעטפען, די אַרבקאָרן אַפילע, וואָס באַשרייבן די פּאָליטישע אויפ־ברוכן, עקאָנאָמישע ערדציטערנישן, דעמאָנסטראַציעס, נויט, הונגער, קאַמפן, דעם טאָג, די שאָ. און נישט די שאָ אינם ליטעראַרישן קאַפיי, נאָר די שאָ אין שאַפּ, אין פאַבריק, אין שאַכט, אין — בויטענ־דיקן דרויסן.

:: :: ::

אין ס"פ נעמט די מעלוכע אָן בא דער האַנט יעדן שרייבער, יעדן וואָס ווייזט אַרויס אַ פונק טאַלאַנט; באַמיט זיך דעם פונק לעבע־דיק צו האַלטן, אים אַנטוויקלען. ס'איז נישט באַקאַנט קיין איין פּיי־איקער שרייבער אין ס"פ, וואָס זאָל זיך אַרומטראָגן מיט פולע קעשע־נעס מאַנוסקריפּטן און נישט האָבן ווער עס זאָל זיי אַרויסגעבן. די מעלוכע־פאַרלאַגן וואַרטן אַף יעדן גוט־אָנגעשריבן בלעטל־פּאַפּיר. כאַוויירים פרייען זיך מיט דעם נאָך איידער די טינט איז אָפּגע־טרוקנט. קריטיקירן שטעלן אָן פּראָזשעקטאָרן; באַלויכטן עס, גע־פינען די שוואַכע פּעדים, לערנען ווי אויסצובעסערן, ווייזן־אָן, דערנענטערן.

אין ס"פ וואַכט די מעלוכע איבער אַלע מענטשלעכע ווערטן,— אַריינגערעכנט ליטעראַטור. יעדער שטיקל פּאַפּיר, וואָס איז נאָר דרוק־פּייאיק, ווערט אָפּגעדרוקט. אַ טייל שרייבער שיקט מען אין

שולעס זיך לערנען. אַנדערע לערנען זיך אַליין, אַלע קאָנטאַקטירן זיך שטענדיק מיטן רוישנדיקן לעבן.

פאַרשטייט זיך, אַז עמיצן מוז דאָך אָנגעטרויט־ווערן די אַרבעט פון באַשטימען וועלכע שריפטן עס זענען דרוק־פּייאיק. אין ס"פ אורטיילט איבער דעם: ליטוואַקאָוו, שכנא עפּשטיין, כאַשין, אָרשאַנסקי, שטיף, אויסלענדער, מאַקס עריק א. אַ. וו.; אין אייער אַמעריקע, פּאַני ניגער, ווער אורטיילט איבערן לעבן און טויט פון אַ שרייבערס קאָפּווערק? ווער באַשטימט צו דאָס בוך איז ווערט געדרוקט צו ווערן, צי נישט? עפּעס אַ פּעדלערל: יאַנקאָוויטש! אָדער קאַרלין, אָדער איטשע ליבמאַן, אָדער כאָנע מיניקעס!

אַז אייערס אַ שרייבער גייט דורך דעם „אידישן אוניווערזיטעט" — דאָס ליטעראַרישע קאַוועהויז, וואָס לערנט ער דאָרט אַזוינס וואָס זאָל אים שטעלן העכער פון אַליעווסקין, פון דניאל'ן, פון פעפער'ן? ער לערנט זיך שפּילן קאַרטן, מונקלען רעבילעס, טראָגן אַ שטעקעלע, זיך האַלטן גרויס, אָפּזיצן טעג־און־נעכט ליידיק, נישט אַריינקוקן אין קיין ביכל.

אָ, מיר קענען אייערע „אוניווערזיטעטן", פּאַני ניגער, מיר קענען אייערע „אַרויסגעבער"! מיר קלערן, אַז ווען איר וואָלט געהאַט אין זיך אַ פונק בושה, וואָלט איך זיך נישט פאַרהאַלעט אייער ליטעראַרישע פאַרטוך אַזוי הויך, און נישט באַרימט זיך אין אָנגעזיכט פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. פאַרקערט, איר ווי אַ דאָלקריט (דאָלאַר־קריטיקער) האָט באַדאַרפט זיצן שטיל ווי אַ קעצעלע, מיטן היטל אַראָפּגערוקט איבער די אויגן, און זיך שעמען אין אייער ווייטן האַלז אַריין מיט אייערע „ליטעראַרישע אַנשטאַלטן", מיט אייערע יאַנקאָוויטשעס. מיט אייערע מאָרגעניורינאַלס, מיט אייערע וויסטע „טעג", און פינצטערע פאָרווערטסן...

בענעמאָנעס!

אַביסל פּינסקי, אַ טראָפּעלע אַש

דוד פּינסקי שמועסט זיך אַביסל דורך אין „טאָג" מיט אב. קאַהאַנען, מיקויעך — ערע. 20 יאָר האָט קאַהאַן געריבט פּינסקי׳ס אויסגעצייכנטע ערע. איצט האָט אַ. ק. זיך קוים דערמאָנט, אַז פּינסקי איז געווען אַ טאַלאַנט. אַהאַ, אויב שוין יאָ אַזוי, אויב מיר האָבן דיך שוין יאָ געכאַפּט ביי דער האַנט, ווי דו זאָגסט, אַז מיר זענען אַ טאַלאַנט, ווילן מיר דיר טאַקע פרעגן, וואו האָסטו אינגעטון אונדזער... ערע? דרייסיק לאַנגע יאַהרע האָבן מיר געשאַפן פון די סאַמע בעסטע זאַכן וואָס גיבן קאָן, מיר האָבן נישט געזשאַלעוועט אונדזער טאַלאַנט, געזעסן באָם ברייטן מאַהאַגאַני שרייבטיש, אין דעם שיינעם דירעלע, און מיט מאַנוקירטע הענט געשריבן: „אייזיק שעפּטל", „גאַברי און די נשים". „שלמה׳ס ווייבער" און ענלעכע ווערק. ס׳איז געווען אַ געוואַלט. די וועלט האָט זיך געוויגט מיט אונדזערע שאַפונגען, און איר, אַלטער מערדער וואָס איר זענט, וואו זענט איר געווען, בעאיים די „גאַנצע יידישע וועלט" האָט מיר געבראַכט בינטלעך ליליעם און מיר געשפּילט אַפן אָרגל? צי ווייסט איר, אַלטער מערדער, וואָס איר האַלט שוין נענטער ווי ווייטער, צי ווייסט איר הויכוואַוילגעבוירענער זשוליק, פּאַני קאַהאַן, אַז איך האָב אין מיין באַפּראַקטן, ציכטיקן, ווירדיקן, וואַוילגעבוירענעם לעבן אָנגעשריבן אַקוראַט 888 איין־אַקטערס, 777 מער־אַקטערס, אַכוץ גלאַט אַזוי מייסטערווערק? צי ווייסט איר, צי האָט איר איבערגעציילט אַלע שורעס פון אַלע מיינע מער־אַקטערס באַטרעפן ב״ה אַקוראַט 816,6355 שורעס? . . . און וויפיל ווערטער עס האָבן אַלע מיינע געזאַמלטע ווערק אינאיינעם ווייסט איר? ניין? — שווינדלער, באַנדיט, קאַליע־מאַכער, בוהההה! . . . (נוסאַך פּינסקי).

:: :: ::

דוד פּינסקי׳ן — דעם זשענטלמאַן אין פראַק, וואָס טונקט זיין פּען אין רויטן איינגעמאַכטס, מ׳זאָל מיינען, אַז ס׳איז בלוט — דעם דוד פּינסקי׳ן פאַרדריסט ביזן ביין לעמאַי האָט דער אַלטער בהמה אים נישט אָפּגעגעבן דאָס נויטיקע צעבערל קאָוועד... ווייטער אַרט אים נישט, כאָלילע! דאָס וואָס קאַהאַן איז אַ פינצטערער קויעך אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, אַ פאַררעטער, אַ וויסטער־סוינע פון דער סאָוועטנמאַכט, אַ כוליגאַן, דאָס איז נישט פּינסקי׳ס זאַך. דוד פּינסקי זאָגט נישט: „דו עקלהאַפטע קאַנאַליע! דו בעסעדאָווסקי־אויסבאַהאַלטער! דו קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער דזשינגיס כאַן... דו קרימי־

נעלער עגאָאיסט, פעלשער פון דאָקומענטן, דו ,פּראָלעטאַרישקער׳ אָנזוע־צער, דו שאָוועשעקערניק!" ער זאָגט בלויז: ווישט זיך אָפּ די ליטעראַרישע נאָז, זייטשע מויכל, איר קאַניבאַל! און אַז איר עסט מענטשנפלייש — פאַרשפּרייט כאָטש אַ קלאָר סערוועטל אָף די קני־עס... און דער איקער, פאַרגעסט נישט, אַז איך האָב אָנגעשריבן געגויע 880 איין־אַקטערס און 77 מער־אַקטערס... לויטער „פּערל שבעפּערל. האַלוואַי בין איך אַזוי געזונט...

אַ געשריי פון אַ וואָלף? אַ ברום פון אַ בער? אַ ריטשע פון אַ טיגער? אַ קוויטש פון אַ געשלאָגענעם הונט? —

אָך ניין. אַז מיר הערן זיך צו צו דער דיסקוסיע פון די צוויי ליטעראַטן — אב. קאַהאַן און (לעהאַוודיל אַ קאַפּעטשקע) דוד פּינ־סקי, איז פונקט ווי מ׳וואָלטן געהערט פליי 14!

:: :: ::

צו שלום אַש׳ן: הער זיך איין, פון וואַנען ביזט דו עס געוואָרן אַזאַ פרומאַק, און דו כאַפּסט גאָט בּאַ די בּניימאַיעם? מיר געדיינקען נאָך די צייט, ווען דו האָסט געגעסן כאַזער־סענדוויטשעס (און דאַזוקע די פּעטסטע!) געריטשעט קעגן מילע און דעסגלייכן.

איז איצט, אַז עס פּאַסט דיר צו דיינע „ברייטע געשעפטן", באַ־האַלטסטו דיך הינטער דעם פאַרטוך פון אַן אויסגעדינטן „גאָט", וואָס דו האָסט שוין לאַנג דעקלאַסירט און אַנידערגעזעצט שיילן קאַר־טאָפּליעס באַ זיך אין קעך.

מיילע, אַז דו פוצסט דעם מאַרשאַליק פילסודסקי׳ס פּעדערלעך פונם לאַץ, צוליב אַ מעדאַלכל, איז — כאַפּט דיך דער שוואַרץ יאָר, נאָר אַז דו נעמסטיך אָן פאַר דער קריסטלעכער „רעליגיע", וואָס האָט אויסגעקוילעט „דיינע אידן" אין די טויזנטער און אַז דו זאָגסט נאָך, אַז באָלשעוויזם איז אַ „שטראָף פון גאָט", איז... וואָס קאָן מען דיך אָנרופן אַנדערש, ווי... שלום אַש?

:: :: ::

באַמערקט די „זינד", פאַר וועלכער שאָלעמל׳ס „גאָט" „באַ־שטראָפט די וועלט", איז... אַרויסגערופן געוואָרן פון „גאָטבכו" אַליין (לויט אַש׳ן), ד. ה. „גאָט" האָט אומיסנע „געהאָלפן" די באָל־שעוויקעס, קעדיי זיי זאָלן קענען „לעסטערן" אין אים, און ער זאָל מיט זיי קענען „באַשטראָפן" די „אומשולדיקע" וועלט...

אָט־אַזאַ באַגריף האָט שלום אַש פון זיין „גאָט", וואָס זיצט ערגעץ אין הימלישן פּאַריז, פרעסט געדעמפּעכץ און אַמוזירט זיך מיט אַלערליי ווילדע אינטריגעס.

און היינט אָפּאַטאָשו

איך קען אָפּאַטאָשוס גרויסקייט נישט פאַרשטיין. זיין זון איז מיר צו שאַרף. איך קען אַזוי הויך נישט קוקן.

נישט באַשערט מיינע אויגן.

די „פּוילישע וועלדער", ווען י. ל. פּרץ וואָלט זיי איבערגעשריבן, וואָלטן זיי געווען מייסטערווערקן.

אַזוי ווי עס איז, איז עס אויסגעצייכנטער פאָלקלאָרישער מאַטעריאַל נישט ערגער ווי — די קוואַלן פונוואַנען דער שטאָף איז גענומען.

פאַר זיינע קליינע זאַכן אין „טאָג" זאָל מיך גאָט נישט שטראָפן!

און דאָס איז מיר טאַקע דאָס רעטעניש:

צי איז מעגלעך, ברידער, אַז אַ לאָקאָמאָטיף זאָל קענען „פליען" פון ניו־יאָרק קיין קאַליפאָרניע, און פון ניו־יאָרק — קיין פילאַדעלפיע זאָל ער קיין קויעך נישט האָבן צו גיין?

און אויך די אייגענע מאַינסע: מעגלעך, אַז אַ שרייבער זאָל קענען אָנשרייבן גוואַלטיקע ביכער, און קיין בריוול צום טאַטן זאָל ער נישט קענען אָנשרייבן?

און דאָס וואָס קאָלעגע ב. צ. גאָלדבערג פון „טאָג" האָלט, אַז י. אָפּאַטאָשו איז קימאַט דער איינציקער (באַם פאָלק פון אברהם־יצחק־ויעקב) וואָס איז ראָע צו זיצן אַף דער ליטעראַרישער קיסע־האַראַבאָנעס, אַרט מיך אויך נישט. לאָז ער זיצן! לאָז מען אים אָנטוען אַ געשטיקטע יאַרמיקע און לאָז ער זיצן און זאָגן טוירע, און לייענען קוויטלעך, און זיך בייזערן אַף די נעוויאים, און טון „אָנבריימן זיין גנאָד" אַף יענע, וואָס זענען זויכע...

י. אָפּאַטאָשו האָט געדולד אַסאַך, קען אַרבעטן, צונויפזאַמלען מאַטעריאַלן, אָבער פון דעם רוישטאָף מאַכן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל האָבן אין זיך אַ לעבעדיקן טאַם, דאָס גיט זיך אים נישט איין.

קריטיקער האָבן אָפילע אָפּט איבערגעמאַלעגיירעט די שטרויענע באַכמע, אַז אָפּאַטאָשוס זאַכן „שמעקן מיט ערד". איך האָב געפּרופט פאַרזוכן פון אָפּאַטאָשוס „פּיירעס" — פונם „פערד גאַנעווו" ביז זיינע טויט־מאָגערע עסקיצן אין „טאָג" און איך האָב טאַקע געהאַט דעם טאַם פון ערד אין . . . מויל.

:: :: ::

דער שרייבער עקס זאָגט מיר, אַז נאָכדעם ווי ער האָט 4 יאָר

געארבעט אף זיין נייעם בוך, וואָס גיט־איבער (ווי ער זאָגט) דעם „באָלשעוויסטישן אָנצינדן אף די גאַליצישע קאַנטן", מוז ער איצט. מיט 4 יאָר שפּעטער, די ערשטע קאַפּיטלען איננאַנצן איבערשרייבן, ווייל זיי געפעלן אים נישט און ווייל זיין טאַלאַנט איז היינט מיט פיר יאָר עלטער און צייטיקער געוואָרן.

ער דערקלערט מיר אויך, אַז דאָס איבערשרייבן פון א בוך געדויערט אים עפשער דריי מאָל אַזויפיל ווי דאָס שרייבן.

פאַר א „מענטש מיט א קאַראַנדאַשל", ווי מ'זאָגט אין קיעוו, איז דאָס אַן אינטערעסאַנטע מאַטעמאַטישע אויפגאַבע.

באַם שרייבער עקס געדויערט דאָס איבערשרייבן דריי מאָל אַזויפיל ווי דאָס שרייבן. און אַזוי ווי יעדע פיר יאָר ווערט א בוך פאַרעלטערט און מע מוז די ערשטע קאַפּיטלען (לאָמיר זאָגן כאָטש א העלפט פון דעם גאַנצן בוך) איבערשרייבן, און דאָס איבערשרייבן דאַרף נעמען א 6 יאָר, און אין זעקס יאָר אַרום וועט ער מוזן איבער־שרייבן מער ווי א העלפט, וואָס דאָס וועט געדויערן א מינימום פון 9 יאָר, און אַזוי ווייטער און ווייטער, היינט אויב אַזוי, ווי לאַנג דאַרף באַ אים נעמען צו ענדיקן א בוך?

זאָלן די ליטעראַרישע לייזערעליעם זיך א נעם־טון צו די שרייב־פענדלעך!

:: :: ::

פון די זאַכן, וואָס מיינע לערערס האָבן מיך געלערנט, האָב איך קימאַט אַלע פאַרגעסן, אַכוץ די פּענימער פון מיינע לערערס.

זאָלן מיר דאַפון צומאָל נישט לערנען קיין מאָראַל, אַז איבער אַלע ביכער, איבער אַלע לערערס — איז דער מענטש?

בערגעלסאָן, רייזען, גלאַזמאַן

ביי איין שרייבער טומלען זיך זיינע מענטשן אַף אַזאַ גרויס שטיק ערד, אַז ער האָט אַף זיי קיין פּלאַץ נישט אין די געאָגראַפישע לענדער, — פירט ער זיי אַריבער ווייטער, אין אומבאַקאַנטע לענדער; גיט זיי אומבאַשטימטע נאַציאָנאַל־כאַראַקטעריסטיקן, מיט דער קאַוואָנע זיי צו שטעלן העכער פון פאָלק, לאַנד, צייט. מאָלט ער זיי נאָנדעסקריפּט.

אַן אַנדער שרייבער טוט דאָס אייגענע. נאָר וואָדען? בא אים איז די קאַוואָנע צו פאַרשטעלן דאָמיט זיין נישט־געניטשאַפט אין מענטשלעכע רייד, אין מענטשלעכע מאַיסים. אַף דער לעוואָנע ווייסט דאָך קיינער נישט ווי מען רעדט. מ׳דאַרף נאָר רייטן אַף הויכער איווריע, זיך האַלטן באַם האַרץ און דעקלאַמירן: „אָה!" ווערט דאָס אָנגענומען פאַר שטאַרקן טאָן...

מיר וואַרענען דעריבער אונדזערע מיליאָנען לעזער, אויב זיי האָבן נישט קיין בילכערס צו טאָן, זאָלן זיי זיך אויסלערנען אָפּשיידן דעם שרייבער, וואָס זיינע פּיעסן קומען פאַר אין ערגעצנישט, דאַפאַר ווייל די וועלט איז פאַר זיי צו קליין, פון דעם שרייבער וואָס זיינע מאַיסעס פאַרלויפן זיך אין ערגעץ נישט, בלויז דאַפאַר, וואָס זיי פאַרלויפן זיך טאַקע אין ערגעצנישט!

:: :: ::

אַז איך טראַכט פון דוד בערגעלסאָן קומט מיר אָפּט אָפן געדאַנק, אַז פאַר דעם יונגן טאַלאַנט זענען בלויז אָפן צוויי וועגן: ער קאָן ענטוועדער דירעקט אַרבעטן צו מאַכן זיך אַ גרויסן נאָמען, אָדער ער קאָן אַרבעטן אַף אַזוינע ווערק, וואָס זאָל אים מאַכן אַ גרויסן נאָמען!

די „קלענערע פישלעך" באַנוצן זיך מיט דעם ערשטן מיטל. ס׳איז גרינגער.

די אַנדערע באַנוצן זיך מיט „מיטל נומער צוויי".

דאָס איז אַ שווערער, פאַוואָליעדיקער וועג.

:: :: ::

בערגעלסאָן איז צופיל פאַרנומען מיט זיין אַרבעט צו קענען טאָן עפּעס אַנדערש.

דאָס הייסט נישט כאָלילע, אַז ער איז אַזאַ „צאַדיק אין פעלץ",

און אַז דער רייעך פון אַ בלומען-בעזימל איז נישט זיס צו זיינע נאָזלעכער! נישט מער די אַרבעט אַליין איז בא אים בילכער!

עס האָט געלעבט אַמאָל אַן אַקטיאָר דוד קעסלער (נישט אין אונדזער מאָס געערדט!), וואָס פאַר אַ גראָשן, וואָלט ער געוועזן... כ'ווייס-אַליין-נישט-וואָס. פונדעסטוועגן, אַז אַ פּיעסע איז אים נישט געפעלן, האָט ער געקענט מאַכן אַ קאָזשעליק אין מיטן פון אַ „טראַגישער סצענע„ דערהאַרגענען דעם דערפאָלג פון דער נעמלעכער פּיעסע, און אַליין פאַרלירן דערביי טויזנטער.

קעגן בערגעלסאָנען איז דאָס אַ מאָשל, בלויז אַף אַזוי־פיל, ווי ער איז אויך נישט בא זיך אין די הענט. ער שרייבט נישט וואָס ער וויל, נאָר דאָס וואָס ער מוז!

:: :: ::

בערגעלסאָן איז אונדזער גרעסטער שפּראַך-עקאָנאָם. ער שרייבט בלויז יעדעם דריטע אָדער פערטע וואָרט.

די ערשטע דריי־פיר ווערטער שרייבט ער אינגאַנצן נישט.

בערגעלסאָנס שטייפע, שפּאָרעוודיקייט מערקט זיך נישט נאָר אין זיין מעפּונעקשן קלייבן פון די ווערטער (יעדער וואָרט ווערט בא אים דורכגעטאַפּט אַף צונג־און־אויער עטלעכע מאָל, דערנאָך ווערט עס באַקוקט מיט אַ שפּאַקטיף פון אַ זייגער־מאַכער!), נאָר אויך אין ווערטערצונויפבינד.

בערגעלסאָן שרייבט: „באַ זונזעצנזיד", „ריזנקוימענס", „דאָרפּסקלייטלאַד", „פּעלדווינט".

בערגעלסאָן איז דער גרעסטער „אַנטיסעמיט" פון ווערטער. עס דאַכט זיך, ער טוט אָפּ אונדזער מאַמע-לאָשן אַ שפּיצל, וואַרפט וואָס־אַמאָל ארויס מער שורעס פון זיין שרייבן, ביז סאָף־קאָל־סאָף וועט ער זיך באַגיין אינגאַנצן אָן ווערטער!

בא בערגעלסאָנען זענען לויטער צישן־שורעס. די געדרוקטע שורעס זענען בלויז דאָ, קעדיי מען זאָל קענען לייענען די ווייסע שטרייפלעך אינמיטן.

:: :: ::

ברוך גלאַזמאַן באַשרייבט אַ מענטשן און — וואַרפט אים אַרויס.

אברהם רייזען באַשרייבט אַ מענטשן און — גיט אים אַ סטיפּענדיע אַף אייביק!

ער קאָן זיך שוין מיט אים נישט צעשיידן.

נישט מיט אים, נישט מיט זיינע קינדער, נישט מיט זיינע קינדסקינדער.

רייזענס העלדן טרייבן אַרויס רייזענען פון . . . זיך אַליין.
צוליב זיי האָט ער נישט וואו צו וואוינען, און ער מוז אָפּזיצן טעג אין קאַפיי.
באַ גלאַזמאַנען איז דער באַוועג־מאָטיוו: רישעס. באַ רייזענען: גוטברודערשאַפט. באַ בערגעלסאָנען: נייגיר.
בערגעלסאָן באַשרייבט אַ מענטשן, גיט אים אַ קניפּ אין בעקל (אָדער ערגעצאַנדערש) און . . . פאָרט ווייטער.
זיינע שטאָפן זענען לויטער קווינטעסענץ. זענען כעמישע מענטש פּילן, וואָס האָבן דעם וואונדערלעכן טאַם פון לעבעדיקע מענטשן!

:: :: ::

אַ גרינגער, שיידימדיקער שמייכל איז אַף בערגעלסאָנס ליפּן.
ווען אידיש וואָלט פאַרמאָגט אַזאַ וואָרט ווי eery אָדער uncanny, וואָלטן מיר זיך נישט געשעמט און מיר וואָלטן די צוויי ווערטער גענוצט בענעגייע בערגעלסאָנען.
אוי, קאָן ער דיר אָפּטוען אַ זביטקע, דער בערגעלסאָן!
אַ פאַרבלענדזער, אַ פאַרבלענדזער, וואָס שפּילט מיט אונדז פאַרבלענדעניש, ציט באַ אונדז סטענגעס פון דער נאָז, לייגט אונדז אייער אין די קעשענעס...
צום גאַפן איז דאַביי, וואָס די סטענגעס בלייבן טאַקע באַ אייך, ווי עמעסע סטענגעס, און פון די אייער וואָס ער האָט אייך אַריינגעקישעפט אין קעשענע אַריין, קענט איר מאַכן אַן אייערקוכן!

מער אָדער ווייניקער

דער שלעכטער שרייבער שרייבט שטענדיק דאָס וואָס ער וויל, דער גוטער שרייבער שרייבט דאָס וואָס ער קען.

נאָר דער ערלעכער שרייבער קען שטענדיק שרייבן דאָס וואָס ער וויל, ווייל דאָס וואָס ער וויל איז שטענדיק אין די גרעניצן פון זיין קענען!

:: :: ::

עס איז דאָ מענטשן וואָס טראָגן־צו א גלעזל וואסער מיט אזא אָנשטרענגונג, אז זיי שוויצן אזש דערביי.

מיט דעמזעלבן שווערן זשעסט (סטיל־גרימאסן) דערלאַנגען אייך א טייל „בעקאָוועדיקע שרייבער" זייער גלעזל וואסער — מי וואָלט געקענט מיינען, אז דאָס דערלאַנגען זיי דעם לעזער מי־יודע וואָסערע „פעסער מיט ווין"!

:: :: ::

מיר סאַלוטירן דעם סאָוועטישן פּלאַן צו מאַכן א צענויפשלוס צווישן די פּראָלעטישע שרייבער מיט די אַרבעטער פון די פאַבריקן.

מיר ווייסן, אז די קולטור־שמעגעגעס וועלן שרייען געוואַלט, מ'קוילעט זיי די ליטעראַרישע קאַפּאַטעס!! און סטייטש, קונסט זאָל זיך גאָר אראָפּלאָזן צו אַרבעטער! און סטייטש, די „האַרענטע" (קונסט) זאָל זיך גאָר לאָזן דיקטירן פון דער „שפחה" (אַרבעט)!...

מיר ווייסן, אז די ראַספּליש־בריגאַדע, וואָס לעבט פון פען־פּראָסטיטוציע, האָט ליב צו קראַקן וועגן ערע, וועגן הייליגקייט, און נאָך אזוינע זאַכן. מיר ווייסן אויך, אז וואָס „הייליקער" די פען־פּראָסטיטוטקע איז, אַלץ העכער איז איר פּרייז... נו, זאָלן זיי קראַקן, די וואַראָנעס, אַף זייער וועג צום ווינטער.

מיר, די פּראָלעטפּעניקעס, נעמען־אָן מיט פרייד דעם צענויפשלוס פון פען מיט נאָדל, פון פען מיט האַמער, פון פען מיט סערפּ, פון פען מיט קאָנווייער. מיר גלויבן, אז קעדיי צו קענען ערלעך אַרויס־ברענגען פון זיך די נויט, און אַרויסזינגען פון זיך די פרייד פון אַרבעט, איז נויטיק א לעבעדיקער קאָנטאַקט מיט שאַפּ, פאַבריק און פעלד. מיר גלויבן, אז די פען האָט נישט קיין „הייליקערע מיסיע" ווי צו מאַכן דאָס לעבן שענער, לעבנווערדיקער. מיר גלויבן, אז די „מיסיע" פון דער קונסט איז צו לעשן וואונדן, טריקענען זומפּן, העלפן בויען הייזער, באַקן ברויט. מיר גלויבן נישט, אז די „קונסט" איז א מעלו־

כע פאר זיך. מיר גלויבן נישט, אז דער „זיסער ציטער" פון קונסט קען זיך פארגלייכן מיט דער ביטערער פיין פון רעאליטעט. מיר גלויבן נישט, אז דער קינסטלער איז באשאפן געווארן אף גרויס־צו־מאכן דעם קינסטלער. דער ציל פון דער קונסט איז גרויס־צו־מאכן די וועלט, דאס לעבן, דעם לעבעדיקן מענטש.

לאנג לעבן זאל אונדזער ענגערער צענויפשלוס, כאווירים פון די פאבריקן! מיר שטייען גרייט מיט אונדזערע פענעס צו דינען — נישט דעם נארישן אפגאט „קונסט", וואס קיינער ווייסט נישט אקוראט וואס דאס איז — נאר דעם אלוועלטלעכן פראלעטאריאט.

:: :: ::

דער פענונביקסלער פארצייכנט (פאר ח' שטיפ'ן און אנדערע שפראכ־פארשערס), אז דאס אידישע ווארט „אווירן" („ער אווירעט זי ווי דעם קייסער") נעמט זיך פון דעם אלט־דייטש־ווארט: „האפירן" „מאכן דעם הויף", אוכאזשעווען.

:: :: ::

זיי האבן א טעווע — די קאנאליעס, אז דאס וואס זיי קענען נישט צעשטערן, פארכויזעקן זיי מיט פאראדיעס.

דער פאראדיסט איפסילאן, וועלכער וואוינט אין א „פענטהויז", איז אנגעשטאפט מיט גאלד, וואס ער קריגט פאר זיינע שי־טערע בלאע כאכמעלעך — איז אים נישט גענוג, וואס ער לאכט אין די הויפנס פון סטרייקס און פיקעטליינס, נאר ער דארף נאך רעזשיסירן און — טאקע אליין אפשפילן די הויפט־ראלע, אין א ביליגער פאראדיע אף א פיקעט, קעדיי אריינצוברענגען דעם עלע־מענט פון פלאכן בורלעסק, אין דער קלאסישער ארבעטער־טראגעדיע פון סטרייק און פיקעטליין.

:: :: ::

ווי פארשידענע מענטשן זעען: איינער פארט אין ס"פ, זעט ווי מ'רייסט פון זיך אפ ס'לעצטע שטיקל ברויט צו קויפן מאשינען אף צו בויען מאשינען אף צו באשאפן ברויט, און ער קומט קריק און זאגט:

— זעט, 160 מיליאן מענטשן מאטערן זיך אין גרויס העלדישקייט, צו באשאפן א בעסערע וועלט, לאמיר צעברעכן די וואנט פון קלאסן־סינע, וואס איז ארום זיי, לאמיר זיי אויסשטרעקן א האנט, לאמיר זיי העלפן קומען צו זיך פון דער יערושע וואס דער צאר און די מילכאמע און דער בירגער־קריג האבן זיי געלאזן.

דער אנדערער (דר. עלסבערג, אשטיינער) פארט און זעט ווי

אַנגעשטרענגט יעדער איינער איז, ווי מען צאַפּלט זיך אין דעם נייעם טעמפּ פון בויען, ווי מ׳שיקט אַרויס די נויטיקסטע פּראָדוקטן פון לאַנד, קעדיי צו קריגן מאַשינען און טעכניקער און ער זאָגט:

— זעט ווי די מענטשן מוטשן זיך נעבעך. לאָמיר אַרויפשטעלן אַף זיי אַ פּוס און זיי דערשטיקן . . .

:: :: ::

— איז דער לעזער פון דער „מ.־פרייהייט" טאַקע אַף אַזויפיל העכער פון די אַנדערע לעזער, אַז ער פאַרשטייט יעדעס וואָרט וואָס מ׳רעדט צו אים?

— ניין. דער לעזער פון „מ.־פרייהייט" איז נישט אַזאַ פּער־פעקט־געבילדעטער מענטש, אַז ער פאַרשטייט אַלדינגס. נישט מער: אונדזער לעזער שעמט זיך נישט צו זאָגן, אַז ער ווייסט נישט. בעאיים זייער „בעסערער" לעזער שעמט זיך צו פרעגן דאָרט וואו ער ווייסט נישט.

אונדזער לעזער איז דאָרשטיק נאָך וויסן. ער וויל טאַקע אַליין וויסן, נישט אַז אַנדערע זאָלן וויסן, אַז ער ווייסט.

באַם קאָמוניסטישן לעזער איז דאָס וויסן נישט קיין פּאַווע־פּע־דער אין היטל, נאָר די שאַרף פון אַ שווערד. וואָס שאַרפער זיין וויסן, אַלץ פלינקער קען ער זיך פאַרטיידיקן קעגן סוינע.

דער קאָמוניסט, דער הונגעריקער באַלעבאָס פון דער וועלט — וויל נישט נאָר אויבערפלעכלעך באַקענען זיך מיט אַלערליי מאַשי־נען, נאָר ער וויל וויסן דעם סאָד פון יעדן מעכאַניזם.

דער קאָמוניסטישער לעזער וויל נישט נאָר לייענען גוטע זאַכן, נאָר ער וויל אויך מ׳זאָל אים אויסלערנען די מעכאַניק דאפון — טאָמער וועט ער מאָרגן אַליין דאַרפן ווערן אַ שרייבער.

אונדזערע כאַוויירים פון פּראָלעטפּען דאַרפן דאָס פאַרשטיין, אויפהערן „עסן בעאיים מי שטייט אַף דער וואָג", אויפהערן נוצן גרויסע ווערטער פון ווערטערביכער אַרויס, אויפהערן שרייבן אַזוי קונציק, אַז קיינער זאָל נישט קענען פאַרשטיין.

לאָמיר זיך באַמיען צו שרייבן אַזוי פּראָסט, לעמאָשל, ווי כ׳ גאָרקי!

:: :: ::

די טשאָלענט־טאַלאַנטן קענען נישט קאָכן קיין זאַך ביים אָפענעם אויוון, אָן איבלדיק־פּעטע זאַפטן, אָן . . . געהיימנישן.

דער „טשאָלענטירטער" שרייבער זעט נישט וואָס ס׳טוט זיך

אונטער זיין אייגענער נאָז. דערפאַר אָבער גערענקט ער דעם „נעכטן" אויסגעצייכנט, און ער דישעט אים אָפּ ציבעלעס.

:: :: ::

וואָס פעלט דער אידישער ליטעראַטור? ווען איר זאָלט אפילע זיין מיט טויזנט הערנער וועט איר נישט טרעפן וואָס „אידישע דיכטער" טראַכטען אז עס פעלט . . .

עס פעלט — אָרעמקייט.

די וואָרצלען פון „אונדזער" ליטעראַטור שטעקן, הייסט דאָס, אין האַרץ פון דער גרויסער, שרעקלעכער אָרעמקייט פון די מאַסן. שאַפט אָפּ די אָרעמקייט און איר וועט (לויט די „בעסערע ליטעראַטן") אונטערגראָבן „אונדזער ליטעראַטור" . . .

שאַ, לאָמיר נאָר פאַרשטייען וואָס דאָ טוט זיך: מיר דאַרפן זען אז די גרויסע פאָלקסמאַסן זאָלן זיך מוטשען אין גרויסע יסורים, ווייל דאָס איז קוואַל פאַר ליטעראַטור . . . מיר דאַרפן זיי אויפשניידן ס'האַרץ, קעדיי פון די טראָפּנס בלוט צו מאַכן פּאַטשערקעס פאַר עסטעטן . . .

די ליטעראַטור (ווי אַלע קונסטן) איז, הייסט דאָס, נישט קיין מיטל שענער און בעסער צו מאַכן דאָס לעבן, נאָר... פאַרקערט, וואָס מיאוס'ער און ביטערער אונדזער לעבן איז, אַלץ מער ליטעראַטור־מאַטעריאַל איז דאָס. ערגאָ: פאַרלאָזט זיך פּאַרעכעס, לייסטנברעך, שווינדזוכט! דערמוטיקט עס! . . . מאַכמעס אָרעמקייט און אידישע ליטעראַטור זענען ווי... אַנדערע צווילינג.

:: :: ::

נאָר ר' שאַצקי אַליין און ר' מנחם לעבן — און די אַנדערע אויסגעגלעטע און אויסגעצוואָגענע אידן, ווילן פונדעסטוועגן נישט לעבן אין אָרעמקייט . . . און ראַסלפלייש איז באַ זיי ליבערשט ווי א . . . שטיקל בלאָע מילך און א טעפּעלע קאַווע, און א ווארעם בורמעסל, און געגלאַנצטע שטיוועלעטן און א ברייט בעט, און הויכע קישנס מיט קלאָרע ציכנס און גוטע לופט — זענען אויך זאַכן פון וועלכע מי זאָגט זיך נישט אָפּ . . .

דעם פּאָלק", אָבער, רעקאָמענדירט מען מיט א גרינגן פּופּיק: „אָרעמקייט" — ווי א רעצעפּט פאַר . . . ליטעראַרישע שאַפּונגען.

„פּליז, מוטשעט זיך, אידן, ווייל מיר דאַרפן דאָס באַשרייבן אין די ביכער".

:: :: ::

די פּאַראַד־רעליגיאָניסטן זענען נאָך ערגער (און שעדלעכער) ווי די אַנדערע כניאָקעס. דער קולטור־כניאָק גלויבט נישט אין דער באַוועמאַינסע פון פּיסעך, פונדעסן פּראַוועט ער אַ סיידער און עסט קניידלעך מיט יויך. ער גלויבט נישט אין שוואועס, אָבער — בלינ־טשעס עסט ער . . .

דער קולטוריסט האַלט־אויף דעם שלעכטן רייאַך פון דער רעלי־גיע, אַז דעם קעז... ער באַלזאַמירט דעם לימבורגער דופּט, ווי עפּעס אַ „קולטור־ווערט״ אין זיך אַליין.

דער נישט־גלויביקער גלויביקער איז ווי אַ זעעוודיק־געוואָרענער וואָס מאַכט זיך אומיסנע בלינד, אוים הוילע סענטימענטן צו זיין אַמאָליקער בלינדשאַפט. אינדערזעלבער צייט אָבער, לערנט ער אַנדערע, וואָס זענען קיינמאָל בלינד נישט געווען, אַז מ׳קען אַריבערגיין דאָס לעבן מיט פאַרמאַכטע אויגן, בעאיים ער אַליין האַלט בלויז צוגע־מאַכט די אויגן אין זיין מאָדערנעם אויטאָמאָביל, וואו דער שאָפער (ציוויליזאַציע) האָט אָפענע אויגן!

:: :: ::

אויב די וועלט־קולטור זאָל ווייטער אַזוי קוואַלן אין הונדערט טויזנט שפּראַכן באַזונדער, וועט אין 10 טויזנט יאָר אַרום, שטעלן מיר זיך פאָר, קיין שום געבילדעטער מענטש נישט קענען מער ווי די קאַטאַלאָגן וואו עס זענען פאַרצייכנט די ביליאָנען ביכער, וואָס וועלן האָבן אויפגעוואַקסן אין די אַלע הונדערט טויזנט שפּראַכן.

וואָס וועט מען טוען?

מי וועט גאָרנישט טוען. די אַלוועלטלעכע סאָוויעטן וועלן פּי־לעוועז אַלע שפּראַכן גלייך. פאַרפּלאַנצן אַפילו נייע שפּראַכן. אויב אַ גרויסע צאָל מענטשן וועלן דאָס פאַרלאַנגען. עס וועלן נישט זיין קיין הויכע שפּראַכן און קיין נידעריקע שפּראַכן. אַלע שפּראַכן וועלן וואַקסן נישט אין אַ גלאָז־גאָרטן, נאָר אין דרויסן. נישט מער טאָמער וועט זיך אַ שפּראַך איינשפּאַרן און וועלן שטאַרבן, וועט מען זי לאָזן. מי וועט זי נישט מוטשן מיט געוואַלט, אַז זי זאָל לעבן. מי וועט נישט שטיין בא איר טויטן־בעט און איר שרייען אין אויער אַריין: „מוזט לעבן, שפּראַכעניו! אַז דו האָסט שוין געלעבט 110 יאָר, זיידע־לעבן, מוזטו שוין לעבן ווייטער אויך! מוזטו שוין לעבן „אייביק״!

דער נאַטירלעכער, אומגעצוואונגענער אָפּקלויב פון שפּראַך, וועט פירן דאַצו, אַז אין אַ וועלט וואָס איז היינט (צוליב

די נייע באַוועג־מיטלען) געוואָרן נישט גרעסער ווי אַמאָל איז געווען איין לאַנד, זאָל מען זיך נישט פּלאָנטערן אין הונדערט־טויזנט לע־שוינעס, זאָל מען נישט טרייבן קיין קולט פון דער צונג אָפּן כעשבען פונם געדאַנק. מיר שטעלן זיך פאָר: אַז אַף איין אוניווערסאַלער שפּראַך וועט אַוואַדע זיין גרינגער צו באַשאַפן קונסט־און־וויסנשאַפט ווערטן ווי אַף טויזנט שפּראַכן.

אַז אַ ביליאָן מענטשן וועלן מיט געדאַנק און צונג נוצן אַ שפּראַך דורך יאָרהונדערטן — שטעלט איך פאָר ווי אומענדלעך רייך די שפּראַך וועט ווערן.

וועט די נאַטירלעך־אָפּגעקליבענע שפּראַך זיין ענגליש? פראַנ־צויזיש? דייטש? קאַלמיקיש? אידיש? רומעניש? איטאַליעניש? וועט עם זיין אַ סינטעז פון פילע לעבעדיקע שפּראַכן? ווער קען דאָס וויסן פאָראויס? איין זאַך איז קלאָר: אַ וועלט־סאָוויעט וועט פון אַלע טויטע שפּראַך־בוימער דעם זאַפט און טאַם און רייעך ארויסציען, און דעם וואונדערלעכן קולטור־עקסטראַקט באַהאַלטן אין פאַרזיגלטע פלעשער אַף אַלע דוירעס און מיט דעם־אַ קווינטעסענצירטן שפּראַך־שטאָף באַשמעקן די לעצט־אָפּגעקליבענע שפּראַך. עס זאָל זיין ווי דער לעגענדאַרישער „מן" — יעדער זאָל אין דעם קענען פילן וואָס פאַר אַ טאַם ער האָט צום ליבסטן.

אין שאַפּ, אין גאַס, אין קאַפּיי

ס׳איז פֿאַראַן אַ רעגל, אַפּאַנים, באַ די שריפֿטזעצער, אַז אַלע מאַנוסקריפּטן, וואָס מ׳גיט צום זעצן, מוזן זיין געשריבן מיט טינט־און־פּעדער.

באַ מיר, ווייסט איר־זשע, איז אָבער זייער אַ שלעכטע, זייער אַ נערוועאישע האַנטשריפֿט. דאָצו בין איך אַ ביטערער פּען־מעכאַניק. אין די 25 יאָר, וואָס איך מאַך אויסיעס אַף פּאַפּיר, האָב איך מיך נישט אויסגעלערנט די מעלאָכע פֿון אויסוואַשן די „ענגלישע פּעדער״, האַלטן ריין דאָס ביסל גאָלד, וואָס איז אָפּן שפּיץ. דאַפֿאַר שרייב איך צומייסטן מיט אַ בליי. אַ שרייב־פּענדל האָט אַ מאַילע, וואָס סי רינט נישט, סי קלעקט נישט, סי פֿאַרשמירט נישט די פֿינגער און סי קאַפּריזעוועט זיך נישט, ווען סי קומט צו גלאַנציקע פּלאַכן.

מיינע קסאַוויאַדן קומען קימאַט שטענדיק אַרויס בעסער, ווען זיי זענען געשריבן מיט בליי. זענען ריינער צו לעזן. די אויסיעס זענען דייטלעכער און ווען איך דאַרף אויסשטרייכן עפּעס—מעק איך אויס מיטן מעקער און שרייב אָן אַף ס׳ניי מיט ריינערע און שוואַרצערע אויסיעס. אַף טינט־געשריבענע בלעטלעך קען איך דאָס נישט טאָן. שרייב איך און מעק, שטעל קאַטשערעס מיט לאָפּעטעס איינס אַף ס׳אַנדערע און סי קומט אַרויס ווי אַ שוואַרץ־יאָר.

איז דאָך, דאַכט זיך, דער סייכל מיסבאַיעוו, אַז אַדראַבע: לאָז ער שרייבן מיט אַ בלייפּעדער. וואָס אַרט עס עמיצן, אַ שטייגער, מיט וואָס איינער שרייבט, אַבי סי קומט אַרויס ריין צום לעזן, און דער כאַוועד זעצער דאַרף זיך די אויגן נישט אַרויסנעמען?

גייט זשע פֿרעגט באַם כאַוועד „סטאַרשע״ פֿון אונדזער דרוקשאַפּ! אַז ער דערזעט מיינעם אַ מאַנוסקריפּט, געשריבן מיט אַ בליי, איז ער גרייט מיך דווירעס צו זיין. „ער וועט עס נישט דרוקן״. „די זעצער נעמען זיך אַרויס די אויגן״. „ער איז נישט כוילע צו שרייבן מיט טינט״. „וואו איז עס געהערט געוואָרן״.

שרייב איך הייגטיקסמאָל מיין טינט־און־פּעדער מיט טינט. וועלן די זעצער האָבן מער אַרבעט אַרויסצוקריכן פֿון מיינע קאַטשערעס־און־לאָפּעטעס, און מיר אַליין וועט אויך זיין אַסאַך שווערער דאָס שרייבן. נאָר סי מאַכט נישט אויס. אַבי דאָס געזעץ ווערט אָפּגעהיט.

:: :: ::

ווי זאָגט איר: ס'איז שוין לאַנג שטיל געווען! טאָמער האָב איך כאַטש אין דרוקשאַפּ נאָך אַ פּאָר כאַוויירים, מיט וועמען איך בין נישט צעקריגט, דאַרף מיך דער גוטער יאָר אָנטראָגן מיט דעם־אָ פריערדיקן נאָטיץ!

:: :: ::

. . . געזעסן באַ אַ פּויעלציאָניסט אין צימערל, געטרונקען טיי און געמישט מיט זיין פאַלש-זילבערן לעפעלע.

האָבן מיר זיך צעשמועסט וועגן די „אַמאָליקע גוטע יאָרן", ווען איך בין אַליין שיר־שיר געוואָרן אַ פּויעל־ציאָניסט, נאָר דאָס האַרץ איז מיר אַביסל געשטאַנען אין וועג.

היינט זענען אונדזערע וועגן צעשיידט. ער פאָרט אַף אַ גוט־אָנגעזאָטלט פערד קיין מיזרעך. איך גיי צופוס קיין מאַירעוו. ער עסט ברויט באַשמירט (שוואַכלעך) מיט ציאָניסטישער פּוטער. איך עס ברויט מיט זאַלץ, און דאָס זאַלץ איז אָפט זאַמד (מ'בייט עס איבער אין זאַלצמעסטל).

זיצט צישן אונדז צוויי אַ דריטע, אַן אומפּאַרטייאיש און ניש־קאָשעדיק מיידל. וויל זי וויסן: אייגנטלעך וואָס איז דער כילעק צישן לינקע פּויעלע־ציאָניסטן און קאָמוניסטן?

איך ענטפער איר אַזוי קלאָר ווי מעגלעך. אָבער זי ווערט דאַפון נישט קליגער. קלאָרע רייד זענען אָפט ווי קלאָר וואַסער — מי זעט דורך זיי אַף דער אַנדערער זייט אַריבער.

אַ מאָשל קען אַמאָל העלפן.

צי איך אַרויס פון מיין מעשאָלים־פּעקל אַ מאָשל מיט אַ אידן, וואָס טרינקט זיך באַם ברעג יאַם, אין סי־געיט. איך און ער (דער פּויעל־ציאָניסט) זיצן נישט וויַיט פון דעם אָרט, וואו דער מענטש טרינקט זיך, און מיר רעדן וועגן . . . ליטעראַטור. מיטאַמאָל דער־הערן מיר אַ געשריי: „געוואַלט, ראַטעוועט אַ אידן!" וואָס פּאַסירט? איך (אָדער דו דער קאָמוניסט) שפּרינגג אַריין און פּריף ראַטעווען דעם גאַנצן מענטשן. מיין פריינט אָבער, דער „לינקער פּויאַלע־ציאָניסט", גייט פּאַוואָליע אַריין אין וואַסער אַריין, מאַכט צומערשט אַ „שעהאַקל" איבערן יאַם, דערנאָך פּריפט ער ראַטעווען בלויז אַ טייל פון דעם טרינקענדיקן.

בעאיים איך מיש די טיי מיט דעם פּויעל־ציאָניסטישן פאַלש־זילבערן לעפעלע, פיר איך אונטער מיין לאַנגן מאָשל אין דער ברייט: קאָמוניסטן גלויבן, אַז מ'קען ראַטעווען דעם גאַנצן מענטשן

אָדער גאָרנישט. אנדערע (דר. חיים זשיטלאָווסקי, אשטיינער) גלויבן, אז מ'קען ראטעווען א האלב־דערטרונקענעם צוביסלעכווייז!

:: :: ::

די סאָציאַל־דעמאָקראַטן זענען דעם ארבעטערס רואיקע, פיינע קלעזמער. אז דער ארבעטער טרינקט זיך אין א יאַם פון עקאָנאָמישער נויט, זיצט א קאפעליע מיט „רויזע בעקלעך„ באם ברעג יאם, און מ'שפילט אויף א פריילעכס, קעדיי איך צו פארווײלן די שווערע צייט פון דערטרונקען ווערן.

:: :: ::

מיר אַלע אין רעדאקציע „פרייהייט" האָבן, אף דער אייצע פון כאַווער מ. אָלגין, אויפגעהערט זיך אירצן איינס ס'אנדערע. וואָס פאר־א אירצן זיך בא באָלשעוויקעס? וואָס פאר־א צערעמאָניען זיך, בעאיים מי ליגט אין די גריבער און מי וואַרט אפן סוינע?

זייער פיין פון דיר, מיין פּראַכטיקער כאַווער מ. אָלגין!

נאָר אויב שוין יאָ אַזוי, מאַך איך אַ פאָרשלאַג, אז אויך די רעדאַקציע זאָל אויפהערן זיך אַליין צו אירצן, זאָל אויפהערן צו שרייבן וועגן זיך בעלאָשן־ראַבים.

דער רעדאַקטאָר זאָל נישט שרייבן „מיר", ווען ער מיינט „איך".

נאָך מיין מיינונג, איז אסאַך באשיידענער צו זאָגן וועגן זיך אַליין „איך האָב היינט געגעסן וועטשערע", ווי „מיר האָבן היינט געגעסן וועטשערע", אָדער „מיין ווייב איז געלעגן געוואָרן", אָנשטאָט „אונדזער ווייב איז געלעגן געוואָרן".

:: :: ::

אַקוראַט 10 יאָר נאָך א. וויטערס טויט האָט זיך „ש. יעזוסל ניגער" דערמאָנט, אז ער (ש. נ.) האָט אים פאַלש אָפּגעשאַצט, און אז ער איז גאָרנישט געווען אזא שלעכטער שרייבער, ווי ער (יעזוסל) האָט געמיינט.

דאָס טאַינען דאָך אַלע „שלעכטע מענטשן", אז די „יאָרצייט־מיינונגען" פון אונדזערע קריטיקער זענען היפּש אנדערש פון די מיינונגען, וואָס זיי האָבן וועגן א מענטשן מיט 10 יאָר איידער ער שטאַרבט!...

:: :: ::

עס זענען דאָ שרייבער, וואָס לעבן בלויז צוליב דער אויפשריפט אף זייער מאַצייווע.

לעמאָשל אברהם רייזען:

אז ער גיט דעם קעלנער 5 דאָלאַר טרינקגעלט — דאָס ווייסט

„די געשיכטע". אָבער אז ער בּאָרגט בּא מיר די 5 דאָלאַר און גיט נישט אָפּ — דאָס ווייסט שוין „די געשיכטע" נישט!

אז ער לויבּט קימאַט אַלע יונגע שרייבּער — דאָס ווייסט „די געשיכטע" און זי פאַרשרייבּט עס אָפּן כעשבּן פון זיין גוט האַרץ. אז ער האָט מוירע זיך איינצוריידן מיטן מינדסטן טינט־שמירער, יענער זאָל, כאָלילע, נישט אָנרירן זיין קרוין — דאָס איז שוין „די געשיכטע" נישט מעכויעוו צו וויסן.

אז ער לעבּט ווי אַ „בּאָהעם" — דאָס זעט „די געשיכטע", וואָרין ער טרינקט דאָך ווין און הוליעט בּיזן ווייסן טאָג אַריין. אָבער אז ער טראָגט רויט־וואַרעמע זאָקן — דאָס קען שוין „די געשיכטע" נישט זען, וואָרין „די געשיכטע" לויזט נישט קיין זאָקן!...

:: :: ::

אויבּ דער צוועק פון דער לאַטייניזירונג פון דער אידישער שריפט איז צו מאַכן אונדזער „שפּראַך צוגענגלעך צו די נישט־אידן", וואָלט שוין גלייכער געווען מי זאָל אינגאַנצן רעדן אָפּ . . . נישט־אידיש. אויבּ אַ לאַנגע נאָז איז מיאוסער פון אַ קורצער נאָז, וואָס וועט שוין מ'שטיין געזאָגט העלפן, אז מי וועט זי אָפּשמירן מיט פּיליטור?

:: :: ::

ציאָניסטישע אידישיסטן

מיר איז אָפּט אַ גרויס כידעש אָפּ די „ציאָניסטישע" אידישיסטן, וואָס בּייזערן זיך קעגן „לאָשן־קוידעש".

איך אַליין האַלט, אז „ס'לאַנד פון די אָוועס„ און „ס'לאָשן פון די אָוועס" קענען נישט צעשיידט ווערן.

עס איז אונדזער ראָמאַנטיק, אונדזערע יונגע יאָרן אין כיידער: אַ בּיים־האַמיקדעש, אַ מישקן, אַ כוישן־וועאייפעד, אַ קויהען־גאָדל, לעמער־זאָדיקעס, נירן־פעטס, טייך כידעקל, אַכאַשווייראָש.

— וואָס קען זיין ראָמאַנטישער?

פאַר מיר איז אי דאָס „הייליקע לאָשן" אי דאָס „הייליקע לאַנד" די אָרימע יערושע, וואָס איז פאַרזשאַווערט געוואָרן אָפּן בּוידעם.

שלעפּסטו זי אַמאָל אַרויס פון דעם צעפאַלענעם קופערט, די „יערושע", און בּא דעם לעכט וואָס איז דורכגעזיפּט דורך בּוידעם־שפּינוועבּס, בּאַטראַכסטו דאָס אַלטע בּאַגאַזש און... בּענקסט אַבּיסל.

אָבער פון בּוידעם אַראָפּנעמען דאָס אַלטע רענצל און עס נוצן, דאָס פאַלט מיר נישט איין!

ווי ס'פאַלט מיר נישט איין אַראָפּצונעמען פון בּוידעם מיין

עלטערבאָבעס סאַמעט־שיטל און עס געבן פּאַר אַ מאַטאָנע צו מיין זונס קאַלע...

די אָבער וואָס האַלטן פון דער „באַסמאַלקע ציאָן" דאַרפן זיך נישט שטעלן קעגן איר לאַשן...

אויב אַ מעס עסט, דאַרף ער עסן מאַציייוועס.

:: :: ::

איך מאָל מיר אָפּ: אַ איד מיט צוויי לאַנגע געקרייזעלטע פּייעס, — אַז איינע איז גראָ, קען די אַנדערע נישט זיין בלאָנד.

אויב אָפּשערן — איז אָפּשערן ביידע פּייעס, אָדער — גאָרנישט.

„ציאָן" אַליין, אָן העברייאיש, איז ווי אַ מענטש מיט איין פּייע: קאָמיש און נישט שיין פאַרן אויג.

:: :: ::

די קוואַלן פון אידיש? טייטש־כומעש, ברודער, טייטש־כומעש!

דער אָנהויב פון „שלעכטן דייטש" איז דער ריינסטער קוואַל פון ריינעם אידיש.

אַ וואַסער קען זיך לייטערן דורך זאַמד, נאָכדעם ווי עס איז ווייט אַוועק פונם קוואַל, קען אַפילע זיך באַהעפטן מיט אַ טייך, אָדער מיטן יאַם, אָבער אייגענער ווי ס'איז באַם קוואַלבלעזל, וועט עס קיינמאָל נישט זיין.

:: :: ::

פראַגע:

אויב איך גלויב נישט, אַז ליטעראַטור איז אַ מאַלעכעס־האַקוי־דעש, פאַרוואָס־זשע פאַרנעם איך מיך מיט ליטעראַטור און נישט מיט שניידעריי?

ענטפער:

וויפל שניידער גלויבן דען, אַז זייער אַרבעט איז אַ „הייליקע אַרבעט"? פונדעסן פאַלט איך נישט איין צוצוגיין צו אַ שניידער וואָס פאַרנעמט זיך מיט שער־און־נאָדל שוין קנאַפּע 25 יאָר, און אים פרעגן „פאַרוואָס ווערסטו נישט קיין... שוסטער?"

אונדזער פאַך איז נישט „הייליק", און נישט אומהייליק. נאָר אַ גוטער באַלמעלאָכע האָט ליב זיין פאַך. האַלט צומאַלעם ערשטן ריין זיינע אַרבעט־געצייגן און זעט אַכוץ דעם, אַז די אַרבעט אַליין זאָל אַרויסקומען אַקוראַט.

אַ טייל שניידער האָבן ליב פוצן מיט טאַשמעס, אַנדערע האָבן ליב פּראָסטע אַרבעט. דער איקער אָבער איז, אַז מען זאָל נעמען

א מאַס (מיטן אייגענעם אויג) נישט אַף זיך, נאָר אַף יענעם. וואָרין אויב נישט, וועסטו עס מוזן אַליין טראָגן.

:: :: ::

שניידעריש גערעדט, איז א „ליטעראַט„ געגליכן צו א „באָסאָר־וועדראַמסקי שניידער".

א טייל מאַכן קליידער מיט קנעפּ, א טייל מיט שנאַלן, א טייל מיט „בלינדע פּיטעלקעס", און א טייל מיט „געהאַקטע", אָבער בלויז „שטעפּמאַנען" שטעפּן קליידער און פאַרשטעפּן די אַרבל, מ'זאָל זיי נישט קענען אָנטאָן.

:: :: ::

אין שניידעריי, ווי אין דער ליטעראַטור, איז פאַראַן „אַרבעט" און „קרעאַציעס".

שניידער, וואָס קענען נישט מאַכן קיין גלייכע נעט, גייען אוועק אַף דער פינפטער עוועניו, עפענען א שאַפּ מיט... אַנשטעל. און מיט אַסאַך דירע־געלט, און מיט א „ניגער באַ דער טיר", און מאַכן . . . „שאַפונגען".

אַף ענגליש: קריאיישאַנס.

אַף א „שאַפונג" פרעגט מען קיין קאַשעס נישט.

עס איז יעבידיש, פּריציש עקסקלוסיוו!

אַז א „קריאייטאָר" מאַכט אַמאָל א בלינדן טאָעס און פאַרשניידט אַן אַרבל, לאָזט ער אַרויס א „שאַפונג" מיט איין אַרבל. פאַרגלאָצט דערביי די אויגן און זאָגט: „אַדינאַרבעליזם", א נייע ריכטונג אין דער קונסט.

אַז א „שאַפער" האָט נעבעך נישט גענוג סכוירע אַף א גאַנצן בעגעד, מאַכט ער א קלייד ביז צום פּופּיק, און זאָגט, אַז די אַנדערע העלפט מוז דער „קאַסטימער" אַליין צוטראַכטן. דאָס רופט ער אָן: מיסטיק, קאַבאַלע, סאָד...

דער עמעסער סאָד דאַביי איז, אַז סיכאַפּט נישט קיין געוואַלט!

:: :: ::

ניין, קאָלעגע ה. לייוויק, מיר זענען נישט געבוירן געוואָרן צו זיין „קינדער מיט בענקענדיקע הערצלעך".

מיר זענען געבוירן געוואָרן אויסצובענקן דאָס ביסל בענקעניש און... זיך אויסלערנען א מעלאָכע, און זיך זעצן אַרבעטן.

אָן ביטרען, קינדערשן אַנשטעל.

און, אַז מיר קריגן א נידעריקן צייכן פון אונדזערע לערער, דאַרפן מיר נישט ווערן נאָך קינדערשער, און זיך אַוועקזעצן וויינען, נאָר פאַרקערט: מיר דאַרפן זיך א נעם־טון לערנען!

אויסצוג פון אַ רעדע

(געהאַלטן צו דער געלעגנהייט פון אויטאָרס 50־יאָריקן יובילוי, שבת אָוונט, דעם 9טן מערץ, אין סענט ניקאָלאַס פּאַלאַס, ניו־יאָרק)

:: :: ::

כאַווירים:

איך שליס זיך אָן מיט אייך אין דער גרינגער אויפגאַבע פון אַרויסבאַגלייטן אין זייער לעצטער רו אַריין משה נאַדיר׳ס 50 אָפּ־געלעבטע יאָר.

זיך אומקערנדיק פון דער דאָזיקער אומווירקזאַמער דעמאָנסטראַ־ציע קענגן אַלט ווערן, וואָס מ׳רופט עס אַף פּאָעטישן לאָשן „יובילוי", און אומקוקנדיק זיך איבערן אַקסל אַף די דערמאָנטע יאָרן, אין וועלכע אַסאַך ליטעראַריש וואַסער און ניט ווינציק קעמפער־בלוט איז אָפּגערונען, שווינדלט אַזש פאַר די אויגן פון דעם גוואַלדיקן שפּאַן וואָס די צייט האָט איבער אונדז געמאַכט.

אויב עס איז דערלויבט אַף דער קאַנווע פון מאַסנקאַמף צו ווייזן אויך דעם יאָכיד, וויל איך זאָגן אַז פון די „ווילדע רויזן", וואָס האָבן געבליט אין מיין קליינבירגערלעכן „ווילדן ווערטערוואַלד", וואו איך האָב אין ערשטן פּעריאָד פון מיין שריפטשטעלערישער טעטיגקייט אַרומגעבלאָנקעט אַן איינזאַמער, אַ מעלאַנכאָלישער, אַ קאַפּריזנער, ביז צו מיין היינטיקער פּאָזיציע פון אָנשפּאַרן זיך אַף פּען און ביקס און שטייען אָפן וואַך־פּאָסטן אין אַ „וועלט מיט אַרבעט", איז, אָן סאָפעק, אַ גרויס וואונדער אין מיין לעבן געשען, פאַר וועלכן (וואונ־דער) איך בין דאַנק־שולדיק אייך אַרבעטנדיקע, קעמפנדיקע אין ענטוזיאַזם־גליענדיקע מאַסן, וואָס — באַוועגט דורך אַן אומשטערב־לעכער ליבע צו דער מענטשהייט — פלאַמט איר מיט שטערבלעכן האַס אָט קעגן די אַלע וועלכע ברעכן אונדזער נאַקען אינם גאָלדענעם יאָך פון קאַפּיטאַליזם. און כאָטש דער באַרג, צו וועלכן אונדזער אויג קוקט אַרויף, איז שטענדיק העכער ווי דער מענטש אַליין, איז דאָס אָבער פאַר די מוטיקע און ניכטערע קיין סיבע ניט פאַרוואָס זיי זאָלן זיך צו באַרג־קלעטערונג ניט באַשליסן.

בלויז די דיכטער וואָס וויקלען זיך איין אין פּורפּורוואָל פון קלאָ־מערשטיקער פּיעטעט און פּיעשטשען זיך באַ זייערע נעשאָמעס ווי פאַרליבטע קעץ פאַר די קאָטערס, קאָנען אָפּהענטיק ווערן דערפון, וואָס „דער ציל איז הויך און די פיס זענען קורץ".

דער אָנהויב פון מיין איבערגאַנג פון טאָליקער בירגערלעכער איינזאַמקייט צו באַרגיגער ציל־באַוואוסטקייט האָט נאָך אין מיר — פאַר אַ לאַנגער צייט — אַנאַרכיסטישע שפּורן איבערגעלאָזט. דעריבער האָב איך נאָך אַ געוויסע צייט צו דער לעגינעשער הויכקייט געקלעטערט — איינינקער אַליין, אין לירישער איינזאַמקייט, אָפּט קאָפּשווינדל באַ־קומען אַראָפּקוקנדיק אין די אָפּגרונטן, וואו מיינע יונגע יאָרן האָבן געדרוישט אין צעזאָטענע שטראָמען. ביז איך האָב מיך דערמאָנט, אַז בערג־שטייגער מוזן זיך — ערשטנס: צענויפּריידן איינער מיטן אַנדערן און — צווייטנס: אַ וועגווייזער האָבן און... אַ קאָמפּאָס.

נאָך יאָרנלאַנגן איבערבראָך פון מיינע אָנשויאונגען איבער וועלט און מענטש, נאָך דער וואַסערפּראָבע, וואָס איז באַשטאַנען אין מיין איבערגיין פון אידעאָלאָגישער אומבאַוואָפנטקייט צו דעם שיינעם זשעסט פון ליטעראַרישן וואַפּנטרעגער, ביז דער פייער־פּראָבע באַ דער ציון־וואַקכאַנאַליע, שטיי איך איצט פאַר אייך, כאַווירים, אָט־אַזוי־אָ מיט לייב און מיט לעבן צונויפגעבונדן, נאָכגייענדיק אין די טריט פון אונדזערע גרויסע פירער, לענין און סטאַלין. די אויגן שטענדיק צום וויסנשאַפטלעכן מאַרקסיסטישן קאָמפּאַס געווענדט, אָבער קיינמאָל ניט באַזונדער, קיינמאָל ניט אָפּגעבונדן פון די קעמפנדיקע מאַסן.

פון אַ מיטלשטאַנדלעכן שרייבער מיט קאָלערליי פּריווילעגיעס און גאָר קיין איסכאַיוועס ניט צו קיינעם, בין איך, אַ דאַנק דעם אימפּעט און אָנרעג פון די פּראָלעטאַרישע קאַמפן, גליקלעך, קאָן איך זאָגן, אָנגעקומען צו דער שטופּע פון אַ שריפטשטעלער מיט אַ פולער פאַר־פליכטונג צום אַרבעטער־קלאַס און אָן שום דיכטערישע פּריווילעגיעס, סיידן אויב מען זאָל רעכענען פאַר אַ גרויסער פּריווילעגיע דאָס רעכט צו טראָגן אַזאַ גרויסאַרטיקע איסכאַיוועס צום קעמפנדיקן פּראָלעטאַ־ריאַט.

פאַרוואָס זענען מיינע ליטעראַרישע ערשטלינג־פּרוכטן געווען אַזוי פול מיט טערפּקן טרויער און פאַרלאָרנקייט? עס איז געקומען דערפון, וואָס דער דעמאָלדיקער מעטאָד מיינער פון פּראָטעסט קעגן דער בורזשואַזער וועלט איז געווען — ניט זעלבסט־קריטיק, נאָר זעלבסט־באַשפּייאונג.

דער שפּיי אויף זיך אַליין, ווי אַ לינדערונג־מיטל פאַר דעם ברע־נענדיקן און נאָגנדיקן „וועלטשמערץ”, איז געקומען, דענק איך, צום העכסטן אויסדרוק אין מיינע „פון־מענטש־צו־מענטשלעכע” נעשאָ־מע קראַצערייען. אויף אַ מינוט האָט דאָס באַפרידיקט און די זעלבסט־ביטערקייט געשטילט. „איך בין אַליין די אָפּגייענדיקע, די מיעסע,

די בורזשואַזע וועלט", האָב איך דעקלאַמירט קעגן שפּיגל. „איך בין אַליין די אונטערגייענדיקע זון. דער אָפּלויפנדיקער שוים. דער פון ליכט איבערגעשראָקענער שאָטן". אָבער באַלד האָב איך זיך געכאַפּט, אַז שפּייען אַף זיך אַליין איז גאָר קיין אויפטו ניט פאַר אַ מענטשן, וואָס רעכנט נאָך צו לעבן מיט זיך זעלבסט אַ לענגערע צייט. דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן פאַרשטייען, אַז דאָס וואָס וואַסער און ווינט פּאַסן זיך גרינג־צו צו יעדער קיילע איז נאָך ניט קיין באַווייז אַז אַ לעבעדיקער מענטש פון ביין און בלוט, דאַרף גיין אין זייערע גרינגע פּאָעטישע וועגן... און אַז איך האָב מיך און יענעם איבער־גאַנג־פּעריאָד צום צווייטן עקסטרעם אַ וואָרף געטאָן, האָט זיך באַקומען, אַז איך האָב ווי אַ שטיקל העפּקער־פלאָם זיך צו גאָר־ניט צונעפּאַסט. אַלע זעפּעסן וואָס האָבן מיך געוואָלט פענטן — פאַרברענט אַף אַש.

אויך דאָס גייט אַריין אין שווערן יסורים־צעטל פון אידייאישן איבערבראָך.

דער רייפער פּראָלעטאַרישער שרייבער באַנעמט מיט זיינע כושים ווי מיט זיין קלאַסן־אינטואיציע די וויכטיגקייט פון דיסציפּלינירטער צונויפבאַהעפטונג מיט די מאַסן, און איינמאָל האָסטו דיין קלאַסנ־אָנגעהעריגקייט דערקענט, טאָרסטו ניט לויז אַרומוואַרפן־זיך ווי רויער אייזן־גרוד, נאָר רואיק און אַלץ־אויספילנדיק זיך צו די קלאַסן־ווענט צוגיסן. און געדיינקט, איר כאַווירים, וואָס איר לאָזט זיך נאָך אַמאָל באַאיינפלוסן פון דעם „ריין־קינסטלערישן" ראָמאַן אין דער בורשואַזער צייטונג אָדער פון דעם געקרייזלטן ליד אין אַ באַלעבאַ־טישן זשורנאַל — געדיינקט, אַז בלינד־מאַכן קאָן מען ניט נאָר דורכ־דעם, וואָס מען האַלט אַ מענטשן צו־לאַנג אין דער פינצטערניש, נאָר אויך מיט דעם וואָס מען שטעלט אָן אַ צו־בליאַסקעדיק ליכט אַף זיין פּאָנים... דער „שיינקייט־גלאַנץ" פון בורזשואַזער קונסט איז אָט אַזאַ מין שעדלעכער פאַרבלענדונג־מיטל! אָנגעשטעלט אַף אייער אויג, וואָס איז שטענדיק איבערגעשראָקן און פינטלדיק ווען עס קומט צו „עסטעטישע ווערטן", צילט עס ניט אייער וועג צו באַלויכטן, נאָר אייך צו פאַרבלענדן, אייער געזונטע זע־קראַפט צו אַטראָפירן.

אָט דאָ ניט לאַנג ערשט האָט אַ בורזשואַזער פּראָפעסאָר פּראָק־לאַמירט, אַז די אויפגאַבע פון די קאַלעדזשעס איז ניט לערנען „וואָס" צו דיינקען, נאָר „ווי" צו דיינקען. דאָמיט האָט ער געמיינט צו זאָגן, אַז די שיין־דענקעריי איז דער סאַמע איקער, ד. ה.: אַז דער טראָפּ דאַרף געלייגט ווערן אַף דער דיקציע פון גייסט, ניט אַף זיין אינהאַלט,

וואָס דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ דאָפּלטער ליגן. ערשטנס, לערנען די קאַפּיטאַליסטישע שולעס ניט נאָר דעם אויסערלעכן סטיל, דעם „ווי”, נאָר אויך די אידעאָלאָגיע פון זייער קלאַס, דעם „וואָס”. און צווייטנס, איז פאַר די מאַסן וואָס האָרעווען און בלוטיקן און הונגערן, די פאָרם־שיינקייט גאָרנישט וויכטיק, וואָרים ניט מיט דעם פּאָסט־עלאָקווענטן „ווי” פאַרנעמען זיך די קעמפּנדיקע מאַכנעס פון דעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר מיט דעם באַדייטפולן „וואָס” פון אונדזער קלאָרער קאַמף־ליטעראַטור.

און דאָס וואָס די פענקנעכט וואַרפן אונדז אויף, אַז מיר זענען געבוירענע „האַסערס”, קאָנען מיר דערויף ענטפערן, אַז מיט אונדזער ליבע האָבן מיר, דער פּראָלעטאַריאַט, די וועלט באַפּעלקערט און איבערבאַפּעלקערט, גענוג־קאָנ־נען־פליש האָבן מיר, אַ דאַנק אונדזער ליבע, צוגעשטעלט דער בורזשואַזיע, גענוג הונגער־שטאַרבער און וואַסאַלן און קנעכט און ברידער־מערדער און לאַקייען. איצט הייסט עס: מיט אונדזער קלאַסן־האַס, ווי אַן אויסדרוק פון אונדזער ליבע צו דעם מענטשלעכן געשלעכט, די פרוכטבאַרע ליבע איינהאַלטן און האַסן, האַסן, האַסן. אַזוי לאַנג ביז די אורסיבע פון דעם האַס צווישן מענטש און מענטש — דער קאַפּיטאַליזם, וועט פולשטענדיק באַזיגט ווערן.

זאָלן די שלום אַשעס און זייערס גאַטונג זיך פאַרנעמען מיט „אַנטלויפונג־ליטעראַטור”, זאָלן די באַלעבאַטישע דיכטער שפּרייטן פון זייער פאַרנאַס בלויען „ווייַרויך” אַף צו פאַרטשאַדען און איינשלעפערן דאָס פאַרמוטשעטע געוויסן פון דער וועלט. מיר, פּראָלעטאַרישע שרייבער, גלויבן, אַז אין פאַל פון אַ גרויסער סרייפע, ווען די פלאַמען לעקן שוין די פענצטער, איז בעסער צו פויקן טרעוואָגע אַביסל צו הויך, איידער צו זינגען אַ שלאָפלידל אַביסל צו נידעריק.

דער זשענעווער „שאָלעם־פּראַק”, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע בעסטיע האָט אַרויפגעצויגן איבער איר גרויען זעלנערישן פעלד־מאַנטל וועט שוין היינט קיינעם ניט אָפּנאַרן. מיר ווייסן, אַז דער קאַפּיטאַליסטישער זייגער שלאָגט — מילכאָמע! מיר ווייסן אַז אַ כוואַליע פון פאַשיזם און שטאַט־קאָליגאַניזם טראָגט זיך אַף די פליגלען פון יעדן נייעם פּאָליטישן ווינטל — סיי דאָס ווינטל קומט פון רעוורענד קאָגלינ'ס קלויסטערל, סיי ס'בלאָזט פון היואי לאָנג'ס אָדער מר. הוירסט'ס אונטערערדישן פּאָליטישן קעלער, און סיי דאָס ווינטל קומט פון דעם מעכאַנישן לעצטן צאַפּל פון מר. רוזוועלט'ס אויסגעשטאָפּטן „בלויען פויגל”. מיר באַגרייפן, אַז מיר שטייען פאַרן גרעסטן קראַפט־פאַרמעסט

אין דער געשיכטע פון דער וועלט. און כאָטש דאָס האָרץ איז אומרו־איק, ציטערן אָבער די הענט ניט, און וויפיל קאָרבאָנעס דאָס זאָל ניט קאָסטן, דער אויסגאַנג איז אַזוי זיכער ווי דער אויפגאַנג פון דער זון נאָך די פייער־דונערן פון דעם שטורעם.

מיר זאָגן אָפן: מיר וואָלטן זיך קיין בעסערס ניט געוואונטשן, ווי צו זיין אימשטאַנד מיט בלויזער טינט־און־פעדער אָנצושרייבן דעם טויט־אורטייל דער בעסטיע, וואָס הייסט אימפּעריאַליסטישע דעראָבער־רונג־מילכאָמע. מיר גלויבן אָבער, אַז אונדזערע וואונטשן אין דעם פּראַט וועלן פון די „געטער" ניט אָנגענומען ווערן, סיידן דער פּראָ־לעטאַריאַט וועט אַט־די גוטע וואונטשן אונטערשפּאַרן מיט דער גאַנ־צער גיגאַנטן־קראַפט פון זיין פּאַראייניקטער פויסט.

גיין, גוט־מיינענדיקע „קאָלעגן" פון דער פען! איר וועט די נאַכט ניט אָפּשאַפן דורך דעם, וואָס איר וועט גיין שלאָפן אַלע טאָג פאַר זון־אונטערגאַנג און אויפשטיין נאָך זון־אויפגאַנג! אויך ניט מיט דעם, וואָס איר וועט די אויגן פאַרמאַכן און די פיינשמעקערישע נעז אין די זאַמדן פון קונסט־לעשעם־קונסט פאַרשטעקן...

ס'לעבן צווינגט, קאָלעגן, די אויגן אויפצומאַכן, ווי אומאַנגענעם דאָס זאָל ניט זיין. קוקן די פאַקטן גלייך אין פּאָנים אַריין. און גע־דיינקט, איר אידישע קאָלעגן פון דער פען: דער קלאַסן־באַוואוס־טער פּראָלעטאַריאַט ווייסט גענוי דעם ביליק צישן דעם עמעסן סימפּאַ־טיקער, וואָס וועבט אַ באַנדאַזש פאַר די וואָס קומען אַרויס פאַר־וואונדעטע פון אונדזערע טעגלעכע שלאַכטן, ביז דעם קלאַמערשטיקן „פריינד", וואָס מאַכנדיק צוערשט אַליין די וואונד, וויל ער עס דער־נאָך פאַרגלעטן מיט אַ „גוט וואָרט" אָדער מיט אַ פּלעסטערל...

און נאָך עפּעס: כאָטש מיר ליבן די ביקס ניט, פאַרפולקאָמען מיר זי אָבער קעגן אַלע, וואָס שפּאַרן זייער צוואַנגס הערשאַפט אָן אָפן קאַלטן געוועער פון עקספּלואַטאַציע, אַף די פייער־געווערן פון אינטער־ווענץ קעגן אונדזער סאָוועטישן פאָטערלאַנד, און אַף אימפּעריאַליס־טישע פּראָפיט מילכאָמעס ביכלאַל. מיר ליבן ניט דעם האַס — דער־פאַר שפּייען מיר אים פולשטענדיק אַרויס אַף די אַלע פאַרהאַסטע הענקערס.

אין נאָמען פון אונדזערע פּראָלעטאַרישע העלדן: רוועג, דימיט־ראָוו, ראַקאָשי, הערנדאָן, טעלמאַן, זאָגן מיר איבער דעם פּילאָזאָפס ווערטער: „אַלעס וואָס איז מענטשלעך איז אונדז ניט פרעמד!" און וואָס איז נאָך מענטשלעכער ווי אַנשטאָט ווי שקלאַפּן, ווי קנעכט, ווי הינט, צו וועלן לעבן ווי מענטשן?

דעריבער וואָרפֿן מיר די בורזשואַזע שרייבער אין פּאַרוואָשענעם פּנים אַריין דעם ליגן, אַז קאָמוניסטן האָבן ליב צו האַסן. די געשיכטע פֿון די פּראָלעטאַרישע קאַמפֿן באַווייזט, אַז מיר איזדיעקעווען זיך קיינמאָל ניט איבער קיין לעבעדיקן מענטשן און געוויס טרייבט דער פּראָלעטאַריאַט — ווען זיגרייך — ניט קיין אָרגיעס מיט מענטשלעך בלוט. מיר פֿאַרטיידיגן בלויז אונדזער פּאָזיציע אַלס די איינציקע היסטאָריש־באַרעכטיקטע אָנפֿירער מיט דעם לעבן פֿון דער נייער קלאַסנלאָזער געזעלשאַפֿט, וואָס וועט געבויט ווערן אויף די רואינעס פֿון דעם אַלטן — שוין היינט האַלב־כאָרעווון, פּראָפֿיט־סיסטעם, וועדליג דעם הערלעכן מוסטער פֿון דעם סאָציאַליסטישן אויפֿבוי אין לאַנד פֿון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, און פֿאַרטיידיגנדיק זיך האָבן מיר אין זינען, אַז דאָס פֿאַרטיידיגן מיר ניט נאָר אונדזערע אייגענע אינדיווידואַליסטישע הויטן, נאָר די גאַנצע אָנגעזאַמלטע מענטשלעכע ציוויליזאַציע קעגן די באַרבאַרן פֿון פֿאַשיזם אין אַלע זיינע העסלעכע מענטשן־פֿרעסערישע פֿאָרמען.

ניין, מיר האָבן ניט ליב צו האַסן. מיר האָבן אָבער אומענדלעך פֿיינט דעם פֿאַרהאַסטן קאַפּיטאַליזם, וועלכער ברענגט דער מענטשהייט אַזוי פֿיל אומגליק און פּלאָגן.

און צו די קלאָגן, וועלכע וואָרפֿן מיר אויף: סטייטש, ווי קאָן מען אַזוי ביטער ווי טאָן מענטשן וואָס מען איז ערשט ניט לאַנג מיט זיי בא איין טיש געזעסן און געשריבן? ענטפֿער איך: ווייל עס טוט מיר אַזוי וויי, דערפֿאַר טו איך אַזוי וויי.

און וואָס אַנבאַלאַנגט דאָס אָפּשאַפֿן פֿון פּריוואַט־אייגנטום, מיט וועלכן די באַלעבעסלדיקע שרייבער סטראַשן נאָך אַלץ די געגנט, איז וועלכן אַרבעטער, וועלכן קליינבירגער אַפֿילע קאָן דאָס היינט דערשרעקן בא א צושטאַנד ווען קימאַט א פֿינפֿטל פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג אונדזערער איז אויף רעליף־רייסטער! וואָס פֿאַר א פּריוואַט־אייגנטום האָט איצט דער אַרבעטער, דער אָרימער פֿויער, דער מיטלשטאַנד?

בא דער קעסיידער וואַקסנדיקער אַרבעטלאָזיגקייט און קאַפּיטאַליסטישער אויסוועגס־ לאָזיגקייט וועט אינגיכן דאָס גאַנצע פּריוואַט־אייגנטום פֿון דעם פֿאָלק — מיט דער אויסנאַם פֿון א הייפֿעלע באַנקירן און מאָנאָפּאָליסטן — באַשטיין פֿון א העמד אויפֿן לייב און אַמאָל דאָס אויך ניט!

פעדערשטריכן

בא די אַמעריקאַנער איז אַ מאָדע, אַז מען דאַרף געבן אַ שאַרף וואָרט" אָדער אַ גראָבן אויסדרוק. גיט מען דאָס אַף לאַטיין, אַזוי, אַז בלויז געלערנטע, דערוואַקסענע מענטשן זאָלן עס פאַרשטיין, און יונגע אינגלעך און מיידלעך זאָלן נישט פאַרדאָרבן ווערן.

מיר קאָנען אַנשטאָט לאַטיין נוצן — רש"י־קסאַוו!

זייער ווייניק יונגע מענטשן פאַרשטייען די רש"י־דרוקשריפט, וועלן זיי עס איבערהיפּן.

:: :: ::

אין אַן ענגלישן זשורנאַל ווערט איצט אַנקעטיזירט די פראַגע: ווער איז מער סעקסועל? — דער פּרימיטיוועד, צי דער גייסטיק־הויכער מענטש?

איך האַלט, אַז „גייסטיקע מענטשן" זענען בעטעווע מער „ליידנ־שאַפטלעך" ווי די אַנדערע.

וואָס פיינער דער גייסט פון אַ מענטשן, אַלץ מער טרייבט אים די נאַטור צו רעפּראָדוצירן, צו רעפּראָדוצירן דעם העכסטן ווערט פון גייסט!

די נאַטור, ווי אַ גוטע באַלעבאָסטע, האַלט אַן אויג אַף די ווערטפולע שטאָפן, מער ווי אַף די אַנדערע.

וואָס שענער דאָס „זונזעצנזיך", אַלץ מער איז דער פאָטאָגראַפיר־מייסטער אַ באַלן צו האָבן פון אים אַסאַך קלישייען.

:: :: ::

בא אַ טייל שרייבער איז דאָס שרייבן אַ פּראָצעס פון באַ־פרייען־זיך פון זייער צופיל, בא אַנדערע ווידער איז דאָס אַ פּראָ־צעס אָנצופילן דעם אייגענעם צו־ווייניק.

די ערשטע ווערן פרייער און גרינגער מיט יעדן העלד, וואָס זיי „שאַפן־אַרויס" פון זיך. די אַנדערע — ווערן מיט יעדן ניי־באַשאַ־פענעם „טיפּ" אַזוי פאַרוואָרפן, אַז זייער „אינעווייניק" באַקומט מיט דער צייט דאָס אויסזען פון אַן אַלט מעבל־געשעפט: מ'קען זיך דאָרט נישט אַ ריר טון. טאָמער יאָ — וואַרפט מען דאָרט אום אַלטע לאָמפּן און מען קערט־איבער בענקעלעך.

:: :: ::

מ'קאָן אַפילע בקירען: צי זאָל דער שרייבער אַריינשרייבן אין זיך אַריין אָדער פון זיך אַרויס?

ווען די „אינזיכיסטן" האָבן סייכל, וואָלטן זיי אַף אָט־דעם־אַ אידייע־קלעצל אָנגעוויקלט די גאַנצע טעאָריע ווען זייער טוירע, וואָס איז (קענטיק) איבערגעניצעוועט פון איימי לאָועל און גערטרוד שטיין.

:: :: ::

צישן די „טויזנט־און־איין־נאַכטיגאַלן" פון אונדזער ליטעראַטור זענען פאַראַן העכער 900 אַזוינע וואָס זינגען בלויז . . . קראַכמאַל און צוקער.

דאָס איז זייער שעדלעך פאַרן לעזערס געזונט.

מ'וואָלט בידאַרפט איינפירן „ליטעראַרישע קאַלאָריס" פאַר אַ באַלאַנסירטער גייסטיקער דיעטע.

אַנישט וועלן מיר אינגיכן אָנהויבן צו ליידן ענטוועדער פון אויסצערונג, אָדער פון אַ קראַנקלעכן פעט־ווערן.

דער איקער איז אַ מאַנגל אין וויטאַמינען („וויטאַמיינס") באַ די, וואָס שטעלן־צו אונדזער וויס־ברויט — אונדזער פּאָעזיע...

ביקלאַל איז צופיל וויסברויט (פּאָעזיע) אומגעזונט.

מיר דאַרפן מער גראָבע דערציילער. קאָרן־ראַזאָווע סקיצלער, שוואַרצברויטיקע ראָמאַנען־שרייבער.

מיר זענען ערשט אַרויס פון אונדזערע זיבן הונגער־יאָר, דאַ־ריבער איז באַ אונדז . . . לויטער פּאָעזיע, לויטער ווייסע כאַלע.

:: :: ::

„די צאָרע מיט דער אידישער ליטעראַטור איז — — —".

אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז דער שפּאָגלנייער, קאַנצעליאַרישער בעגעד אַף אונדזער שפּראַך, וואָס איז געוואוינט צו לעבן אָרעם אָבער געראַם.

דאָ הי אין אַמעריקע (און אויך אין פּוילן) די לערערשע־ליטעראַטור — ד. ה. די ליטעראַטור, וואָס ווערט צוגעשטעלט פון אידישע שול־לערער.

אין סאָוועטנפאַרבאַנד ליידט אונדזער אידיש פון איבערטריבע־נער, נישט־צוגעוואוינטער קאָרעקטקייט, אַ שפּראַך־אָרענטלעכקייט וואָס איז נישט צו דערטראָגן פאַר אַ „שיפכע", וואָס איז געוואוינט צו גיין אומעטום אין לויזע קליידער... אמאָל בלויז אין העמד.

דאָ־הי, ווידער, האָבן מיר אַ באַזונדער מין ליטעראַטור, געשריבן פון אידישע שול־לערערס.

דאָס זענען מענטשן, וואָס קאָנען די געשיכטע פון אידיש, קאָנען אַלצדינג וועגן אידיש. נאָר — שרייבן אידיש קאָנען זיי נישט.

:: :: ::

ס'איז שוין צייט, אַז עמיצער זאָל אַרויסגיין און מאַכן אַ גוואַלד וועגן דעם, וואָס מען „אידישט" אַזוי אומבעראַכמאָנעסדיק די העב־רייאישע ווערטער, אַז סי רינט אַזש בלוט.

און געטון דאָס קלוימערשט אין נאָמען פון . . . אַמכאַ. אין נאָמען פון די "אַוורעיאָנים", וואָס קאָנען קיין „לאָשן־קוידעש" נישט.

דאָס איז — נו, צום ווינציקסטן: אַ פּאַראַדאָקס!

נעמט,לעמאָשל, אונדזער מאָסקווער צייטונג דעם „עמעס":

מ'דאַרף זיין אַן עמעסער לאַמדן צו קאָנען פאַרשטיין די שווערע גמאָרע־ווערטלעך אין כ' ליטוואַקאָווס אַרטיקלען. אַן „אַמכאַ"? — מיר אַפּילע אַ מענטש וואָס איז אַמאָל געגאַנגען אין כיידער אַריין, איז אָפּט שווער צו פאַרשטיין דעם נייעם מער־ווי־לאָשן־קוידעש, וואָס ווערט אויסגעלייגט מיט אידישע אויסיעס.

און נישט נאָר דאָס אַליין: קעדיי צו קאָנען אויסלייגן העברייאישע ווערטער אַף אידיש מוז מען זיין אַן אויסגעצייכנטער לאָשנ־קוידישניק, מוז מען וויסן ווי אויסצוזרעדן אַקוראַט יעדער העברייאיש וואָרט!

וויפל אידישע לעזער, וואָס קאָנען (מיטן אויג) לייענען קימאַט אַלע העברייאישע ווערטער, וואָס ווערן גענוצט אין אונדזער שפּראַך, וואָלטן זיי געקאָנט אַרויסרעדן אָן אַ גרייז?

:: :: ::

אַז וואויל איז צו דעם שרייבער, וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אַף איין זאַך.

ער צעטומלט נישט דעם לעזער, ער צעמישט נישט דעם קרי.טיקער.

שרייב דיר לידעלעך, אָדער מאַיסעלעך, נעם זיי דיר צענויפּעלע אין אַ ביכעלע־שמיכעלע, שיק עס אַוועק דעם קריטיקער־שמיטיקער וועט ער דיך געבן אַ קריטיקיר־אָפּ אַף איין פוס, און דו וועסט דער־הויבן ווערן; דיין נאָמען וועט אַרומגיין מיט אַ גלעקל אָפּן האַלדז און פאַרקלינגען די וועלט...

אָבער אַז ווי איז צו דיר, אויב דו בינדסט צו צו דיין נאָמען אַסאַך גלעקלעך, אַזוי אַז דער „פּאַסטוך" קאָן נישט כאַפּן פונדערוויטן וואו דו ביזט...

אים דאַכט זיך שטענדיק, אַז דו ביזט — עפשער טויזנט מיט־אַמאָל. ער דערשרעקט זיך און לויפט אַהיים עסן וועטשערע...

:: :: ::

אידישע נאַקעטקייט (אין דער ליטעראַטור) און סלאַווישע:

דער איד קאָן זיך העכסטנס אויסטאָן... די יאַרמיקע, אין

זעלטנסטן פאַל, ווען דאָס „גייסטיקע העמד” הויבט־אָן בייסן, קאָן ער פון זיך דאָס העמד אַראָפּוואַרפן.

דער סלאַוו אָבער איז נישט נאַקעט, ביז ער רייסט נישט פון זיך אַרונטער די הויט, און אַפילו דעמאָלט דאַכט זיך אים (דאָסטאָיעווסקין, גאָרקין, יעווסעניגען), אַז ער איז נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעטאָן!

:: :: ::

די אַנגלאָ־זאַקסישע נאַקעטקייט (אין דער ליטעראַטור) באַשטייט אין דעם, וואָס איבער אַלע קליידער טוט מען זיך אָן אַן אָנצוג פון . . . לייב־קאָליר.

זע פרענק העריס, טעאָדאָר דרייזער, סינקלעיר לואיס!

אַז מען וויל, קאָן מען אַריינרעכענען דזשיימס דזשאָיסן, נאָר יענער טראָגט כאָטש ס'לייב־קאָליר אָפן הויכן לייב.

:: :: ::

מיין פריינט קאַסטעלשפּענער זאָגט:

אַ גאַניק איז בלויז באַשאַפן געוואָרן קעדיי אָפּצוגיבן קאָוועד

צו זיין שטוב, פּונקט ווי אַ היטל איז בלויז באַשאַפן געוואָרן אויף אָפּצוגעבן קאָוועד דעם . . . אייגענעם קאָפּ.

:: :: ::

מאָיסע שעהאָיע ב'געוויסן כאַווער וועקאָלעגאַ שעלי ה. לייוויק: כ'האָב אים געזידלט. ער האָט מיך געזידלט. פיין. איך האָב געזאָגט, אַז ער קען נישט שרייבן, ער האָט געזאָגט, אַז איך בין אַ וויסטע קאַליקע. זייער אַנשטענדיק. איך האָב אים דאַפאַר גאָרנישט פיינטער געקראָגן. פאַרקערט. נאָר ווען ער האָט געזאָגט: „לאָז ער נישט מיינען, דער משה נאַדיר, אַז מיר ווייסן נישט פאַרוואָס ער כאַנפעט־זיך צו דער „פרייהייט” — דאָס קען איך אים נישט מויכל זיין ביז היינט.

דאָס איז אַ מיאוס „קניפּעלע” הינטערן טיש.

ווען איינער, וועמען איר האָט דערטשעפּעט, זאָגט אויף אייך, אַז איר גאַנוועט זייגערלעך, איז דאָס אַן אָפענער פּאַטש וואָס איר קענט אָדער יאָ, אָדער נישט אָפּשלאָגן קריק. אָבער ווען איך קום צוגיין און זאָג: „לאָז ער נישט מיינען, אַז מיר ווייסן נישט פאַרוואָס ער גאַנוועט זייגערלעך”, איז דאָס... נו, אַ מעלאַמדיש קניפּעלע, וואָס פּאַסט פאַר ש. ניגערן.

דאָס איז נישט קיין פאַרסאַמטע ביקסנקויל, נאָר אַ... פאַרפּאַסקודעטע!

:: :: ::

פראַגע: וואָס ווערט אַ באָק נאָך 13 יאָר?
ענטפער: אַ פּאָרוועטס-לעזער!

:: :: ::

צי דאַרף אַ שרייבער קענען שרייבן?

נישט דער קלאָץ פרעגט דאָס, נאָר אַ טייל אידישע שרייבער אַליין טאָקע.

זיי ווילן האָבן, אַז וואָס גרעסער דער שרייבער, אַלץ . . . ווייניקער שרייבער איז ער.

דאָס איז געפּליגלט, נישט וואָר?

און ווער שטופּט אַרום די־אַ כאַכמע אינדרויסן אַרום? דאַווקע יענע, וואָס זענען נישט קיין שרייבער און קענען נישט שרייבן!

ס'איז עמעס, אַז ס'זענען פאַראַן שרייבער, וואָס שרייבן זייער שווער, האָבן שטומפּיקע שפּראַך־געצייג, און זענען גרויסע שרייבער כאָטש־אַזוי!

דאָס הייסט נישט, אַז דאָסטאָיעווסקי (אָדער אפילע אונדזער אייגענער טעאָדאָר דרייזער!) וואָלט ניט געווען קיין גרעסערער שרייבער ווען ער וואָלט באַמייסטערט די שרייב-מעלאָכע.

:: :: ::

דער שרייבער פאַרמאָגט נישט מער ווי דאָס וואָרט, מיט וועלכן ער גיט פונק־סיגנאַלן פון די פאַרוואָרפענע אינזלען פון זיין „נע־שאָמע״. עס איז זיין געצייג און זיין פּראָדוקט, זיין פידל און זיין ליד.

קענט איר זיך פאָרשטעלן אַ גוטן פידלשפּילער, וואָס זאָל אויסבייטן אַ סטראַדיוואַריוס אַף אַן אַמעריקאַנישן פידל? אָדער אַ זייגערמאַכער, וואָס זאָל נישט נוצן די פיינסטע צווייגנגלעך?

עס איז עמעס, אַז עס זענען דאָ אַזוינע געניאַלע זייגערמאַכערס וואָס קענען מיט די הוילע נעגל אריינדליבן אַ שרייפל, אָבער וויפל אומזיסטיקע צייט פאַרנעמט דאָס!

דאָס וואָרט דאַרף קלאָר מאַכן, גראָד־שטעלן, אויפפלאָנטערן.

דאָס לעבן אַליין איז גענוג קנויל, גענוג קנופּ.

דער פוילער באַלמעלאָכע נעמט דעם קנופּיקן מאָטיק ביינוועל אין דער האַנט אריין, שניידט איבער מיט אַ . . . שער, אָדער מיט אַ מעסער, און סי ווערט אַ טאַכלעס!

דער אַנדערער מוטשעט זיך לאַנגזאַם, ביז די געדולד גייט אויס, ביז די האַנט הויבט אָן צו ציטערן.

איך זאָג נישט, אַז דער שרייבער קען טאָמיד זיין קלאָר.

עס זענען דאָ אַזוינע אָפּגרונטן אינעם מענטשן, וואָס קענען

בלויז געגעבן ווערן דורך קאָלירטע פינצטערנישן, דורך דעם קליינעם געריוש פונם שטיינדל, וואָס פאַלט אין ברונען אריין. קען מען זיך אַמאָל מעשאַער זיין, ווי טיף דאָרטן איז.

אז י. ל. פרץ (אָדער דזשיימס דזשאַיס) ציט אראָפּ די ראָלעטן איבערן פענצטער פון זיין דענקן, איז עס דאַפאַר, ווייל דאָס ליכט בלענדט אַזוי שאַרף אַף זיינע שויבן, אַז ער קען זיין אייגענעם שפּיץ פּען נישט זען. אָבער ווען דער דיכטער שלאָססמעם טוט דאָס אייגענע, איז עס בלויז אַ זשעסט.

:: :: ::

צו שרייבן האַלב-טונקל וועגן גאַנץ טונקעלע זאַכן, איז אַ מאַילע; אָבער צו שרייבן האַלב-קלאָר וועגן גאַנץ קלאָרע שטאָפּלעכע זאַכן, איז . . . אַן אָפּנאַרעריי.

:: :: ::

די בירגערלעכע שרייבער גרייטן זיך אָן נישט נאָר קאָנזערוון אַף צו עסן, נאָר אויך געדאַנקלעכע קאָנזערוון.

דער בירגערלעכער „געדאַנקן-ליפעראַנט" גרייט זיך אָן „געדאַנ־קען" אַף 15 יאָר פאָראויס, אַזוי, אַז זיינע טראַכטענישן שמעקן שטענדיק מיט בלעך און מיט סאַם.

דער בירגערלעכער „דענקער" גרייט זיך אָן געדאַנקען נישט וועגן לעבן, כאָלילע, נאָר געדאַנקען אַף צומאַכן פון זיי אַ לעבן.

:: :: ::

— דו זעסט יענעם בלייכן נאַקעטן מאַן מיט די איבערגעקערטע אויגנדעקלעך, וואָס האַלט אַ גאַנצן טאָג די האַנט אַפן אייגענעם דויפּעק, שטייט מיט אַן ארויסגעשטעלטער צונג קעגן אַ שפּיגל, מיט אַ טערמאָמעטער אין הינטן, און מיט אַ דאָרן-קרענצל אַפן קאָפּ?

— איך זע!

— דו ווייסט ווער דאָס איז?

— ווער?

— ששא. ס'איז — ליוויס.

עמיר קומט . . .

(וועגן בעריש וויינשטיינ'ס ערשטלינג־בוך „ברוכוואַרג", פאַרלאַג „חברים־קאָמיטעט", ניו־יאָרק).

עפּעס אזוי פון דער העלער הויט אַ קאַל, וואָס איז קיומאַט ניי. צי האָבן מיר עס ערגעץ־געהערט פריער?

עס רירט אָן ווי עפּעס אַ טעאַטראַלישער זשעסט. ניט פון יענע טיף־לירישע רירונגען, בא וועלכע איר פאַרגעסט אויפצונעמען אַקוראַט אייער אינערלעכן ענטפער, (פון גרויס דערשיטערטקייט), נאָר עפּעס אַ וויטלעכע זאַך, אַן אָוועקגעשפּיגלטע.

:: :: ::

בעריש וויינשטיין קומט אָן. מיר ווייסן נאָר ניט פון וואַנען. פון אַ לענגערע רייזע אַרום דער וועלט פון קאַמף און נויט און אַנגסטן און האָפענונג, אָדער פון אַ קורצער עקסקורסיע אַרום פראַנסואַ ווילאָן, וויליאַם ראָוז בענעי, ריינער מאַריע רילקע, און אַנדערע דיכטער, וועלכע גייען איבער זייערע זינג־שורעס מיט רויטן פלוש אַרומגעוויקלט אַרום די באָרוויסע פיס, אַזוי אַז מען קען מיינען, אַז דאָס בלוטיקט אונטער זיי די ערד...

אָדער קומט בעריש וויינשטיין עפּשער פון אַ פיל טויזנט־מאָליקער „הקפה" אַרום זיך אַליין — און דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט, אי פונם אַרומדרייען זיך מיט אַן אויסגעטראַכטער „תורה" אַרום האַלב־אויסגעלײדיקטן „איך", אי פון האָבן אַ שמעק געטאָן אַף אַ מינוט צו זיינע אייגענע באַרוישנדיקע געדאַנקען...

:: :: ::

בעריל וויינשטיין הויבט אָן זיין ביכל לידער מיט אַן אָפּצאָל צום גאָט פון ריינער קונסט", צו „בעטהאָווענ'ס ביוסט". גייט איבער אַף זעלטנהאַפטע קאָלירטע עטשינגס (ראַדירונגען), ער בלעטערט דורך — אין זיקאָרן — דעם רייסטער פון ענגלישער הערעלדיק, נעמט פון שיף־אויסשטייער־לאַגערס אַזוינע זאַכן ווי קוילן־גריז, שטריק, לאַמטערנס... מאַכט פון קרעבס (קראַבן) „שנעקעס (?) וועלכע „קריכן לייכט", באַזאָרגט זיין שיפסהעד־בעי מיט די נויטיקע האַלב־געזוכען, האַלב־קלאַנגען, האַלב־ליכטער אַף צו שאַפן צויבער פון אַ נעפּל. דעם פייף פון די שיפן ברענגט ער אויך אַהער. און אויך אַנדערע קליינע ביי־פּראָדוקטן פון וואָרלעכן לעבן, די שויבן, אַ שטייגער, וואָס „ווערן אוּנטיק שווער", דעם „קילן רייעך פון אויסלענדישער סכוירע„ די

מאטראָסען־יונגען (דער גרעסטער קאָמפּלימענט, וואָס „בעריש דער אַמעריקאַנער" קען געבן זיינע מאַטראָזן, איז אַז זיי זענען ענלעך צו זיינע „יונגען פון דער וואָליע...), אסאך דעקאָלטעס (וואַרעמע און קאַלטע), אסאך ראַנדעוואוען, אסאך „צעשפּרייטע פיס" (אַ ירושע פון זישא לאַנדוי, אים צו געזינטערע יאָר!), בלוט, יאַטקעס, טויט, „ברוסטיקע שרינט" — אַלע אומגליקן און נויטן און פּאַטאָלאָגיזמען אויסגעצערטלט מיט רויטער און בלאָער טינט, — עפּעס ווי מיט אים קער זיך דאָס ניט אָן, און מיט אייך אויך ניט.

:: :: ::

בעריש ווײַנשטײַן איז ניט קיין אָנהויבער. ער האָט ניט אָנגעהויבן פון אָנהויב, נאָר ערגעץ פון אינדערמיטן. געליײַענט, געלײַענט, געהערט, געזאַמלט, געזאַמלט, געשריבן און געמעקט (אין געדאַנק, ווײַל מילכאָמע־צײַט האָט געמאַנגלט אין פּאַפּיר) — אַ פולער קאָפּ, אַ פול האַרץ מיט הונדערט־מאָל איבערגעשריבענע מאַנוסקריפּטן, — קומען זיי צו דער פּעדער זענען זיי שוין אַלט, איבערצײַטיק. עפּעס אַ טראָפּישער, אײַלנדיקער סמאָליע פון זון איז אָף זיי...

בעריש ווײַנשטײַן איז אַ מענטש וואָס מישט זיך ניט. ער איז פּיקס און מזומן אָפּצוגעבן אַ לויב לעניג'ען, אַז ער איז „הײַליקער פון גאָט" און — אַז מען באַטראַכט ווידער די אייגענע זאַך קריק — זענען „נאָנעס" אויך זייער פּיינע מענטשן, „זיי פירן אַ יתומ'ל באָם הענטל" און „זיי טראָגן פּאַנאַנדער מאַרגנטוי פון פרישן קלויסטער־גראָז" און „מענטשן בענטשען די שוועסטער, וואָס פירן אין גאָט'ס וועגן".

אַ מעכטיקער שאָטן איז זײַן ליד „הענקערס". עפּעס גרויזיק־קאַלטס, איבער (אָדער אונטער) מענטשלעכע קילקייט און באַטראַכט־קייט אין אָנגעזיכט פון העק, וואָס קילן און בלוטיקן. „ס'בלוט ציט אָפּ שנעל און היים פון קילן שטאָל" — וועט איר לאַנג ניט פאַרגעסן. אַ מיוראַל געצײכנט מיט אַזאַ סאַקאָנעסדיקער קאַלטער שאַרפקייט, אַז דיך הויבט אָן צו שרעקן פאַר דעם קינסטלער. אויך אין האַקנקרייץ", וואו ווײַנשטײַן זאָגט, אַז:

„די מיט אויסגעבראַנדיקטן האַקענקרייץ אָף הוילן לײַב,
ציען צו ווינטן צו פאַרבלאָזן דעם ברי פון וואונד", —

האָט אין זיך עפּעס אַזוינס ווי אַ פאַרקוועטשטער פינגער אין אַ טיר —איר ניט אַ געשריי־אָף. אַזוי איז אויך זײַן גרויז־געמעל פון אידן וואָס „ליגן אָפּן קלויז־דיל מיט צעשפּאָלטענע ליפּן און קענען ניט שטאַרבן" — ס'איז ווי אַן אָפּקלאַנג פון ביאַליק'ן. נאָר דס האַרץ פון דיכטער

שלאָגט ניט, עס שלאָגט בלויז זיין אויג. עס קוקט זיך צו אַזוי נאָענט ווי מעגלעך און גיטאָפּילע קיין פינטל ניט...

ניין, בעריש וויינשטיין מישט זיך ניט. ער איז גלאַט־אַזוי אַ מענטש מיט אויסערגעוויינטלעך־שאַרפער ניי־גער־יקייט פאַר אָנשיי־לעכקייט פון זאַכן. ניט אין זייער טיפעניש, ניט אין זייער אינער־לעכקייט, ניט אין דעם פאַרוואָס און פאַרוואָן באַברעט ער זיך, נאָר אין באַשטעטיקן אַז „דער מאַן, וועלכער איז געשטאָרבן 14 מינוט נאָך 3 דעם זייגער, האָט באַם לעצטן אָטעם־צוג פאַרהויכט אַ שפּיגעלע אַקוראַט אויף 5 צענטימעטער די וויט, וועלכע (פאַרהויכונג) האָט אָפּ־געלאָזט אין צימער פון 80 גראַד פאַרענהייט גענוי אין אַ מינוט מיט 18 סעקונדעס שפּעטער".

:: :: ::

אַ נאָך־מילכאָמע־קינד? אַ היימלאָזער, באַ וועלכן די מילכאָמע האָט יעדן מיטגעפיל אַרויסגעריסן, ווי אַ נערוו פון אַ קאַליע צאָן? דורכגעטריבענער עפּשער, וועלכער מאַכט זיך טאַמעוואַטע, ווייל ער פאַרשטייט, אַז אויב מע באַוועגט זיך צישן צוויי מאַכנעס און אָקו־פּאַנטן קומען און גייען, זיגן און פאַרלירן נאָך דער ריי, איז די גרינג־סטע (און קלוגעטשקעסטע זאַך) אָנצורוקן ס'טויבע היטל און זיך מאַכן, אַז מ'הערט ניט, מ'זעט ניט, מ'ווייסט ניט אין וואָס גייט דאָ אייגנטלעך און וועגן וואָס קריגט'ן זיך . . .

בעריש וויינשטיין זוכט אַן אויסוועג, אַ באַהעלטעניש פון דער קלעמענדיקערווירקלעכקייט. ער וויל געפינען „כאַווירים־גאַנאָווים, איך זאָל קענען גאַנווענען, אויסברעכן אַ שויב". ער וואויל־יונגערט זיך מיטן גע־שעלט פון אַ גאַסן־פרוי, וואָס וואַקלט זיך פון שיקרעס אויפן ראָג און שעלט אַ פיאַקער־פערד, „ווייל ס'האָט זיך פון איר אַ לאָז געטאָן ס'כוידעשלעכע בלוטונג". מיט דעם איינעם ליד איז נאָך אָבער דער בעטלער־גאַנעוו־כאַלעם ניט אויסגעשעפּט. מיט עטלעכע פּאַפּירענע שוועלען וווייטער סימולירט ער: „כ'„וויים אַזאַ לאַנד, וואו כ'וועל קאָנען שטיין און בעטלען", ער איז אָבער ניט „זיכער אין זיין זיכערקייט". ער מאַכט זידנאָר האַרץ:

„כ'וועל האָבן אַסאַך קויעך, כ'זאָל קענען האַלטן אויסגעשטרעקט די האַנט".

:: :: ::

בעריש וויינשטיין שפּעקולירט אין גרונט אויף טרעפן אַ געוויסן נואַנס — דורך מישן אָן אַ שיר די פאַרב, פּרוּוען און אויספּרוּוון און איבערפּרוּוען. זיין „טריק" איז צו רעדן אַזוי שטיל, אַזוי היי־זעריק־אומגעוויינטלעך, אַז עס זאָל צויבערן מיט עפּעס נעפּל־טריפּנ־

דיקס און צו דערזעלבער צייט ארויסרופן א געפיל פון ראַכמאָנעס צו זיין באַמיאונג צו רעדן. אויב איר וועלט איז דאָס אייגנאַרט. בע־ריש וויינשטיין מאַניפּולירט אָפּט אַזוי געשיים, אַז איר קאָנט אים באַ דער האַנט ניט כאַפּן. אַזוינע אויסדרוקן ווי „מענדשן־סטריטער יונ־גען זענען צו קלוג צו שטרענגע מאַניערן" אָדער „קילע שטעך" אָדער „גרינלעכע רייד" זענען ניט מער ווי „אומשטענדלעכע באַווייז". אין וויינשטיינ'ס לידער וועט איר געפינען סיי די הייסע, סיי די קאַלטע גליאונג. סיי די קוואַליטעט פון בלוט, סיי די קוואַליטעט פון רובין, סיי דער נאַכקלינגענדיקער ציטער־אומפּעט, סיי די פּאַרצעלייענע פּאַר־טאַיעטקייט וואָס מ'האָט אָנגענומען בייביידע אויערן און אויפגע־וועקט. דער דאָמינירענדער טאָן איז דאָס טיפע פילן און דאָס אויבנ־אופיקע דענקן — ביידע מושטירט און פאַרגעלאַסנט...

א זין פאַר דער שוימעוודיקייט פון אַלע זאַכן, וועלכע רינען אוועק. אונגעזעען פונים אויג. א וואָג־געפיל (אין דער פען) פאַר אַלע שווערע סובסטאַנצן, אַן אָפענע ניט־פאַרלייגטע נאָז (דאַוקע מיר, די לאַנגנעזיקע, ליידן אין דער ליטעראַטור קימאַט שטענדיק פון א קאַטער) גריבלערישע אויגן פאַר פּלאַסטיק און רעפלעקס און קוים עפּעס א שטיקל אויער א וואָרט, א שורע אויסצוטאַפּן, איבערצוקליג־גען אַף ביידע זייטן, קיינמאָל ניט א שעפּ צו טאָן טיף, קיינמאָל ניט קיין גרויסע אויפּאַטעמונג, קיינמאָל ניט קיין פּראַל מיט וועלכער עס אין טיר.

לינטש, פּאָגראָם, מילכאָמע, קלאַסן־קאַמף, הונגער, זנות, מאָראַ־לישע אטראָפירטקייט — בעריש וויינשטיין איז צו דעם אַלעמען אומ־פּאַרטייאיש. ער מישט זיך ניט. ארויסגעשלאָגן זיך ס'ליד פון אויג, עס אויסגעהעמערט לויט די מוסטערן פון אַלטע און נייע כאַפּיזן, בלאָזט ער דעם עכאָ אוועק, ווי א שטיקל הערבסט־פּאַוויטיניע און... ער מישט זיך שוין ווייטער ניט.

א קאָלירט פילם־בילד, ניט וויכטיק וואָס דאָרטן קומט פאָר. דער איקער: זאַכן קומען דאָרטן פאַר אונטער אַזעלכע הערלעכע קאָלירן. ערד־ציטערניש אין רובין־פלאַמען, א פּאָגראָם אונטער רייזבלאָקייט, א לינטשעריי אונטער בורשטיין־מיט־ראָז, — וואָס קען דען זיין נאָך שענער?

:: :: ::

וועלן וויינשטיינ'ס „גראָבע פונקען" אַמאָל אָנהויבן טראַכטן, אַז זיי קערן זיך אָן מיט די שווארצע לאָקאָמאָטיוון, מיט די סאַפּענדיקע „גוויעשע" הייצערס, וועלכע „זענען געוואוינט" צו האַלטן דאָס פּאָנים נאָענט באָם פייער?

א מוזיקאַליש געקלאַנג פון גילדענע טעלער־לעפל (איבערגעשמעל־צטע); אָנגעטראָגענע פאַרמעגנס פון וועלכע מען האָט מיט גרויס מי די שטאַמפּן אָפּגעבליאַקעט, אַ ניט־געמאָסטענע שורע, וועלכע שלעפּט אייך מיט, דורך עפּעס אַ מעסוקענעם, אונפאַרשטענדלעכן אונ־טערשטראָם, וואָס איר קענט ניט דעפינירן; אַן אָנקומען פון טריט, וואָס איר קענט ניט באַשטימען פון וועלכער ריכטונג, איר קענט ניט טרעפן דעם ווייטער־וועג, איר קענט ניט אַקוראַט וויסן צי ער איז שווער, צי גרינג, צי ער קלאַפּט מיט אַ שטעקן, ווייל ער איז „מיט בלינד־זעעל געשלאָגן", אָדער ווייל ער פריפּט־אוים די נייע, פיל־פאַרשפּרעכנדיקע פאָדעשוועס.

צום קאָנגרעס פון אַמעריקאַנישע שרייבער

(פון אַ רעדע געליִענט אַפן ערשטן „אַמעריקען רייטערס קאָנגרעס"
דעם 29טן אַפּריל, 1935)

דער ערשטער „קאָנגרעס פון אַמעריקאַנישע שרייבער" קומט זיך צענויף אין דער צייט פון אַ קאַטאַסטראָפאַלן פאַנאַנדערוואוקס פון פאַשיזם און שטאַטס-כוליגאַניזם אין אַמעריקע, פון לינטשערייען אַף נעגערס, בלוטיקע אַטאַקעס אַף קאָמוניסטן און סטרייקערס, העצעס קעגן „פרעמדע", אַ פאַנאַנדערבלאָזן פון די נידעריגסטע אינסטינקטן אין די מאַסן — ווי בא דעם האופטמאַן-פּראָצעס, און ענלעכע פאַלן.

איצט זעט שוין אַפילע די געוויינלעך אַפּאָליטישע אַמעריקאַנישע אינטעליגענץ, אַז די ציוויליזאַציע גופא און אירע אַלע גייסטיקע אויצרעס שטייען אין געפאַר — אויב דער פאַשיזם זאָל ווייטער דורכברעכן זיין וועג צו פעלקער-באַהערשונג.

אַז דער בלוט-געווייקטער וועג פון פאַשיזם — פירט טיפער אין אַ קאַפּיטאַליסטישער אויסגאַנג-לאָזיגקייט, דאָס קענען שוין היינט בלינדע זען, און אַז אַף דעם וועג וועט יעדער שפּור פון גייסטיקער קולטור פאַרלוירן גיין, — דאָס איז שוין אויך קלאָר פאַר אַ גרויסער צאָל אינטעליגענטן, קליינבירגער, שוין ניט צו רעדן פון די קלאַסנבאַוואוסטע אַרבעטער.

אין דער שמאָלער, ווינקלדיקער וועלט, וואָס הייסט בורזשואַזע ליטעראַטור, הערט מען אַלערליי כאַיעשע שטימען, נאָר די שטים פון דעם מענטש הערט מען קוים-קוים!

קלינגט ד'אַנונציאָ מיט זיינע שונד-מעדאַלן, טומלט האַנס היינץ עווערס מיט זיין האָרסט-וועסל-גראַגער. ציטערט דער קליינער „מאַן", הירזשען די אַלטע קעניגלעכע פערד—קיפּלינג און טשעסטערטאָן, כיינ-דעלט און גוידערט זיך ט. ס. עליאָט און עס בלאָזט זיך עזרא פּאונד — אַלע אין דער אָנגענעמער פילאָזאָפישער אַטמאָספער פון שטיר-נער, מאַקס איסטמאַן, סידני הוק, קייזערלינג.

באַם טייך אַרבעטער-בלוט, וואָס דער פאַשיזם האָט שוין ביז היינט פאַרגאָסן, שטייען די ציוויליזירטע קינסטלער און בינדן זיך איידל די קראַוואַטן...

נאָר די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטערשאַפט, וועלכע איז אַליין דער היסטאָרישער יורש פון דעם גייסטיקן פעלקער-פאַרמעגן פון די אומ-

שטערבלעכע שריפטשטעלער און קינסטלער, וועט ניט דערלאָזן צו דער אויסלעשונג פון אָט־דעם מיט אַזוי פיל מי אָנגעצונדענעם ליכט.

דער פאַשיסטישער שטורעם איז אַוואַדע גרויס, דאָס ליכט איז פאַרטאָיעט אין דער פאַרציטערטער פויסט פונם פּראָלעטאַריאַט, אָבער אַזוי לאַנג ווי דער פּראָלעטאַרישער פויסט וועט לעבן — וועלן לעבן און געדייען אַלע גרויסע קויכעס, אַלע שיינע און פעלזנפעסטע גייסטער פונם שווערן יאָרהונדערט דעם צוואַנציקסטן — פון גאָרקין ביז אַנדרע זשידן, ביז ראָמען ראָלאַנ׳ען, ביז אַנרי באַרביוסן, ביז נעקסאָן, ביז לאַנגסטאָן היוזן, ביז אַרטשיבאַלד מאַקלישן, ביז וויליאַם קאַרלאָס וויליאַמסאָן, — אַלע וואָס טראָגן דעם פונק מענטש אינם מענטשלעכן האַרץ.

דער קאָנגרעס פון די אַמעריקאַנער שרייבער האָט פאַר זיך די גרויסע אויפגאַבע צו דערמוטיקן, אָרגאַניזירן און באַפּאַנצערן די יונגע רעוואָלוציאָנערע טאַלאַנטן, זיי לערנען ווי אָנגיין אינם קאַמף פאַר ענד־גילטיקער באַפרייאונג פונם אַרבעטער־קלאַס; פאַרצעמענטעווען פעס־טער די קאַדרען פון אַלע פּראָלעטישע שרייבער, צו האַלטן אָפן ברו־דערלעכן אויג די מיטלויפער, וואָס ווערן אָפט פאַרכאַפּט פון דער מעכ־טיגקייט פון אונדזערע ערשטע מאַי דעמאָנסטראַציעס, און לאָזן אַראָפּ די פליגל, אַזוי גיך ווי זיי דערזעען אַז דער קאַמף האָט אויך זיין טעגלעכע, רוטינע וואָכעדיגקייט . . .

:: :: ::

די צעטומלקייט אין די פראַגן פון קונסט — פאָרם, טעמאַטיק און וועלט־אַנשויאונג — דאָס אַלץ דאַרף באַ די זיצונגען פונם קאָנגרעס גענוי דורכגעטראַכט ווערן.

אָפן טאָג־אָרדנונג פונם אַמעריקאַנישן שרייבער־קאָנגרעס שטייען אויך די פראַגן פון אַן איינהייט־פראָנט מיט אַנדערע סאָציאַליסטישע און טרעיד־יוניאָן גרופּעס.

עס שטייט פאַר די פראַגע פון אָפּשלאָגן די דעמאַגאָגיע פון דער געלער פרעסע און די פראַגע מיט וועלכע מיטלען דאָס צו דערגרייכן.

עס שטייט די פראַגע ווי אַזוי צו מאַכן אונדזער ליטעראַטור, אונדזער פרעסע, מער צוגענגלעך צו די ברייטסטע מאַסן, ווי אַזוי אויסצומיידן דעם שטאַמפּ אין אַרטיקלען, וואָס דאַרפן פּאָפּולאַריזירן אונדזער וועלט־אַנשויאונג.

עס שטייט די פראַגע פון קאָאָרדינירן אונדזערע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, קאָנטאַקטירן די מינדערהייט־שפּראַכן מיטן ענגליש־רעדנ־

דיקן צענטער; ווי אזוי אויפצעקליבן און אויפבאוואָרן די ליטעראַריש־פּראָלעטארישע שאַפונגען פון אויסלענדישע פּראָלעטשרייבער, זיי פאָרשטעלן פאַר אונדזערע לעזער, ווי אזוי איבערצוקרייצן אַלע אינטערנאַציאָנאַלע שאַפונג־פּעדים אונדזערע און זיי פאַרפעסטיקן אין איין מעכטיקן, איינהייטלעכן געוועב.

עס שטייט די פראַגע וועגן אויסמיידן די געפאַר פון אָפּנויגן, וועלכע ווערט אַלץ שאַרפער, אין דער מאָס וואָס דער היסטאָרישער צוג גייט שנעלער, קראַפטפולער.

די אַלע פראַגן און אַסאַך מער, וועלן מוזן אויסגעדראָשן ווערן באַ די זיצונגען פון אַמעריקאַנישן שרייבער קאָנגרעס.

עס האַנדלט זיך ניט נאָר וועגן ליטעראַטור, ווי אַ פאַך, — עס האַנדלט זיך וועגן ליטעראַטור ווי אַ וואָפן אין די הענט פונם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט.

אין דעריבער: דעם קאָנגרעס פון אַמעריקאַנישע שרייבער — אַ פלאַמיקן סאַלוט!

דער „טערפּקע" שכנא עפּשטיין

שכנא עפּשטיין.

א הויכער און פּאַראָויסיקער, האָט ער דער רעוו־באַוועגונג זיין לעבן אָפּגעגעבן, נישט ווי מ'גיט א מאַטאָנע. אָדער א נעדאָווע, נאָר ווי א קליינעם כּוויו.

ס'האָט קיין באַטרעף נישט — ס'אייגענע שטיקל לעבן דאָרטן אוועקגעבן פאַר דעם וואָס דאָס האַרץ האָט ליב.

„קאַרמי שעלי..."

דער גאָרטן, וואו די רויטע מאַנען וואַקסן — דאָרט שטייט ער מיטן ביקס אָדער מיט דער פּען, גרייט די אומפּליט צו פאַרטרייבן. דאָס ווערים־וועב פון די צווייגן ארונטערצוברענען...

„מיט דער פּען און מיט דער ביקס".

די פּען אליין — אויך א ביקס — אינוויינִיק דאָס רואיקע בליי, וואָס קען היים ווערן, ווען מ'דאַרף... אָפּן שפּיץ דער באַיאָנעט, דער גלאַנצנדיקער שטאָך, אַף דער אַנדערער זייט — דאָס פּראָסטע, ברייטע, שווערע האָליץ — אַף צו דערלאַנגען איבערן קאָפּ, דאָרט וואו די קויל פעלט־אויס, אָדער ס'לוינט ניט א שאָס צו פאַרשווענדן.

פּובליציסט און קריטישער אָפּשאַצער, טראָגט שכנא עפּשטיין נישט קיין גאָלדוואָגל אין דער האַנט „צו וועגן די פּערל". ער שאַצט מיטן אויג, מיטן אויער, מיטן האַרץ...

א שפּיר־נאָז — פון דער וויטן א ניי גרעזל ארויסצושמעקן, פון א באַרג פּאַפּיר־בלעטלעך — די קלענסטע פּרוכט ארויסצוזוכן.

שכנא שטייט אַף דער וואַך, גלויבט מיר, פון אונדזער וויינגאָרטן, היט אים מיט גרוים אייפער, ציילט די וויינטרויבן, טרייבט די היישעריקן אוועק.

אמאָל נעמט ער אפילע א ניי וויין־צווייגל פון דריערד אַרויס, ווישט עס אָרום מיטן אַרבל — עס זאָל בעסער וואַקסן...

:: :: ::

שכנא עפּשטיין גלויבט אין „קונסט". פאַרשטייט זיך נישט אין „לשעם" אָבער ער גלויבט אין דעם פייערגלאַנץ פון דער ליטעראַטור, ווי אין א גרויסן פייער דעם וועג צו באַלויכטן.

אין פּראָסטן נאַפט ווערט דער שטורקאַץ געטונקען, אָבער שכנא פּילט מיט זיין נאָז נישט דעם נאַפט, נאָר דאָס פייער, דאָס ליכט

וואָס מאַכט לעבער אין דער לופט, פאַרברענט די פינסטערניש.

נאַכטיגאַלן? אויכעט. פאַרוואָס נישט? לאָזן זיי נאָר זינגען אהין וואו מיר דאַרפן...

נישטאָ קיין באַנאַלע ווענן אין דער קונסט, עס זענען נאָר דאָ שלעכטע קאַוואַנעס.

מיט דער „ביקס און מיט דער פען" — די פען שטענדיק, ווי אַ שרייבנדיקע ביקס. די ביקס קיינמאָל נישט אַזוי בלינד און אומזיכער ווי אַ פען...

:: :: ::

איך געדיינק מיט העכער זעקס יאָר קריק:

אַ כינעזיש רעסטאָראַנדל. ביטערע טיי אין קליינע שעלעכלעך. שכנה, משה ליב און איך. מיר זיצן און רעדן וועגן דער באָלשעוויסטישער צייטונג וואָס פּלאַנעוועט זיך אַרויסגיין: „פרייהייט".

שכנא'ס אויגן זענען פון דער טיי־פאַרע ווי מיט טוי באַנעצט. ווייניקע אויגן, גלויביקע...

משה ליב און איך קוקן אים אָן. מיר די „2 לעצטע נאַבעל־לייט פון גאַליציע" וואָס קענען אַזוי קיילעכדיק רעדן און שרייבן. מיר גיבן זיך אונטער צו זיין פּראַקטקייט, צו זיין גלייכקייט.

אַ זעלנער רעדט — צו „קאַוואַליערן".

באַ אים: שוצגראַבנס, דראָט־פעסטונגען, סאָנים. מיר זענען פאַראינטערעסירט, צי די טראַנשייען זענען סימעטריש אויסגעלייגט.

עס קען אונדז, כאָלילע, צעפּאַטערן די עסטעטיק...

שכנא איבערצייגט אונדז.

באַ די קליינע שעלעכלעך טיי ווערט עס אָפּגעמאַכט:

— מיר זענען באָלשעוויקעס, און דעם אויוורבאַטלדיקן פּלישטי דאַרף מען דערוויל שיסן בעבלעך אין אויער אַריין.

שפּעטער וועלן מיר זען ווייטער.

דער „זעלנער" איז שכנא עפּשטיין. איך און האַלפּערן זענען דערוויל די „איידעלע יונגעלייט" וואָס מישן זיך נישט אין אַזוינע זאַכן. נישט מער — קיין געלט האָט די צייטונג „פרייהייט" נישט, איז אַ סימען, אַז אַרום איר וועלן זיך גרופּירן בלויז ערלעכע מענטשן און דאָס איז פאַר אונדז גענוג!

:: :: ::

איך בין זיך מיסוואַדע, אַז אין שווערע מינוטן ווען דאָס „אַל־

צו־מענטשלעכע" אין דער פירונג פון געוויסע פּאַרטייער, האָט מיך די „פליגלען געפּענטעט", בין איך געקומען צו שכנא'ן נאָך טרייסט.

אין זיינע אויגן האָב איך געזען אַנטשעפּט ...

און מוט.

שכנא עפּשטיין האָט עפּעס אַ מין זעלטענעם „ספּאַסיב" אַף „אוועקצושמייכלען וואונדן", זיי אָפּשפּרעכן אַ גוט אויג: „זיי נישט קיין בעהיימע . . . אין מילכאָמע צייט שפּילט מען נישט אין קנעפּלעך".

דאָס פּאַפּיראָסל איז צישן די פאַרויכערטע ציין. איבערן גרויסן, געזונטן פּאָנים איז עפּעס אַ קינדערשער נאַכעס, — וואָס מ'איז שוין אַ דערוואַקסענער מענטש און מ'קען זיך בייזערן ...

דערטאַפּט ער ארויס ס'קעמעלע פון דער וועסטל־קעשענע, גיט זיך אַ קעם־ארויף די האָר און זאָגט:

לאָמיר ארונטערגיין טרינקען אַ קאַווע!

:: :: ::

אַן אַנדערש מאָל:

מיר פאָרן פון באָסטאָן, עפּעס אַ קערמישל געוועזן דאָרטן.

שכנא האָט דאָרט געהאַלטן אַ גוטע רעדע, נישט קיין קיילעכ־דיקע, נאָר אַ גלייכע, אַן אָנגעשפּאַנטע, ווי אַ סטרונע.

איך האָב מיך געמאַכט צום נאַר און גערעדט ... פּיקציע, זיג־זאַגן ...

איך האָב געבליצט, געדונערט. אָבער די לופט איז דערפון נישט קלאָרער געוואָרן.

איך האָב גערעדט — צום אויג, צום אויער. שכנא האָט גע־רעדט צום האַרץ. דאָס מענטשלעך האַרץ איז אַ קינד, נים זייער קלוג... אָבער אָפּנאַרן עס איז שווער.

אין אונדזער האָטל־צימער האָט מיך שכנא געמוסערט פאַרוואָס איך פאַרשווענד מיך אַף לוקסוס, ווען די אַרבעטער דאַרפן מיך ווי אַ נויטיגקייט ...

און ער האָט ארויסגעשלעפּט פון סאַק־וואַיאַזשל אַ פלעשל בראָנפן, און מיר האָבן גענומען זינגען פאַר זיך. און אויסגעטרונקען אַף דעם, אַז... עס זאָל אַ רואַך אין דער וועלטס טאַטן אריין!

אַז דער בראָנפן האָט זיך ארויסגעקליבן פונם פלעשל, און האָט זיך „געעקט" צישן אונדזביידן, האָט שכנא עפּשטיין זיך גענומען קושן, און מיר פאַרזיכערט, אַז ... פּרץ איז איינער פון די גרעסטע שרייבער בא אונדז.

...און אז די רעוואָלוציע וועט קומען, וועלן מיר אָנשטעלן די ביקסן אַט־אַזוי...

ער האָט פאַרמאַכט אַן אויג, צוגעשטעלט זיין ריזיקע שרייב־פעדער צום אַקסל, און — געוויזן ווי אַזוי מיר וועלן שיסן...

און ער האָט דעקלאַמירט אַף אויסווייניק עפּשער 40 לידער — פון רוסישע דיכטער.

:: :: ::

אַז איך טראַכט פון שכנא עפּשטיין, האָב איך דעם טאַם פון בראָנפן.

שטאַרק און פּראָסט און 90 די פּראָבע, און אַנו פּרופט!... דער שטאַרקער און בראָנפנדיקער שכנא!

נישט קיין „צמוקים" אָדער שוימענדיק ביער, אָדער לעבלעכער טיש־וויין נאָר עפּעס וואָס איז טערפּקע, אַליק אַף די ציין ווי טער־ניסליוווקעס נאָכן ערשטן פראָסט.

פאַרזוכט מען זיין קוואַליטעט, סיי אַלס פּאָליטישער טוער, סיי אַלס שרייבער און רעדנער דערפילט מען צום ערשטן אַ ביטער־לעכן טאַם, פון וועלכן ס'ווערט אַביסל שפּעטער זיס און פריש אַפן גומען.

שכנא האָט קיינעם נישט פיינט — פערזענלעך. אָבער די וואָס ער האָט ליב האָט ער ליב — ס'לעבן מיט דער נעשאָמע.

:: :: ::

דו קומסט אַריין אין רעדאַקציע נאָכמיטאָג, טרעפסטו שכנא'ן לעבן זיין שרייבטיש — ער רויכערט און שרייבט, צילעט־אויף אַף קליינע בייגעלעך פּאַפּיר, גלייכע אויסיעס, שטעלט זיי אויס אין גלייכע שורעס, ווי רוויטאַרמייער אין קריג־פאָרמאַציע.

„שטימונג"? נו־יאָ, ס'איז זייער גוט, אַז מ'האָט דאָס, אָבער דאָס לייט־אַרטיקל וויל נישט וואַרטן. צו דעם יאָרצייט פון דעם אָדער יענעם שרייבער, מוז מען שטעלן אַ ליכט היינט, נישט מאָרגן...

מ'מוז זיך אויסלערנען באַפעלן דעם אייגענעם טאַלענט, — ער זאָל נישט מאַכן קיין פּריצישע שטיק.

דערהערסט אַ פּייף — קום און שטעל דיך צו דער אַרבעט, ברודער טאַלענט...

ס'איז מילכאָמע!

עמעס: דערווייל שמייכלען מיר, דערווייל טרינקען מיר קאַווע

און בראנפן, שפּילן מיר זיך מיטן קייטל פונם זייגערל, גייען מיר אַרום מיט לאַנגע, אַראָפּגעלאָזטע הענט איבער דער רעדאַקציע, אָבער לאָז נאָר דער טרומייט אַ שאַל טאָן! — וועלן מיר לאָזן פרויען און שנאַפּס און לידער, און זיך נעמען צו דער ביקס־פּען.

:: :: ::

...און דאָס ליבענדיגסטע וועגן שכנא עפּשטיינען האָב איך נאָך אַלץ ניט געשריבן.

מיר איז שווער צו שרייבן וועגן אים.

ער איז אַזוי נאָענט...

עס איז ווי שרייבן וועגן זיך אַליין — זיך ליבן...

אויך אין קאָמוניזם איז פאַראַן אַלערליי גראַדן פון אויפנעמען: אַ טייל נעמען־אויף דעם קאָמוניזם מיט אַ געמיש פון ווייבערשן סענטימענט. אַנדערע נעמען אים אויף ווי קינדער. ער נעמט אים אויף ווי אַ מאַנצביל.

שכנא איז אַ מאַנלעכער קאָמוניסט.

ווי בין איך דיך מעקאַנע, שכנא, וואָס דיין לעבן האָט אין זיך אַזוי פיל וואָג, אַזוי פיל מעטאַל, אין פאַרגלייך מיט מיין אומזיכער, פלאַטערדיק לעבן...

נישט דורך זיך זעסטו (דו ביסט נישט ווי איך פון געשליפן גלאָז געמאַכט) נאָר מיט זיך...

איז פאַר דיר דיין וועג אַזוי גלייך ווי אַ סטרונע און אַזוי אָנגעשפּאַנט.

„מיט דער ביקס אָדער מיט דער פּען".

צישן אונדזביידע, טייערער שכנא, ביזטו קימאַט דער איינציקער, פאַר וועמען די וועלט ליגט, ווי אַ גלייכער שאָסעי, פול מיט צוקונפט און מיט וואונדער...

אַפּריל, 1918.

ביל גראַפּער

גראַפּער איז דאָ קריק.

ער אַז אַביסל אָפּגעברענט. דאַכט זיך, פון דער לעוואָנע, צו־געטונקלט מיט יאַם־שטאָרעם, אַ טאַטעדיקע ערנסקייט האָט זיך באַזעצט אין די געצעלטן פון זיין שמייכל.

ביל גראַפּער איז קריק־געקומען ווי אַ שיף, מיט אַ קאַרגאָ פון עקזאָטישע פּיירעס. פּאַוואָלי געאַנקערט באַם האַפן, שווער געאַנקערט באַ די אַמעריקאַנער ווענט.

ביל איז געוואָרן — אַן אייראָפּייער
ווייניקער הו־האַ, מער מענטש, מער מאַנצביל.

די פראַנצויזישע הויזן שטרייכן דאָס אונטער. ווי אַלע פראַנ־צויזישע (ברוין־וואָלענע) הויזן האָבן זיי אַ טייווע, אַז זיי ציען זיך, אַזוי צו זאָגן, צו דער זון, — גרייכן קימאַט ביז צום האַלז.

גראַפּער האָט טאַקע זייער וואויל געזאָגט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז דער כילעק צווישן אַמעריקע און איירעפּע איז: וואָס אין אַמעריקע אַז מען קען מאַכן אַ בענקל מיט 1 פוס — מאַכט מען עס! אין איי־ראָפּע ווידער ווען מען קען מאַכן אַ בענקל מיט 5 פיס, וואָלט מען זיך מעכאַיע געווען.

:: :: ::

איר זאָגט פּראָלעטאַר? דאָס איז דאָך ביל גראַפּער! געבוירן מיט אַ בליישטיפט אין האַנט און אַ צייכן־בילד אין אויג, האָט ער גלייך זיך צעקריגט מיט גאָט, מיט דער וועלט.

ווי זיין יוגנט־כאַווער מייק גאָלד, איז ער אָנגעפּייערט מיט אַ גרינטלעכער סינע צו די פּלישטים. מייקס סינע איז—האַסטיקער, היי־סער; בילס — טיפער, טאַיוועדיקער.

קוק איך אָף אים, דעם „גרויסן, קינדערשן ליבהאָבער", איז מיר אַ וואונדער פונוואַנעט האָט זיך גענומען צו אים די האַרטע אַקשאָ־נעס, דער קויעך, שוין באַלד אין די פריעסטע יאָרן ווען זיין „גליק־שטערן" האָט אַ בלישטשע געטאָן, אָפּצוזאָגן זיך פון רום, רייכקייט, קינסטלער־איכעס און בלייבן אונטערן מאַזל־צייכן פון זיין קלאַס?

פּראָלעטן־קינסטלער ווען דער פּאַל האָט אַריבערגעשטופּט אינם „כאָשעווערן קלאַס" אַריין, האָבן זעלטן דעם איבערמענטשלעכן קויעך, צו בלייבן פעסט אָף זייער געביר־פּאָזיציע. ביפראַט אין אַ לאַנד, וואו דער אַרבעטער קוקט נאָר אָף זיך אַליין, ווי אָף אַ נידערי־קערן מענטשן...

גרינגער איז שוין די זאַך פאַר אַן אינטעליגענט, וואָס איז גע־בוירן באַ רייכע טאַטע־מאַמע, און וואָס אים איז דער „בעסערער קלאַס" קיין לעגענדע נישט, נאָר אַ וואָכעדיקייט. — אַזאַ איינעם איז גאָרנישט שווער צו דערפילן די לאַנגווייל, פּוסטקייט און מיסקייט פון דעם בורזשואַזנעם קלאַס, און אַף אים אַ שפּיי צו טון!

:: :: ::

דער ערשטער „האדעיודו" פון גראַפּער איז געקומען דורכן טע־לעפאָן — אַף אידיש.

יאַ, גראַפּער האָט זיך אין סאָוועטנפאַרבאַנד אויסגעלערנט אי־דיש־רעדן.

צישן די גויים אין „גריניטש ווילעדזש" איז ער היינט אַן „אור־טשאָני יעווריי". ער רעדט וועגן די אידן אין די קאָלאָניעס, אידיש טעאַטער, אידישע פּרעסע. אַביסל רעכילעסלעך וועגן מאָסקווער „עמעס". וועגן כאַווער ליטוואַקאָוון זאָגט ער בעפּייריש, אַז ער איז „אַ, באַי!"

אים געפעלן זייער די כעוורע פונם כאַרקאָווער „רויטן שטערן" — רירעווודיקע, זאָגט ער, יאַטן, וואָוילע זאָגט ער, כאַווירים. נישט קיין שפּעטנע, מאַכט ער, שרייבער.

— פונוואַנען ווייסטו דאָס גראַפּער?

— איך פלעג לעזן דעם „רויטן שטערן".

פאַר אַ וואָר־צייכן, אַז ער האָט זיך נאָענט־באַקענט מיט די מיט־אַרבעטער פונם כאַרקאָווער „רויטן שטערן", דערציילט ער מיר אַפילע, אַז אין דער רעדאַקציע פון „שטערן" איז איינגעפירט אַ מינעג, אויב עמיצער פון די מיטאַרבעטער דערטאַפּט ערגעץ אין אַ צייטונג, זשור־נאַל אָדער בוך, אַ נישט־פויגלדיקע שורע, אָדער אַ וואָרט, שניידט מען אויס דאָס שטיקל געדרוקטע פּאַפּיר, מען קלעפּט עס אויף אַף דער וואַנט, הינטער דער אויפשריפט: „אוי שרייבט ער!"

גראַפּער רעדט פון „פּרימוסלעך", וואָס שטייען אַף די טרעפּ פון די כאַרקאָווער און מאָסקווער דירעס און זאָגט אַז ס'איז גאָרניטאָ קיין שענערס אַף דער וועלט, ווי צו זען אין אַ טונקלער קאַלטער שטוב אַ שורע מיט שפּירט־פּרימוסן. אַף יעדער טרעפּ אַ הודיעדיק ליכט! און קיין שענערס און בעסערס ווי צוויי שורעס פּרימוסן אַף אַ טרעפּ מיט אַ דורכגאַנג אינדערמיטן, איז גאָר נישטאָ (מיינט ער) אַף דער גאַנצער וועלט!

היינט — סוכום, און טיפּלים! די אידישע קאָלאָניעס באַם אַזאָווישן יאַם!

גראַפּער איז אַריינגעפאַלן אין אַ „שאַבעסדיקער קאָלאָניע", וואו

די אַלטעליים האָבן נאָך צו ביסלעך אָפּגעהיט אידישקייט. אָנגעדראָ־ וועט — מאַכט ער, גאָט אַ פול היטל, געאַקערט האָבן זיי אַביסל שוואַכלעך — מאַכמעס אין יענע טעג האָט זיך אַרומגעטראָגן אַ קלאַנג, אַז „דער אידישער מיליאָנער פון שיקאַגאָ, מיסטער ראָזענ־ וואַלד" האָט באַוויליגט צו גיבן 4 מיליאָן דאָלאַרן פאַר דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

האָבן זיך גראַפּערס קאָלאָניסטן אַ ווײַלע אָפּגערוט פון די פעל־ דער, זיך פאַרנומען מיט דער אַרבעט פון אויסרעכענען אַקוראַט וויפיל עס וועט אָנקומען אַף יעדן.

דערווײַל האָט גראַפּער געמאָלט מענטשעלעך און אַלע האָבן אים אַריבערגעקוקט איבער די פּלייצעס.

שפּעטער אין זומער האָט מען זיך געכאַפּט אַז מ'איז הינטער־ שטעליג אין אַרבעט, האָט מען געדונגען דעם דייטשן שאָכן, דעם גע־ וועזענעם פּאָריץ, ער זאָל קומען אַרבעטן אַפן פעלד. האָט ער געאַר־ בעט אַפן פעלד, און שטילערהייט עפּעס אונטערגעברומט אַף דייטש. גראַפּער וואָלט געשוואוירן, אַז דאָס איז געווען נישט קיין בראָכע!

— ווי גייט אָן די בויאונג אין סאָוועטנפאַרבאַנד?

— מען סטראָיעט — מאַכט ער, און מען סטראָיעט. דאָנבאַס, דאַנאוגאַל, דאָניא איסאַקאָוויטש—.

ער האָט צעמישט די דאַנס—.

ביכלאַל אָבער ווייסט ער, אַז די „לעקטרישע באַרן" זעען זיך שוין קימאַט אומעטום אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אין די פּאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון קרים און קאַווקאַז ציט מען דראָטן. ליכטיקע בסורעס קומען אַף עלעקטרישע גלעזלעך. הייזער בויען זיך. (מאַזל־טאָוו אונדז, די מאָסקווער פּאָסט־געבײַדע איז שוין פאַרטיק!) אַקערבוי בעסערט זיך. מילן צעשפּרייטן די פליגל, אינדוסטריעס הויבן אויף די קעפּ!

גראַפּער זאָגט די־אָ ווערטער מיט פּאָנעם אין די אויגן!

איך צעפרעג מיך בײַ גראַפּערן אַף אונדזערס אַ באַקאַנטן, וואָס האָט אין מײַן צײַט געוואוינט אין מאָסקווע.

— אָה, יענער? — מאַכט ער — יענער וואוינט איצט אין באַרקאָוו. אַלע האָבן אַף אים ראַכמאָנעס נעבעך, ווײַל — ער מאַכט אַ לעבן, גייט אָנגעטאָן אין אַ נישקאָשעדיק פוטער. מען באַציט זיך צו אים, ווי צו אײַנעם וואָס איז נישט־געזונט.

— נו, און די רויטע אַרמיי?

— אָה באָי!...

גראַפּערס בלאָ־וואַסערדיקע אויגן זענען געוואָרן טיף ווי שפּי־

געלעך!

—...שינעלען און לאנגע שווערדן. קיין סעמעטשקעס קייעט מען נישט. ביכלעך אין האנט טראָגט מען. די „קאזארמעס" זענען אוניווערסיטעטן. דער רויטער ארמייער איז היינט דער געבילדער־סטער מאַסנמענטש אין גאַנץ אייראָפּע. און נישט נאָר זענען זיי „גראַמאָטנע" אין פּאָליטיק, און אין סאָציאַל־עקאָנאָמישע פראַגעס, נאָר אויך אין שיסן — דער רויטער ארמייער שיסט זעלטן־ניט אַ גרייז...

:: :: ::

גראָפּער האָט העכער אַ האַלב יאָר פאַרבראַכט אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד. געטראָפן קימאַט אַלע גרויסע טוערס, קינסטלער, וויסנ־שאַפטלער.

קיין נעמען גערדיינקט ער נישט (אין דעם פּראַט איז ער געגליכן צו — משה נאַדירן). אָבער ער ווייסט, אַז ער האָט געטראָפן קי־מאַט... ווענמען איר ווילט!

פון אַלע מאָסקווער טעאַטערס געפעלט אים צום בעסטן דאָס טעאַטער „סעמפּעראַנטאָ", וואו מ'שפּילט עקספּראָמפּט. די שפּילער רעדן זיך צונויף וועגן אַן אינהאַלט, דערנאָך — רעדט יעדער ווי ער פאַרשטייט. אַמאָל פאַרפּלאָנטערט מען זיך, מען קען ווייטער נישט גייען, אָדער מען לאָזט יענעם נישט גייען ווייטער. עס שאַפן זיך עמעסע טראַגעדיעס, לאַגעס שווערע, ביטערע — מ'מוז דורכברעכן מיטן אייגענעם סייכל, אַז נישט איז מען אַף צאָרעס.

אַן אַקטיאָר אָדער אַקטריצע וואָס האָט נישט קיין פלינקן סייכל, קאָן פון די אַנדערע אַריינגעשלעפּט ווערן אין אַזאַ לאַגע, זי זאָל דאַרפן קריק־קומען אַף דער בינע און נישט קענען, ווייל די אַנדערע לאָזן נישט אַריין. אין אַזאַ פאַל דאַרף מען קריכן דורך אַ פענצטער, אָדער זיך אַריינגנאַרן דורך פאַלשע פּרעטענציעס.

די אַקטיאָרן זענען אָנגעשטרענגט, דער עולעם איז אָנגע־שטרענגט. ס'איז קאַמף, ס'איז פּאַטאַליטעט, ס'איז לעבן!

...עס ווירקט ווי אַ בוים וואָס מאָלט זיך אַליין אַף אַ לייווענט, אין אַלע אָריגינעלע פאַרבן, און דאַצו הערט מען נאָך אַפן לייווענט ווי דער בוים וואַקסט, אָדער וויאַנעט.

(הערט נאָר, כ'בעט אייך, ווי קלוג ער רעדט, אונדזער גראָפּער!)

— די נייע ליטעראַטור?

— אין אַ לאַנד פון אַזוינע פאַרביקע באַזארן, פון אַזוינע גרויסע געשעענישן, קען די ליטעראַטור נישט זיין וויכטיקער ווי דער עמעס. דער שפּיגל גיט נישט קריק קיין העלפט פון דעם, וואָס מ'גיט אים.

נאָר קליינע זאַכן ווערן אין שפּיגל גרעסער!

— ווי ליטעראַריש דו רעדסט, גראַפּער!

איך רעדט דאָס דען? דו רעדסט עס דאָך אַליין, נאַדיר.

— זיי נישט קיין נאַר, גראַפּער, מע'ט לאַכן פון דיר. וואָס הייסט איך רעדט? ס'איז דאָך דיינע געדאַנקען.

— אָה באַי!

:: :: ::

גראַפּער האָט געזען טראָצקין אָפּפאָרן פון מאָסקווער וואָקזאַל. ער איז אַפילו געווען אַ באַלן איבערצוציילן טראָצקיס רייזע־קאַסטנס: 17 קופערטס. אכוץ עטלעכע שיינע, גרויסע הינט. די מעלוכע האָט אים געגעבן אַ ספּעציעלן צוג.

אַזוי פאַרשיקט צו ווערן, מאַכט גראַפּער, איז גאָרניט שלעכט—.

— וואָס איז די נייעסטע לאָזונג אין סאָוועטנפאַרבאַנד, גראַפּער?

— די נייעסטע לאָזונג, מאַכט ער, ווייס איך נישט. כ'ווייס נאָר, אז טאָמער זאָגט עמיצער אז אָן אים קען זיך די מעלוכע נישט באַגיין, ענטפערט מען אים: „כאַפּט זיך נאָר נישט אַזוי, ר' כאַווער! אַז מ'קאָן זיך באַגיין אָן טראָצקין, וועט מען זיך אָן אייך אויך באַגיין".

...די שטימונג איז אומעטום אַ גרינגע, די לעבנסמאָס ווערט וואָס אַ טאָג גרעסער. מ'וויל אָניאָגן די זיבן מאָגערע יאָר און ווי פּעט די נייע „זיבן יאָר" זאָלן נישט זיין, איז פּאָרט שווער צו דער־יאָגן די יאָרן — פון בירגערקריג, פון צאַרישער צעפּוילטקייט.

— רייזענען באַגעגנט אין פּאַריז?

— באַגעגנט.

— וואָס מאַכט ער?

— וואָס זאָל ער מאַכן? ער גייט אַרום אין די גאַסן און טוט נישט מער, נאָר ער האָט ליב מענטשן!

:: :: ::

גראַפּער איז אויסגעווען אַ וועלט: טערקיי, גריכנלאַנד, בולגאַריע.

אין בולגאַריע האָט אים נאָכגעיאָגט אַן ערד־ציטערניש — ער האָט עס קוים אויסגעמיטן.

קאָמוניסטן, מאַכט ער, זענען שנעלער ווי ערד־ציטערנישן...

אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבן די טערקישע גרעניץ־באַאַמטן באַ גראַפּערן צוגענומען זיינע ביכער, מאַפּעס, סקיצן. איז ער אוועק צום אַמעריקאַנישן קאָנסול און זיך ניט געקאָנט דערשלאָגן צום „אָדן". עס איז געווען אַ גרויסער „אָטשערעד". האָט אים דאָס סעקרעטאַרל, וואָס זיצט באַם אַריינגאַנג אָנגעשלאָגן צו גיבן אַ „פּראָפּוסק" אַף

מאָרגן. האָט ער גענומען דעם „פּראָספּוסק", וואָס איז געשריבן און געזיגלט אַף ענגליש, אוועק צו די טערקן און געזאָגט: „גיט אהער מיינע זאכן! אָט איז אַ באַפעל פון אַמעריקאַנישן קאָנסול".

דער הויפּט־טערק האָט אָנגעטון די ברילן, איבערגעלייענט דעם „דאָקומענט" און געזאָגט אַף טערקיש „אַלרייט" און אים אָפּגעגעבן די זאכן.

:: :: ::

גראַפּער האָט אסאך נייע ארבעטן געבראַכט.

אינם פראַנצויזישן „פאַרלאַג טריאַנגל" דרוקט זיך איצט אַ בוך פון זיינע שווארצווייסן. דאָס פאָרוואָרט האָט געשריבן אַנרי באַר־בים.

גראַפּער האָט זיך „באַנייט און באַקליידט".

דאָס וואָרט „באַנייט", מאַכט ער, דאַרף געלייענט ווערן אי „באַ־נייט", פון שוירעס נייען, און באַנייעט, פונם שוירעש „ניי".

:: :: ::

איך האָב דורכגעקוקט גראַפּערס נייעם בוך (די פּריף־בויגנס) און ס'איז מיר איינגעפאַלן אַ פאַרגלייך צישן וויליאַם גראַפּער און... אפרים משה ליליען.

ביידע וואונדערקינדער, ביידע די צירונג פון זייערע פּאַרטייען. ביידע דער אויסדרוק פון זייער צייט.

ליליענס געפּאַטשקעטע טשאַטשקעס, דראַטענע שפּינוועבס. גראַ־פּערס ווילדע צעפּאָרענקייט — וואָס האָט צו זיך אַ גלייכן בלויז אין דעם דייטשן בלייפעדער־מייסטער אַנרי קליי.

גראַפּער — שנעל ווי דער טייוול. זיינע פיגורן רייסן זיך פונם פּאַפּיר אַראָפּ. ער קאָן זיי קוים איינהאַלטן.

ליליען — אַ צירלעכער וואונדן־פאַרדעקער.

גראַפּער — אַן אויפדעקער פון וואונדען.

ליליען — איז ציוניזם.

גראַפּער — איז קאָמוניזם.

בא אפרים משה'ן ווי בא אַלע בורזשואַזנע קינסטלער, איז די קונסט געווען אַ היסטאָרישער גראַד, בא ביל'ן איז עס אַן — אוס.

ליליען וועט זיך גאָר נישט מאַכן דאַרויס וואָס דו האָסט אַ בייל אַפן שטערן, פאַרקערט: ער וועט דיר צומאַכן נאָך אַ בייל — עס זאָל באַלאַנסירן.

ליליען זוכט סימעטרי: צוויי קאַנען אַף צוויי אַקסלען פון אַ

וואסערטרעגער — עס זאָל זיך האלטן גלייך. עס זאָל נישט אריבער־וואזשן.

בא גראָפּערן איז איין קאָן אויך געגוג. א קאָלאָניסט האלט פיר־פינעף פעדים היי אף א ווילקע — עס באַלאַנסירט!

אז א האָלצהעקער הויבט־אויף די האַק, און דער קנופּיקער קלאַץ צו נאָענט צום האָלצהעקערס פּיס, טראַכט איר נישט: „גראָפּער קען נישט קיין קאָמפּאָזיציע", נאָר איר טראַכט: דער האָלצהעקער קאָן נישט האַקן קיין האָלץ.

קאַפּיטלעך צום לעבן
פֿון יאָסל קאָטלער

יאָסל קאָטלער, דיכטער־הומאָריסט, מאָלער, מאַריאָ־
נעטנמייסטער און שפּילער. טראַגיש אומגעקומען
אין עלטער פון 39 יאָר, אויף א טור פאַר דער
„מאָרגן־פרייהייט" מיט זיין ליאַלקע־טעאַטער, דעם
עלפטן יוני, 1935.

קאַפּיטלעך צום לעבן פון יאָסל קאָטלער

עס האָט געקערט זיין אַרום אָנהויב זומער 1919.

מיר האָבן דעמאָלט געהאַט אַ באָרדינג־פאַרם אין לאָק שעלדריק, אין די קעטסקילס.

איך געדענק ניט דורך וואָסער פאַרבינדונג, צי עפּשער גלאַט אַזוי זיך פון נייגעריקייט, ווייל ער האָט געהערט אַז בּאַ אונדז גאַסט־שען־זיך שרייבער, מאָלער און יונגע קינסטלער האָט עס אים — ווי ער האָט שפּעטער אַמאָל געזאָגט — פון דער העלער־הויט אַ שלעפּ געטון צו מיר „ווייל ער האָט מיך ס'גאַנצע לעבן זיינס נאָך ניט געהאַט גע־קענט און „ס'איז שוין", לויט זיינע אייגענע ווערטער אַביסל אַ צו „לאַנגע צייט".

דאָס אַלץ האָט מיר יאָסל קאָטלער אויף זיין שמעוודיקן אופן פאַרטרויט שפּעטער.

אין דעם טאָג אָבער וואָס ער האָט זיך באַוויזן אַף דער טיר פון אונדזער פאַרם אין יענעם פּרעכטיקן באַרג־געגנט פון די קעטס־קילס, איז ער געווען ווי אַ יונג, היים לאָשיקל אַף דער לאָנקע, וואָס אַז דו דערנענטערסט זיך דערצו טרעט ער אַלץ מער אָפּ קאַריק.

נאָר די אויגן זיינע, די קאַצענע אויגן, אונטער גרויסע מיידלשע וויעס האָבן זיך באַלד דורכגעגלעט אַ וועג צו מיין באַוואָפנט האַרץ.

איך געדענק: אַ ביינערדיקער, הויכער באָכער (מיין הויך אומגע־פער) מיט אַזוינע גרינגע קנאָכשלעסער אַז יעדע באַוועגונג בּאַ אים איז געווען ווי דער ריטם פון אַ טאַנץ.

ער איז געקומען אַזוי נאַטירלעך־פריש, אַזוי האַנאָעדיק־פראַסט און דערביי אַזוי מוזיקאַליש, מיט אַזאַ אינערלעך געפיל פאַר מאָס און וואָג, ווי ער האָט דאָס שפּעטער פון זיין אינערלעך לעבן אַרויס איבערגעגעבן דעם ליד, דעם מאַריאָנעט, דער שפּראַך־זשעסטור.

גרינג: ווי ער וואָלט געווען אינגאַנצן געמאַכט פון ווינט און פון ביינער און פון שטיל טריפנדיקער פלאַם־דעקאָראַטור.

ער איז געגאַנגען אין הוילן קאָפּ. זיינע געגרייזלטע האָר זענען געלעגן ווי געשווירענע הויפנס שעפּסן־וואָל און ווי־עס־איז צוגעקלעפּט צו אַן עטוואָס־משופּעדיקן שטערן אַף וועלכן עס האָט זיך גלייך איבער דער נאָז געוויזן אַ צענויפקום פון סאַטיר־אַרטיקע ברעמען. (מיט די־אָ ברעמען, וועז שטיפעריש פאַרצויגן און די ברייטלעכע

ניט צו לאנגע נאָז קונציק פאַרקאַטשעט האָט ער געקאָנט מאַכן גרי־מאַסן, אײנגליש־קאָמישע, אָדער איבערראַשנדיק גראָטעסקע).

אין דער האַנט, געדענק איך, האָט ער געהאַלטן אַ פּלאַך הילצערן רענצעלע, אַזוינס ווי רײזנדע מעקלערס טראָגן.

געקומען איז ער ניט אַליין, נאָר מיט אַ כאַווער זײַנעם — אַ קאָמערציעלער אַרטיסט און שילדן־מאָלער, ווי ער אַליין איז דעמאָלט געווען.

— איך בין נאַדיר, האָב איך זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט, אױפ־הױבנדיק זיך פון דער רונדער באַנק, אַרום ריזיקן אײכנבױם, וואָס איז געוואַקסן בײם אַרײַנגאַנג צו אונדזער פאַרם.

— און איך בין גלאַט אַזױ יאָסל, דער געוויסער יאָסל פון וועמען קײנער האָט נאָך ניט געהערט — האָט ער געענטפערט, אַראָפּ־נעמענדיק פון זיך ס׳פאַרשוויצטע העמד, אױסגעטאָן די דאַרע, שטױב־אָנגעזאַפּטע שיך, געגעבן זיך אַ דרײ אַרום אַרומן הױז, צוריקגעקומען און געזאָגט:

— אַ „כאַפּ" טון איך אַן עמערל וואַסער?

און טאַקע באַלד אַ „כאַפּ" געטאָן אַן עמערל וואַסער פון דער ברונע. מיר האָבן אַלע דרײַ געטרונקען. זיך צערעדט וועגן צײַטלעכע קלײניקײטן. דערנאָך האָט זיך קאַטלער אָנגערופן:

— עפשער דאַרפט איר אַ סײַנדל (שילדל) פאַר אײַער פאַרם, וועלן מיר באַלד אַ מאַך טון.

און גענומען און געמאַכט.

זײַן כאַווער (בערלין האָט ער געהײסן. ער איז שפּעטער גע־שטאָרבן פון אַ בלוט־שטורץ נאָך אַ קלײנער האַלדז־אָפּעראַציע) איז געשטאַנען מיט די פױסטן אין די קעשענעס, געררויכערט אַ ציגאַרל און געשמײכלט.

עס האָט בידאַרפט הײסן: אױך מיר אַ באַלמעלאָכע. ווען ער ניט עס מיר . .

יאָסל האָט געמאָלן בוכשטאַבן אין דער פאַרם פון ברעזע־שטעקנס איבערגעלײגטע — פריש מיט דער קאָרע. ער האָט געשיל־דערט" דעם קאָרע־געררוך. די לופט אַרום דער קאָרע. צום סאַמען סאָף פון די עטלעכע בוקוועס: „נאַדירס פאַרם" האָט ער די „מ" גע־מאַכט פון דער קאָרע׳ס נאַסער, לינקער זײַט.

אַנשטאָט אַן אונטערשריפט האָט ער אַוועקגעשטעלט אונטערן שילד אַ פּיצל קעצעלע.

אױף קעצל־שפּראַך, — האָט ער אָנגעוויזן מיטן פינגל, וועלכעס

ער האָט געווישט מיט אַ שטיקל געוואַנט, פלינק מאַכנדיק אַ טעצל פון פּאַפּיר אויף אַריינצוגיסן שוועבּק-טערפּענטין :—

— אַף קעצלשפּראַך מאַכט עס „יאָסל קאַטלער מיט אַ פּינטעלע" אַן אַז איר ווילט וועל איך בלייבן באַ אייך אַפן פּאַרם. אַרבעט וועל איך שוין געפינען.

אין וואָסערע צען מינוט אַרום איז ער שוין געקומען פון דער קיך מיט אַ שטיק פּוטער־ברויט אין האַנט, אַ ריסקאַל און ברעך־אייזן אונטערן אָרעם און אַזוי עסנדיק איז ער געגאַנגען צופּעסטיקן די שילד צו דר׳ערד, אַף אַ סטויפּטשיק.

:: :: ::

קאַטלער איז באַ אונדז געבליבן אַ גאַנצן זומער. ער האָט גע־האָלפן דערלאַנגען צום טיש, נאָר קיין טיפּס האָט ער ניט געוואָלט נעמען.

אַז ער איז געוואָרן פּאַרענגט אין געלט, האָט ער אַף די צוויי קעשענע־לעצלעך פון זיין העמד אָנגעשריבן אַף איינעם:

No (קיין).

און אַפן אַנדערן

Tips. (טרינקגעלט).

אַזוי לאַנג ווי די געסט וואָס ער האָט באַדינט זענען געווען אומ־פּאַרמעגלעכע מענטשן האָט ער געהאַלטן ביידע לאַצן אין דרויסן. אַזוי גיך ווי אַ פּאַרמעגלעכער מענטש האָט זיך באַוויזן באַ זיין טיש פלעגט ער ביים סוף פון זיין מאָלצייט אַריינמאַכן אין קעשענע אַריין דאָס לעפל מיטן אויפשריפט: „נאָ" און אָוועקדרייענדיק זיך אַזוי אַז עס זאָל הייסן אַז ער זעט ניט, פלעגט ער אָנווייזן אַף שטומלאָשן אַפן „לעפל" פון דער אַנדערער העמד־קעשענע.

דורכן זומער איז ער באַ יעדער געלעגנהייט געגאַנגען באַרוויס. נאַקעט.

כ׳האָב קיינמאָל ניט געזען אַ מענטשן אַזוי שיקער ווערן פון זון ווי יאָסל קאַטלער. און פּונקט ווי אין די זעלטענע מאָמענטן פון זיין רעאַלער אָנגעשיקערטקייט אַזוי איז ער קינסטלעריש געווען באַ־רוישט אַקוראַט ביז יענעם פּיינעם פּונקט ווען אָט־אָט און מען פּאַר־לירט דאָס גליקלעכע באַוואוסטזיין, אַז מ׳איז באַטרונקען.

פאַר דער וועלט איז יאָסל קאַטלער געווען דער „גרינגער לונג־לעבער", דער מענטש וועלכער קען אַלע פּרויען אַזוי קינדעריש ליב האָבן, אַז קיין מאַן און ליבהאָבער זאָל אַף אים ניט אייפערזיכטיק זיין. פאַר דער וועלט איז יאָסל קאַטלער געווען דער וועלכן מען שיקט שטענדיק אַ גאַנג, וועלכער קען פאַרריכטן אַלצדינג (ווי ער

וואָלט געזאָגט) אפילו אזוינס וואָס וועט ערשט מאָרגן צעבראָכן ווערן, און אייביק דינסט-גרייטער האַרעפּאַשניק, וועלכער קאָן טון די שווערסטע ארבעט מיט אַזאַ גרינגשאַפט גלייך ווי עס וואָלט געווען אַ רייַנער צייט-פארטרייב. איינער וועלכער ווישט זיך קיינמאָל ניט אָפּ קיין שווייס וואָס רינט פון שטערן. און אַז סע קומט צו צום מויל מאַכט ער „האם. גאַנץ גוט!" און ארבעט ווייטער. איינער וואָס קאָן אַוועקלייגן אַ לייוונט אינמיטן דער ארבעט, גיין אביסל אַ טאַנץ, דערנאָך זיך אַוועקלייגן מיטן פּאָנים צו דער ערד און שרייבן וואונדערלעכע „גרינגשאַפטן", וועלכע ער האָט צענדליק מאָל איבערגעשריבן און איבער-איבערגעשריבן און אָפּט פארלוירן, צעשאָטן פארגעסן... און — שטענדיק עפּעס ווי צופעליק — געפונען צישן זיין קויטיקער וועש, אָדער צישן די מאָל-מאַטעריאַלן. דערנאָך שפּילן קאָרטן מיט אַזאַ „גרינגשאַפט" אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן, דערנאָך העלפן פארריכטן די פלאָמבינג (וואַסערלייטונג), פלינק ווי אַ קאַץ ארויפקריכן אויפן דאַך און לייגן אַ שינדל, דערנאָך שפּילן אויף וואָסער אינסטרומענט איר ווילט אים געבן.

פאַר דער וועלט איז יאַסל קאַטלער געווען דאָס זאָרגלאָזע קינד. פאַר מיר אָבער (מיט דעם געדאַנק האָפּאָנים צו טרייסטן מיך, אין אַ מאָמענט ווען איך בין אריין אין אַ מאָרעשכוירע) האָט ער זיך פארטרויט, אַז ניט לאַנג, איידער ער איז געקומען צו אונדז איז ער געווען קראַנק אין אַן אַנשטאַלט. דאָס איבערפלאַנצן-זיך פון טראַיאַנעווער שטויב-דרויסנס און אָפּענע יאַטקעס אין אַ קעלער פון אַ סאַין-פּעינטער ערגעץ אויף ריווינגטאָן סטריט איז אים ניט גוט באַקומען. נודאָטע און איינזאַמקייט האָט אים געגעסן. זיין געדאַנק-ראָד אַנגעלאָדן מיט פּאַטענצן האָט זיך געדרייט אויף אַ מיל אין קערנער. צוועקלאָזיקייט. זינלאָזיקייט. דער געשפּענסט פון מעשוגאַס האָט ארומגעשטאָקט ארום זיין טיר . . .

איינמאָל צישן טאָג און נאַכט, אין אַ סאָף זומער, ווען פּעטעבלאָע פליגן האָבן זיך געוואָרפן מיט די קעפּ צו די פענצטער, ווען שויבן קאַטלער האָט אויף מיין באַקאָשע אויסגעפּארבט אזוי, אַז זיי זאָלן אויסזען ווי קלויסטער-וויטרינעס און ווען אויף די צוויי גרויסע הילצערנע שיסלען וועלכע ער האָט באַמאָלן מיט זיינע טאַנצנדיקע אידעלעך, האָט אַ לעצטער טאָג-שימער געשלוקערט, האָט מיר יאָסל קאַטלער פארטרויט, ליגנדיק צעלייגט אויף דער פּיאַנאָ און שפּילנדיק מיט איין פינגער עפּעס אַ גרינגס:

— איר ווייסט, משה, איך האָב מיך קונציק ארויסגעדרייט פון מעשוגע-ווערן. ס'איז מיר איינמאָל באַפאַלן עפּעס אַזאַ גראַבלדיקע

שרעק, אז איך בין ארונטער אונטערן בעט און מיך צענויפגעקנוידערט. און געקריצט מיט די ציין, אז מען האט מיך אפירגעשלעפט, האב איך מיך געשעמט צו זאגן וואס מיט מיר איז, האב איך געזאגט עפעס א וויץ, האבן אלע געלאכט. ווערליך אזוי ווייט ווי איך געדענק איז דאס געווען דער אנהויב פון מיין הומאר־קאריערע.

קאטלער האט זיך געהיילט מיט הומאר, מיט קינדערשער דע־קאראטור, מיט פארוואנדלען דעם טיפסטן וועלט־זין אין שפיל, אין איבערשטעלן דעם טראפעראט „אונטערגאנג" אזוי אז ער זאל זיך לערנען „מוטערגאנג".

„ניט קעדאי קיינעם צופיל פיינט צו האבן", פלעגט ער פילאזאפ־פירן—ווארעם אז מען האט צו שטארק פיינט דעם בער און מ'שטרענגט זיך אן צו שטארק אים צו שיסן טרעפט מען ערשט ניט".

שרייבנדיק די ווערטער, טראכט איך: ווי קומט עס, וואס יאסל קאטלער איז געווען צישן די איינציקע מענטשן וואס איך האב שטענדיק געאירצט און וועלכן איך האב קיינמאל קימאט באם ערשטן נאמען ניט גערופן. דערקלערן זיך דאס אקוראט קען איך ניט, סיידן עפשער דערמיט וואס מיין אירצן אים (דעם יונגערן פון מיר) איז גע־ווען אן איינערלעכער פראטעסט קעגן דער גראבער פאניבראטישקייט מיט וועלכער א טייל מענטשן האבן רעאגירט אף זיין קינדערישער גוטסקייט און פאשטעס.

קאטלער דער פילזייטיקער, אף אלע געביטן אריגינעלער, אפט געניאלער טאלאנט, האט קיינמאל ניט געליטן פון דעם פלאג פון וועלכער אסאך בירגערלעכע קינסטלער ליידן: דאס וועלן מאכן מיטן פינגער א קנייטש־דרוק אין דעם אייזערנעם קיילעך וואס איז וועלט, אדער אין דעם לופט־קיילעך וואס איז אייביקייט.

קאטלערס לעבן איז געווען אזוי אויסגעפילט מיט טאט און קאמף און לוסט און ארבעט, אז ער האט קיינמאל אין די לעצטע יארן פון זיין באקער צום קאמוניזם ניט געהאט קיין איבעריקע מינוט צייט אפצושפארן אף אזא „נויטיקער זאך ווי זיך צו ערגערן אדער זיך צעוויינען אמאל".

אין זיין ליבשאפט צו וועלט און לעבן זע איך אים שטענדיק ליגנדיק האריזאנטאל, ווי אנגעשפארט אן וועלכער ניט איז פרויען־ברוסט, זאגנדיק ווי א קינד: — גיב ס'ציצעלע, וועלט!

צישן פילע פון זיינע געניאלע איינפאלן איז געווען דער געניאלער געדאנק אויפצומאלן אף א „באילער" (מעטאל־צילינדער פאר הייסן וואסער צוגעבויט צום אויוון) דאס בילד פון א איד אין א טאלעס־קאטן, וועלכער שטייט און ווארעמט זיך די פלייצע אין א „באילער".

ווענן ליטעראַטור האָט ער אַמאָל געזאָגט:

— אַז איך זעץ מיך שרייבן פיל איך מיך ווי אַ קינד אין וואַנאַ־מעיקערס „טאָי" (שפּילצייג) דעפּאַרטמענט", וועלכן מען זאָגט: „נעם וואָס דו ווילסט". פון הונדערטער טויזנטער ווערטער קאָן איך אַ געוויסן מאָמענט נעמען בלויז איינס. וועלכס פון די אַלע ווערטער צו געבן דעם פּריוועלעדזש איבער אַלע—איז אַ גוואַלדאַוונע פּראַגע".

אַז כ'האָב מיך באַקלאָגט פאַר קאַטלערן, אַז עפּעס גייט מיר ניט לעצטנס אין דער אַרבעט, האָט ער באַמערקט:

— מ'דאַרף זיך ניט ערגערן: אַז אַ זאַך שפּאַרט זיך איין אַז זי וויל געשריבן ווערן, וועט זי שוין אימיצער שרייבן. אַז ניט איר איז אַן אַנדערער. מ'דאַרף זיך ניט נעמען צום האַרץ.

:: :: ::

ס'לעצטע מאָל ווען איך האָב אים געזען האָט ער זיך געהאַט אַלע ציין אַרויסגענומען און געוואַרט אויף די קינסטלעכע ציין. רעדנדיק קימאַט מיט אַ פאַרמאַכט מויל האָט ער מיר אָנגעוויזן אויפן פּאַנים און געזאָגט שמייכלדיק:

— אַן אויג האָט זיך בײַ מיר פּלוצים צעוויינט עפּעס . . .

אַן אויג — ביידע אויגן — האָבן טאַקע געוויינט . . .

אַז איך טראַכט היינט פון יענער סצענע, פרעג איך זיך צי איז ניט עמעס דער (זעלבסט-געמאַכטער) אַפאָריזם אַז:

„בלויז דער וואָס וועט מאָרגן שטאַרבן, קאָן אויפריכטיק וויינען".

נאָר ענדיקן אויף אַ טרויעריקן טאָן, האָט יאָסל קאַטלער געלערנט זיין לערער, טאָר מען קיינמאָל ניט, ווייל זאַכן זענען שוין אין זיך אַליין טרויעריק. אַלע יאָדרעס — זאָגט יאָסל קאַטלער מיט זיין גרינגן שמייכל — זענען פינצטער און אַז גאָט העלפט, אַז מען קנאַקט זיי אויף זיינען זיי ערשט נאַקעט . . .

דעריבער וועל איך ענדיקן, לויט בלעטל 67 פון זיין „מונטער־גאַנג", וואו ער שילדערט אַ נאַכט, וואָס „פינסטערט אין געדיכטער בלינדזעקייט" און „אַ לאַנגזאַמער אוקראַינער ניגון, ווי געצויגן פון אַ לירע פעדימט דורך די בלינדע לופט און וועקט אויף די זאַפטן פון דער ערד". דאָרט זאָגט יאָסל קאַטלער:

ס'האָט זיך אויסגעוויזן,
אַז ווען ניט דאָס זיסע פעלד־געזאַנג,
וואָלטן טראַיאַנאָווער קינדערלעך
קיינמאָל ניט געגאַנגען שלאָפן...

אַפן וועג צו דיין רו, יאָסל קאַטלער

ליִיענסט וועגן אַן אומגליקפאַל אין דער צייטונג און דו פרעגסט קיינמאָל ניט: פון מיליאָנען מענטשן פאַרוואָס האָט עס גראָד געטראָפן דעם?

נאָר ווען עס טרעפט דיך, דיינע נאָענטע, בלייבסטו געפּלעפט: פון אַלע מענטשן אַף דער וועלט זאָל עס גראָד טרעפן איִם? — יאָסל קאַטלערן דעם גרויסאַרטיקן זאָל דער טויט כאָטש אַביסעלע אויסן וועג ניט גיין?

:: :: ::

אין אָנהייב גייט דער גרויזאַמער פאַקט פון קאַטלערס טויט אויף איִן דיר, ווי אַן אייזערנער שפּאָן אין אַ גוף. ער פּייניקט און ער פּייניקט. איבערגעשלאָפן מיט דער שרעקלעכער בסורע אַ נאַכט און נאָך אַ נאַכט און דו הויבסט אָן שטיל און רעזיגנירט אויפצוגיין אינעם פאַקט. שוין איז עס געוואָרן אַ טייל פון דיין באַוואוסטזיין, אַז דער אָפּגעשניטענער האַנט דיינער טוט מער ניט אַזוי ווי. דעם אייגענעם ווייטיק ווידער צעקלינגען אין די גאַסן, אין אַן ענגאַ־לוקסוס וואָס אונדזער־איינער קאָן זיך נישט פאַרגינען.

:: :: ::

די ביטערסטע זאַך איז איבערלעבן יענעמס טויט — ווען יענער איז קימאַט דו אַליין.

נאָר דו לעבסט איבער. דאָס לעבן שלעפּט דיך ווייטער — ערגעץ איז נאָך דאָ אַ ווייטער, כאָטש אַזוי.

דער פונק, וואָס האָט אַ בליץ געטאָן פונעם פּיצל ציינדהעלצל און זיך אויסגעלאָשן, איז ניט פאַרפאַלן געגאַנגען, ווען דער אָנגעצינדענער פלאַם הודזשעט אַרום דיר. אינעם קעמפערישן קרייז פון האַרטער ביטערקייט, באָלשעוויסטישער ערנסטקייט, איז דיין מונטערקייט געבליבן, יאָסל קאַטלער, — דער באַזונדערער מונטערגאַנג פון דיין פּוס, וואָס האָט אַפן וועג צו די באַריקאַדן — געטאַנצט.

דו ביזט ניט פאַרלוירן געגאַנגען, יאָסל קאַטלער. אונדזערע הערצער — די הערצער פונעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט וועלן דיך טראָגן אַזוי ווייט אינעם ליכטיקן מאָרגן אַריין, ווי מענטשן קענען דאָס טון.

:: :: ::

צו האָבן געלעבט! וואָס פאַר אַ גיגאַנטישע דערפאַרונג דאָס איז! און ווי גרויזאַם דאָס איז וואָס מ׳קען דאַפון אַליין קיין שום שלום ניט ציען.

:: :: ::

זאָל מען אויסזאָגן? עס איז דיין לעבן גאָרניט געווען אַזוי גרינג, ווי די וועלט האָט געמיינט, יאָסל קאָטלער! דיר האָט דאָס לעבן די אויגן אַזוי ברייט אויפגעריסן — צו אַלע האָריזאָנטן־צו. אין דעם קינדישן געפּלאַטער פון דיין וואָרט האָבן אָפּט ערד־ציטער־נישן וויברירט. אין דיינע גאָלדענע זייפשוימען האָט ניט זעלטן גע־ציטערט אַ פּאָדים בלוט. אויך דיר איז די קאַפּיטאַליסטישע וועלט געווען ווי אַ וואונד! אין זינדיקער אָפּגייגערישקייט האָט דיין סאַ־טיר־פּאָנים געלויכטן, ווען דו האָסט געזאָגט, אין דעם טאָג וואָס דו ביזט געקומען פונעם דענטיסט, מיט אַ פּלוצים ליידיק־געוואָרן מויל: „אַ פּלעזשור, אַז אַ צאָן הערט אויף וויי־טון. אַז ס'גאַנצע לעבן הערט אויף־וויי־טון דאַרף זיין נאָך מער פּלעזשור. אַ שאָד נאָר, וואָס מ'איז טויט דעמאָלט און מ'קען דאַפון ניט געניסן . . .״

איצט טוט דיר גאָרניט וויי, יאָסל קאָטלער. נאָר מיר, דיינע כאַווײרים, יאָסל, ווייסן ניט וואָס צו טון אָן דיר. אַזאַ ארויסרייס איז אין אונדזער רעדאַקציע, אַז ניט מיט קאָפּענדיקע טרערן, ניט מיט טרייסטווערטער קאָן מען עס פאַרדעקן.

ווער ביזטו געווען, יאָסל קאָטלער?

מיט וועלכן חוש מי זאָל ניט טראַכטן וועגן דיר, ס'ערשטע וואָס קומט אַרויף אויפן זין איז, אַז דו ביזט געווען גרינג.

און האָסטו דיך פּאָליטיש אַביסל פּאַנאַנדערגעקליבן און זיך אָפּן קעמפנדיקן אַרבעטער־קלאַס אָנגעשפּאַרט, האָט קיינעם קיינמאָל דיין באַריר ניט באַלעסטיקט, האָסטו שטענדיק דיין אינערלעך גע־וויכט אויפגעלייזט אין אויסשטראַלונג.

גרינג ווי אַ ווינט, גרינג ווי אַ לעגענדע.

ווי אַ פאָלקס־לעגענדע, האָסטו זיך באַוויזן, מי ווייסט ניט פון וואַנעט, יאָסל קאָטלער, און ווי אַ לעגענדע וועסטו זיך אין אונדזערע הערצער אָנהאַלטן, בלענדיקער ווערן פון טאָג צו טאָג. מיט דיינע קעציש־גרויע שליץ־אויגן, מיט דיין אימפּ־שטערן, מיט דיינע פלינק־פליסיקע הענט, צישן וועלכע דו ביזט אַרומגעגאַנגען מיט אַ מינע קימאַט פון אַ ליידיק־גייער, כאָטש די הענט האָבן געאַרבעט, געאַרבעט, באַגלייט פונעם שפּינדל פון דיין גאַדאַנק, וואָס האָט אַזוי בין־מעסיק געזשומט, געזשומט.

:: :: ::

אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער באַקאַנטשאַפט, יאָסל קאָטלער, פלעג איך דיך באַטראַכטן פון אונטן, פון דער פּלייצע — ווען דו פלעגסט ליגן אונטער אַ בוים מיטן פּאָנים אַראָפּ און שרייבן מיט אַ

בלייפעדער אַף אַלערליי קוויטקע שטיקלעך פּאַפּיר. דיין האַלב־קוטשעראַווער קאָפּ פּלעגט זיך שטענדיק ענדיקן בא דער קאַרע פּונעם בוים, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די האָר זענען דער קאָרעס און אַז דו ביזט אַ לאַנגער וואָרצל פון דעמזעלבן שטיל־בליענדיקן, פּיל־רערדיקן גרינעם לייכטער, וועמעס אומזעבאַרער פלאַם ציטערט דער בלאָקייט אַנטקעגן.

שפּעטער, ווי נאָענטע פריינט, האָב איך דיך געזען פּאָנים על פּאָנים — שפּינענדיק דעם מאָטיק ליכט פון אויג צו אויג, פון האַרץ צו האַרץ. די לעצטע יאָרן אָבער זענען מיר געגאַנגען איינס לעבן ס'אַנדערע אין שפּאַן, אַזוי נאָענט, אַז כ'האָב דיך מער ניט געזען. כ'האָב בלויז שטענדיק געפילט דיין וואַרעמע נאָנטקייט, די איינציקייט פון אונדזער ציל, דעם טאָפּלטן קלאַפּ פון אונדזערע פיס, צום טאַקט פון דער אידייע וואָס פירט אונדז.

איצט איז מען אויף אַ מינוט אַליין. אַליין . . .

:: :: ::

דו האָסט געזאָגט:

„קיין דערוואַקסענער קאָמוניסט בין איך נאָך ניט, צו קיין קאָמיוגיסט בין איך נאָך ניט דערלערנט, נאָר אַ פּיאָנער בין איך אַ גוטער. איינער פון די עלטסטע צווישן די יונגע פּיאָנערן. און איך'ל מיך נאָך לערנען און לערנען און איך'ל זיין סורפּרייזד אויב קאַרל מאַרקס וועט ניט דענקען קימאַט דאָסזעלבע וואָס איך".

מיר זענען באָלשעוויקעס, קאַטלער, און מיר טאָרן ניט וויינען.

נאָר דיינע שאַפונגען, דיינע וואונדערלעכע מאַריאָנעטן — זיי וויינען נאָך דיר!

דער „קאָנפראַנסע", וועמען דו האָסט דעם שטערן אויפגעהויבן, די ברעמען באַוועגט; די נעגערלעך, וועלכע דו האָסט מיט אַזאַ ליבשאַפט אויסגעלערנט טאַנצן ד „געוואַלדיקסטע" טענץ, אַלע — אַלע ליגן איצט אין דיין שוואַרצן רענצל און יאָמערן ווי יעסוימים נאָך אַ טאַטן.

שרעקלעך איז דאָס געוויין פון אַזוינע פּאַפּירענע מענטשעלעך. זיי פעלט דיין אָטעם אויס, יאָסל קאַטלער!

:: :: ::

וואָס פאַר אַ מאַטאָנע זאָלן מיר דיר ברענגען צום יאָנטעוו פון טויט, יאָסל קאַטלער? וועלן מיר דיר ברענגען אונדזער צער, וועסטו מיט אים גאָרניט קענען טון. ווי דינע בלימלעך — פאַרוויאַנעט דאָך דאָס. איז וועלן מיר דיר ברענגען אונדזערע באָלשעוויסטישע טאַטן.

וועט ווייטער אין דער וועלט מיט ארבעט זינגען דאָס שפינדל וואָס איז פון דיין האנט, פון דיין געראנק ארויסגעפאלן.

די קונסט פון מאכן־זיך סאָנעם איז דיר געווען פרעמד, יאָסל קאָטלער. ביי אנדערע רעוואָלוציאָנערע קינסטלער וואָלט דאָס אוואדע נערעכנט געוואָרן פאר א כעסאָרן. דיין פייאיקייט אָבער צו מאכן זיך פריינט, דיין אריינשפאנען אין יעדן ארבעטערס לעבן, ווי א שטראל אין א געעפנטער טיר — וועגט שוין אלעס איבער.

:: :: ::

אינם פלוצימדיקן „אוי" פון דער געטראָפענער רעוואָלוציאָנערער ארבעטערשאפט איז דיין נאָמען הענגען געבליבן: קאָטלער!

א מאריאָנעט פארבלוטיקט אין דיין בלוט, איז אונדז געבליבן צום לעצטן אָנגעדענק פון דיר און ווי א סימבאָל, אז די מאריאָנעטן־קונסט אף אידיש, וואָס דו האָסט צו אזא קינסטלערישע מאדרייגע דערבראכט, ליגט איצט פארוואונדעט און כאָרעוו.

ווען איך וואָלט מיך ניט געשעמט מיין הארץ נאקעט אויסצוטאָן, זאָלט איך געזאָגט, אז דאָס, וואָס מיר ביידע האָבן זיך פארגונען אזוי שטארק צו לאכן פון אונדזערע „אומשטערבלעכקייטן", האָט געהאט זיין גרונט אין דעם געפיל, אז אזוי לאנג ווי איינער פון אונדז לעבט, איז דער אנדערער אומשטערבלעך. עס וועט בלויז גרינגער ווערן דערמיט, וואָס דו ווייסט אליין ניט דארפן זיך פייניקן מיט לעבן און דער אנדערער וועט עס שוין ווי־עס־איז טאָן פאר דיר.

מיט דיין אָפגיין פון דער וועלט איז מיין „אומשטערבלעכקייט" געשטאָרבן, יאָסל קאָטלער, אָבער ניט דיינע.

ווי באַם לעבן, אזוי אויך אין טויט אריין, ביזטו מיט שטילע, שטרויענע לאטשן אוועק.

און גרינג — קיינעם ניט מעצאער צו זיין, האָסטו ערגעץ אין דער פרעמד דאָס לעצטע ביסל קאַלטע וואסער אויסגעטרונקען.

קוק אף אונדז, יאָסל קאָטלער: אזויפיל דערוואקסענע מענטשן, אין קאַמף הארט־געוואָרענע, איינגעביטערטע, שטייען איצט ארום דיר און וויינען, ווי קינדער. נו, איז דאָס ניט קאָמיש?

איך הויב אונטער מיט מיין לינקער האנט דיין קאָפ, גלעט מיט דער רעכטער די לעצטע אנגסט־טראָפנס פון דיין שטיל־געוואָרענעם שטערן און כ'זאָג פאר דיר, יאָסל קאָטלער, אין דיין גייסט, מיט דער אומענדלעכער גוטסקייט דיינער, ווי איך אינגאנצן וואָלט דיינע ליפן געווען, זאָג איך פאר דיר:

זיי געזונט, קעמפנדיקער פראָלעטאריאט! זיי געזונט וועלט! זיי געזונט מענטשהייט!

דאַרטן — אין לאָנג אײַלאַנד . . .

(אומקערענדיק זיך פון יאָסל קאָטלערס לעוויע)

איך בין געלעגן אַף דער ערד וואו דו ליגסט, כּאַוער
און איך וועל עפּשער ליגן אַף דער ערד וואו דו ליגסט,
כּאַוער.

דער אָרט: אַ גראָזיקער קוואַדראַט
מיט עטלעכע ביימלעך פּאָר וועכטער
און באַשיידן פון בלאַט צו בלאַט
גייען די רעגעס די גערעכטע.

דורך אַזוי פיל טויט־שטעט, צו דיר
ביז דיין רויטפלאַנענדיק צעקאָפּנס;
דורך צענדליג בייסאוילאָמס — האָט אָנגערירט
מיין האַרץ דעם אַשיקן טראָפּן.

און וויפיל פריינט! און שטילשוויג און געוויין
עס שטעלט אַן אַקסל אונטער צו דיין טויט;
עס קניעט מיין זעל, ווי אַ געבראָכן ליכט
וואָס קאַפּעט פלאַם צו טונקעלער זייט פון קנויט.

צוויי רידלען איבערן קייוועך — אין דער ברייט:
אַ גרויזאַמער, קאָטלערשער וויניעט
און אייביקייטן — אוהו, גאַנצע בערג
איבער דיין שטילן, איבער דיין לעצטן בעט.

פאַלט ערד איבער דיר? צי שטערן פאַלן?
אַ גרויסער שטויב פון פלאַמענדע שטערן!
מיר שטייען אַלע — ווי אַ געהויבענע האַנט
און מיר שווערן!

מיר האָבן צוגעריקט די זון איבער דיר
נאָר ניט דיר גלייך אין די אויגן;
עס האָט דעם ווייטן, דעם ווייכן גלאַנץ
דיין זאַמדיקע הויט איינגעזויגן.

האָבן מיר איבערגעלאָזט איבער דיר, צעקאָפּנס
דעם פאַרנאַכט, דעם מאָרגן און דעם טאָמיד
און אַף אַ קלעווע מיט קלעפּעדיקער זאַפט
האָט אַ האָניק־בין געזשומעט.

אינהאַלט

משה לייב האַלפּערן 8
סענטימענטוואַרג 17
ווי אַזוי איך שרייב 23
קאָליאַ טעפּער 29
אַרום דר. חיים זשיטלאָווסקי 34
היינריך היינע 43
דער אָנשטעל איז גרויס 45
מיר און די אידישע שפּראַך 48
אונדזער ליטעראַריש וועלטפּאַרמעגן 54
די קענאָן סטריטער ליטעראַטור־גרופּע 59
ליטעראַרישע כאַלוימעס 65
בריוו פון מאַקס וואַקס 69
פון אַ ניו־יאָרקער בריוו צו מאַקס וואַקס 118
די „פֿאָרווערטס״־געביידע 125
בריוולעך און ענטפערס 128
מענטשנקינדער און וואונדערקינדער 131
אַ רעגע מיט ב. קאָוונער׳ן 133
מיט ה. ד. נאָמבערג׳ן 134
וועגן דריבנע זאַכן 137
ס׳האָט זיך פאַרלאָפן 141
זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ 145
כ׳מיין 154
. . . און וועגן באָריישע׳ן אויך 158
טעאַטעריי 163
און היינט פרץ הירשביין! 173
„די צאָרע מיט דער אידישער ליטעראַטור איז״ 182
דער אַנטלאָפענער אברהם רייזען 182
אָבער פּאַני ש. ניגער! 184
אַביסעלע פּינסקי, אַ טראָפּעלע אַש 188
און היינט אָפּאַטאָשו 190
בערגעלסאָן, רייזען, גלאָזמאַן 192
מער אָדער ווייניקער 195
אין שאַפּ, אין גאַס, אין קאַפּיי 201
אויסצוג פון אַ רעדע 207
פעדערשטריכן 213
עמיץ קומט 219
צום קאָנגרעס פון אַמעריקאַנישע שרייבער 224
דער טערפּקע שכנא עפּשטיין 227
ביל גראָפּער 232
קאַפּיטלעך צום לעבן פון יאָסל קאָטלער 242

אנדערע ביכער פונזעלבן מעכאבער:

ווילדע רויזן ליטעראַרישער פאַרלאַג, ניו יאָרק.

פון מענטש צו־מענטש, פאַרלאַג „ווערבע", ניו יאָרק.

אויף געלעכטער, " " "

מעשה'לאַך מיט אַ מאָראַל, " " "

קום שפּאַצירן, געליבטע! " " "

מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָסדאָזיקע בלוט, "

(צווייטע אויפלאַגע פון דיזעלבע לעצטע זעקס ביכער, פאַרלאַג מייזל, נ. י.)

Peh-el-Peh,

Pagan Publishing Co., New York

פון נעכטן ביז מאָרגן, פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואַרשע.

דער פאַרזונקענער גלאָק (איבערגעדיכטעט) "

פון־מענטש־צו־מענטש (נייע פאַרבעסערטע אויפלאַגע), פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואַרשע.

אַ לאָמפּ אָפן פענצטער, (לידער), פאַרלאַג נאַראַיעוו, נ. י.

דערלאַנג אַהער די וועלט, בורזשוי, פאַרלאַג „פרייהייט", נ. י.

אונטער דער זון פאַרלאַג „פרייהייט", נ. י.

פון מיר צו דיר, פאַרלאַג „קולטור־ליגע", קיעוו.

געקליבענע ווערק (רעווידירטע אויפלאַגע פון די גאַר ערשטע ביכער.

אין 5 בענד, צווישן וועלכע עס געפינט זיך דאָס שפּעטערע און נייע בוך „פון נעכטן ביז מאָרגן"), פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואַרשע.

ריווינגטאָן סטריט, (פּאָעמע), פאַרלאַג „מאָרגן־פרייהייט", נ. י.

טעג פון מיינע טעג, " " " "

פּאָלעמיק, אידביוראָ פאַרלאַג, ניו־יאָרק

טינט און פעדער, " "

קינד אָן קייט, פאַרלאַג אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער אָרדן, נ. י.